STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00606

NAVE-NAD

Fryda Zerubavel

Permanent preservation of this book was made possible by
Miriam Cohen
in memory of
H. Robert Cohen

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פרידע זרובבל

נעוונד

די הכנסה פונעם בוך איז באשטימט פאר
דער הילפס־ארבעט פונעם פוילישן יידנטום.

דאָס פּוילישע ייִדנטום

ביכער־סעריע פון דעם צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן
אין אַרגענטינע

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

ביז איצט דערשינען:

1) מאַרק טורקאָוו: מלכה אָושיאַני דערציילט... (אויספאַרקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג: י. ל. פּרץ (אויספאַרקויפט)
3) וו. גראָסמאַן ־ י. וויערניק: טרעבלינקע (אויספאַרקויפט)
4) פּרץ גראַנאַטשטיין: מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספאַרקויפט)
5) ישראל טאַבאַקסבלאַט: חורבן לאָדזש
6) זרובבל: בארג חורבן (קאַפּיטלען פּוילן) (אויספאַרקויפט)
7) אלחנן צייטלין: אין אַ ליטעראַרישער שטוב
8) ד״ר ח. שאָשקעס: פּוילן — 1946 (איינדרוקן פון אַ רייזע)
9) ז. סעגאַלאָוויטש: טלאָמאַצקע 13
10) מ. נודעלמאַן: געלעכטער דורך טרערן
11) ד״ר מאיר באַלאַבאַן: די ייִדן־שטאָט לובלין
12) **ישראל אפרת: הײמלאָזע ייִדן**
13) **ד״ר יעקב שאצקי: אין שאָטן פון עבר**
14) דוד פלינקער: א הויז אויף גזשיבאָוו
15) ד״ר הלל זיידמאַן: טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ
16) **קינדער־מארטיראָלאָגיע (זאַמלונג פון דאָקומענטן)**
17) חיים גראַדע: פּליטים
18) **ש. קאַטשערגינסקי: פּאַרטיזאַנער גייען!... (ווילנער געטאָ)**

עס דרוקט זיך און דערשיינט בקרוב:

מרדכי שטריגלער: מאַידאַנעק
יעקב לעשצינסקי: אויפן ראַנד פון אָפּגרונט
ז. סעגאַלאָוויטש: געברענטע טריט
ר. שושנה־קאַהאַן: אין פייער און פלאַמען (טאָג־בוך)
יאָנאַס טורקאָוו: אזוי איז עס געשען... (חורבן־וואַרשע)
יוסף אָקרוטני: אין קלעם
אברהם טייטעלבוים: מיין וואַרשע
ד״ר עמנואל רינגעלבלום: צו דער געשיכטע פון ייִדן אין פּוילן
ד״ר יצחק שיפּער: קאַפּיטלען געשיכטע
צפּורה קאַצענעלסאָן־נאַכומאָוו: יצחק קאַצענעלסאָן.

פרידע זרובבל

נע ונד

פארצייכענונגען פון א פליטה

ארויסגעגעבן דורכן
צענטראל-פארבאנד פון פוילישע יידן אין ארגענטינע
פארלאגס-לייטונג: אברהם מיטלבערג
בוענאָס איירעס, 1947

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE
COPYRIGHT BY
BRYDA ZERUBAVEL
TEL AVIV, 1947

Fryda Zerubavel

N A V E N A D

(Errante)

Buenos Aires, 1947

Hecho el depósito que marca la Ley 11.723
INDUSTRIA ARGENTINA

אינהאלט:

אין כאָאָס — 7
דער סקוועֶר בײַם קאַשטשיאַל — 14
מיר פאַרלאָזן אונדזער הויז — 18
איבער הײַף און דירות — 24
דער מאַרש פון חורבן — 31
פאַרן פאַרלאָזן וואַרשע — 36
מיר גייען — 45
אויף די וועגן פון אָקופּירטן פּוילן — 52
איך געזעגן זיך מיט נאַצי־פּוילן — 58
אין ביאַליסטאָק — 65
פון ביאַליסטאָק קיין לעמבערג — 71
אין סאָוויעט־גאַליציע — 77
דער קאָשמאַר אין קאָלאָמיי — 88
איך „שוואַרץ״ די גרענעץ קיין ליטע — 97
ווילנע — 121
צוליב א סערטיפיקאַט — 131
כ׳פאַרלאָז ווילנע — 137
איך פאָר — 142
אין רינגע — 145
שטאָקהאָלם — 146

מאלמע — — — — — — — — — — — — — — — 154
קאָפּענהאַגען — — — — — — — — — — — — — — 155
אמסטערדאם — — — — — — — — — — — — — — 160
בריסל — — — — — — — — — — — — — — — — 162
פּאריז — — — — — — — — — — — — — — — — 163
מארסעיל — — — — — — — — — — — — — — — 165
דער סוף פון דער וואנדערונג — — — — — — — — — 168

I

אין כאַאָס

דעם 20סטן אויגוסט 1939. איך בין ווידער אין ווארשע. איך האָב זיך נישט געגארט. פריינט און באקאנטע נעמען מיך אויף הארציק. דער טעלעפאָן קלינגט נאָכאנאנד. מען פרייט זיך מיט מיר און איך פריי זיך מיט זיי. מיר שפאצירן ארום איבער די אויסגעשענערטע גאסן שפעט אין דער נאכט און איך אנטציק זיך מיט דער שטאָט: ווי הארציק ליב האָב איך זי. מיר גייען אין א רעוויי־טעאטער; אויף דער בינע לאכט־אָפּ דער אקטיאָר פון היטלערן, און דער עולם האָט הנאה. שפעטער זיצן מיר אין א קאפע. מיין באקאנטער, דער יונגער שרייבער צאנין, איז שטארק נער־וועז, וואָס ס׳איז נישט אין זיין טבע, און רעדט נאָכאנאנד וועגן קריג. מיין צווייטער באקאנטער, דער פועלי־ציוניסטישער פארטיי־פירער זאגאן, לאכט אים אויס און פארזיכערט, אז היטלער איז נישט צוגעגרייט און קיין קריג וועט נישט זיין, הגם מען שלאָגט זיך שוין אין דאנציק און אין גדיניע. אין א געדריקטער שטימונג געזעגענען מיר זיך און באשטימען זיך צו טרעפן אויף צו מאָרגנס.

דערווייל איז מיין אלטיטשקע מאמע קראנק געוואָרן און איך גיי א פאָר טעג נישט ארויס פון שטוב.

אָט קלינגט דער טעלעפאָן און מיינע פריינט בעטן מיך, אומבא־דינגט קומען צו זיי אויף מיטאָג. אזוי ווי מיין מוטער איז דעם טאָג א ביסל בעסער און איך בין דאָך שוין לאנג אויף דער גאס נישט געווען, נעם איך אָן די איינלאדונג.

עס איבעראשט מיך דאָס מאָדנע נערוועזע לויפן פון מענטשן אויף אַלע גאסן; עס גייען אייליק גרופּן מיט בלאַנק־נייע לאָפּעטעס אויף די פּלייצעס. שילער און שילערינס, ארבעטער, סאָציאַליסטן פון פארשידענע פּארטייען. יעדע גרופּע באזונדער. סטודענטן און סתם מענטשן. דאָס גייט מען פרייוויליק גראָבן גריבער אין אַלע גערטנער און אויף אַלע פּלעצער, ווו ס'איז נאָר פאראן ערגעץ ווו פּאַרזייטע גרינס; דאָס גייט מען מאכן שוץ־גריבער קעגן די באָמבעס. איך גיי דורך דעם זאקסישן גאָרטן און ס'הארץ פארקלעמט מיר פאר ווייטיק. דער גאנצער גאָרטן איז צעגראָבן. מען מאכט טיפע גרובנס, גאנצע טונעלן; קינד און קייט גראָבט. איך פאר־שטיי נישט, ווי אזוי דאָס וועלן זיין שוץ־גרובנס. מען דערקלערט מיר, אז די גרובנס וועט מען פאַרדעקן מיט ברעטער, מען וועט אריינגיין אין אזא גרובן — און דאָרט זיך אויסבאהאלטן, ביז וואנען די באָמבעס וועלן דורך. אזוי ארום וועט מען אויסמיידן צו ווערן געניזוקט און קאַליעטשעט פון די שטיקלעך און ברעקלעך, וועלכע צעפאלן זיך ווייט ארום נאָך דעם קלאַפּ פון די באָמבעס. איך הער זיך איין, שטעל זיך דאָס קנאַפּ פאָר, און טראכט: הלוואי זאָלן דאָס קיין טויט־גריבער נישט זיין. איך קוק אויף די אונטערגעגראָבענעביימער, וועלכע וועלן געווים נאָך א שטארקן רעגן שנעל איינפאלן, ווייל זיי שטייען דאָך כמעט אין דער לופטן.

וואָס ווייטער איך גיי איבער די גאסן, לויפן מיר אנטקעגן מער מענ־טשן, וואָס וויינען און רעדן הויך אויפן קול. מען קלעפּט מודעות וועגן מאָביליזאציע. מענער שטודירן די רשימות פון די ארויסגערופענע יאָר־גענגג. וייבער ברעכן די הענט און קלאָגן, יאָמערן.

איך קום ארויף צו מיין חברטע מרים גוטגעשטאלט צום איינגע־לאַדענעם מיטאָג און דערציייל גאָרנישט. איר מאַן, הערש, א בונדיסט, פארשפּעטיקט זיך, קומט צו לויפן האלב משוגע און ברעכט אויס אין א היסטעריע: ניין, איך וועל נישט גיין אין קריג מיט היטלערן, מיר, אין פּוילן, זענען דאָך סיי ווי סיי פארפאלן. ער וועט אונדז צערייבן. אָבער איך וויל לעבן, איך וויים, וואָס עס הייסט קריג. איך וויל נישט!

איך לאָז אים זיך אויסשרייען און זאָג: אזוי גאָר? דאָס איז שיין! א סאָציאַליסטישער פירער, און וויל נישט גיין אין הייליקן קריג קעגן

היטלערן, כדי אים צו פארניכטן?! שעם זיך! ווער דען זאָל גיין, אויב נישט מיר, סאָציאַליסטן?!

מיינע ווערטער ווערן איבערגעריסן דורך א שטארקן קלונג אין טע־לעפאָן. מען וויל פון אלע זייטן זיך דערוויסן, וועלכע יאָר־גענג זענען מאָ־ביליזירט. מיר עסן דאָס מיטאָג אין א גערדיקטער שטימונג. איך לויף אהיים און אויפן וועג קויף איך איין א זאפּאַס עסנווארג. איך קום אהיים, ערשט מיין שוועסטער האָט איינגעקויפט פּראָדוקטן אויף א פּאָר חדשים. מיר זענען צופרידן, ווייל מען כאפּט איצט שפּייז פון די הענט.

צומאָרגנס הייבן אָנקומען קיין ווארשע באקאנטע און נאָענטע פון פארשידענע עקן לאנד. אלע ווילן זיין אין דער הויפּטשטאָט, וועלכע וועט דאָך, אָן צווייפל, זיין אמבעסטן געהיט און באשיצט. איך לויף וועגן א שיפס־קארטע און וויל צוריקפאָרן אהיים, אין תל אביב. מען ראט מיר אָבער, נישט צו פאָרן. אין פּאלעסטינע־אמט זאָגט מען מיר: ניין! איר דארפט איבערווארטן א פּאָר טעג. מען שמועסט, אז באנען ווערן באָמ־בארדירט. טאָר מען נישט קריכן אין פייער. איבעריקנס קאָנט איר נאָך ווערן אינטערנירט ערגעץ־ווו, און זיצן אין לאגער, ווי א שטייגער ז ב אָ נ ש י ן . איז דאָך בעסער, איבערווארטן דעם בליץ־קריג אין ווארשע, צווישן אייגענע.

איך ווארט. איך גלויב נישט, אז ס'איז טאקע דער אָנהייב פון קריג און וויל אָפּשלעפּן די צייט. מען הערט שוין באָמבאַרדירן, מען דערציילט וועגן איינגעפאלענע הייזער. אָבער וואָס האָט דאָס אלץ פאר א שייכות צו מיר און צו א ו נ ד ז ע ר וווינונג?

צומאָרגנס. סוחרים עפענען נישט די געוועלבער; קוים מען קריגט וואָס צו קויפן. כ'מאַך ווייטער איינקויפונגען, און כאָטש די באָמבעס פליען איבערן קאָפּ, כאפּ איך וואָס מען באקומט. מייערן, געטריקנטע פלוימען, שוואָמען, אייער. א פארסאָפּעטע קום איך אהיים. די מוטער איז ארויס פון בעט. מען שמועסט, אז מען גרייט־צו קעלערס, כדי זיך דאָרט אויס־באהאלטן פון באָמבעס. מיין מוטער גלויבט, אז אירע פּאָר גאנץ אלטע ספרים וועלן זי געווים אָפּהיטן פון אלעם בייז, ווי שטענדיק. מיר באשליסן בלייבן אין שטוב. דער ראַדיאָ איז אָפּן כסדר און דער ספּיקער דערציילט אָן אויפהער, וואָס עס געשעט אינעם לאנד.

שרעקלעך זענען די טעג, אָבער די נעכט זענען נאָך ערגער. מען מוז די פענסטער שטרענג פאַרהענגען, דער שונא זאָל נישט טרעפן ווו צו באָמבאַרדירן. טאָר מען קיין פענסטער נישט עפענען שוין פון 5־6 נאָכ־מיטאָג. די פענסטער מוזן זיין גדיכט פאַרהאָנגען, ווייסט מען דעריבער נישט, וואָס עס טוט זיך אויף דער גאַס. אויף דער גאַס גייט מען נישט, ווייל מען זעט פשוט נישט דעם וועג און עס שרעקט דאָס אויסזען פון די פינסטערע גאַסן. די מאַכט האָט געהייסן אָנקלעפּן אויף די שויבן לענגלעכע פּאַסן פּאַפּיר אין דער ברייט און אין דער לענג פון די ראַמען. דאָס פאַרהיט די שויבן, זיי זאָלן נישט ארויספאַלן בשעת דעם באָמבן־אָנגריף. איין שטוב אין יעדער דירה מוז מען גאַנץ פעסט איזאָלירן, דאָס הייסט — פאַרקלעפּן די פענסטער אַזוי, אַז קיין לופט זאָל נישט אריין, דאָס נעמלעכע — די טירן און דילן. צוגרייטן אויף א טישל נויטיקע מע־דיקאַמענטן, משטיינס געזאָגט, וואַסער מיט סאָדע, יאָד און אַנדערע זאַכן, ווי וואַטע, גאַזע און ספּירט. דענסטמאָל וועט מען שוין קענען אין דער הויפּטשטאָט וואַרשע גאַנץ רואיק זיצן אין צימער אפילו בשעת אַן אָנגריף. די פענסטער־שויבן. זענען באַשיצט. דער גאַז קומט נישט צו, עסן האָט דאָך יעדערער, אויך וואַסער איז אָנגעגרייט צום טרינקען, און וועגן דער באַשיצונג פון דער שטאָט טראַכטן אונדזערע מאַכטהאָבער: די רעגירונג מיט אירע איבערגעגעבענע סאָלדאַטן. אגב, האָב איך מיט חדשים שפּע־טער געטראָפן אין אַנדערע שטעט פון איראָפּע, ווי בעלגיע, האָלאַנד, פראַנקרייך, די זעלבע באַשיצונג פון פּאַפּיר, וואָס האָט געהאָלפן ווי א טויטן באַנקעס. וויי, וויי, וויפל געלט און מי האָט מיך געקאָסט דאָס פאַרהענגען די פענסטער און צוגרייטן דעם איזאָלירטן צימער! — —

דער ספּיקער דערציילט וועגן דעם, אַז די דייטשן האָבן פאַרנומען א גרויסן טייל פון לאַנד. אָבער דאָס מאַכט נישט, זאָגט ער, דאָס איז א סטראַטעגישער מאַנעווער. מיר וועלן זיי מיט איינמאָל צוריקשטופּן.

דערווייל באָמבאַרדירט מען אַלץ שטאַרקער די שטאָט. אויף דער גאַס גייען אָדער לויפן מענטשן — נאָר יענע, וועלכע מוזן ארויס אין גאַס. נישט אַלע בעקערייען באַקן ברויט. דערפאַר זענען די רייען פאַר די בע־קערייען וואָס אַמאָל לענגער. מען שטופּט זיך, מען שרייט. די אָרימע באַ־פעלקערונג האָט דאָך נישט קיין זאַפּאַסן. די אָרימע מאַמעס און טאַטעס

שטייען אין ריי נאָך ברויט. שטיין קאָן מען אזוי פון 4 פארטאָג, כאָטש דאָס ברויט צעטיילט מען פון 8 ביז 9. מען באָמבארדירט... אויף דער גאס זעט מען נישט קיין מענטש. אָבער די ריי מענטשן נאָך ברויט שטייט אומבאוועגלעך, שטארק צוגעקלעפּט צו דער מויער, ווי זיי וואָלטן זיך אויסבאהאלטן פאר די באָמבעס־ווארפערס, יענע זאָלן זיי נישט באמערקן. קיינער וויל נישט פארלאָזן די ריי. ווייל אָט שטייט מען שוין אזוי פיל שעהן, און אין איין מינוט קען מען פארלירן דאָס אָרט אין דער ריי. ביי דעם פארטיילן דאָס ברויט טוען זיך שרעקלעכע זאכן. עס געפינען זיך שטענדיק פיינע חברהלייט, וועלכע שטופּן אוועק די יעניקע, וואָס שטייען פון פארטאָג, און שפּארן זיך דורך מיט כוח די ערשטע. זעלנער לויפן אַ ז אַ ריי. זיי קומען און קויפן אויס דאָס ברויט פאר זייערע משפחות. בלייבן כמעט שטענדיק די פון לאנג שטייענדיקע אין די רייען אַ ז ברויט.

גרויס איז געווען די צאָל פון פארוואונדעטע די ערשטע טעג צווישן אָט די מענטשן. אויף די גאסן מאכט מען באריקאדן. מען האָט באַשלאָסן, נישט אָפּצוגעבן די שטאָט, און קעמפן פאר גאס נאָך גאס, פאר הויף נאָך הויף, ווי אין מאדריד. רייסט מען ארויס שטיקער טראָטוארן, מען צעגראָבט אזוי ווייט, אז די גאז־ און וואסער־רערן בלייבן גאנץ נאקעט, און מען שטעלט אויף הויכע באריקאדן. אַלץ אָן פּלאן, אָן אָרדענונג. פון די גאסן ווערן טאָלן און הויכע שוץ־בערגלעך פון איבערגעקערטע טראמ־ווייען, טישן, בענק און פארשידענע כלים, ווי שיסלען, טעפּ און דעס־גלייכן. איבערגיין פון איין גאס אויף א צווייטער איז פון די שווערסטע זאכן. איך מוז אָבער גיין יעדן טאָג צו מיין באקאנטער באשע בוקסבוים — זי דארף געבוירן דאָס ערשטע קינד.

די רעגירונג האָט געמאָלדן, אז די דייטשן דערנענטערן זיך צו דער שטאָט און עס איז געווונטשן, די מענער אין מיליטער־עלטער זאָלן פאר־לאָזן די שטאָט. איז געוואָרן א פּאניק. אַלט און יונג איז אנטלאָפן. סאָ־ציאַליסטן, פּארטיי־מענטשן האָבן פארלאָזן די שטאָט אין א סדר, גרופּנווייז. איך בין געווען געזעגענען אונדזער גרופּע לינקע פּועלי־ציון. מיר האָט פארקלעמט ביים הארצן, ווען איך האָב זיך געזעגנט מיטן חבר בוקסבוים, וועמענס פרוי האָט געוואַרט אויף א קינד פון טאָג צו טאָג. מיר האָבן זיך צעקושט און איך האָב אים צוגעזאָגט, אז איך וועל זיין

פרוי נישט פאַרלאָזן. א צווייטער חבר, דער לערער אהרן שיענניצקי, וועמענס פרוי און זון וווינען אין ארץ ישראל, דערציילט מיר, אז אזוי ווי מען וויל אים נישט נעמען אין מיליטער, כאָטש ער איז אַן אונטעראָפּיציר, און ער האָט זיך שוין צוויי מאָל געמאָלדן פּרייוויליק, פאַרלאָזט ער די שטאָט צוזאמען מיט אנדערע חברים. איך בעט דיך, זאָגט ער, גיב אָפּ מיין זון דעם לעצטן גרוס פון מיר. מעגלעך, אז איך וועל אים שוין מער נישט זען. — און טרערן שטעלן זיך אין זיינע אויגן.

לויף איך טאקע אלע טאָג, טראָץ דעם וואָס די באָמבעס פאַלן איבערן קאָפּ, זען, וואָס מיין באקאנטע מאכט. שווער איז דער וועג; מאָמענטנווייז איז די באָמבאַרדירונג אזוי שטארק, אז איך מוז אָפּוואַרטן שעהן, ביז מען לאָזט ארויס פון טויער נאָך דער באָמבעס־אַטאַקע. איך לויף דורך טאָלן און בערגלעך. אין לויפעניש טרעף איך אַן אלטן באַקאנטן, וואַרינסקי. ער איז געקומען צו לויפן פון לאָדזש. מיר לויפן צוזאמען. ער דערציילט מיר, אז ער האָט פאַרלאָזט די שטאָט לאָדזש. ער איז אַן אַרבעטער־פירער, געזעסן אין קארטוז־בערעזע (דאָס איז דער באַוווסטער פוילישער קאָנצענטראציע־לאגער, ווו מען האָט אומברחמנותדיק און מיאוס געפּייניקט סאָציאליסטן). מיר לויפן צוזאמען און ער דערציילט מיר שרעקלעכע זאכן וועגן זיין לויפן. מיר לויפן אינמיטן דער טויטער גאס. פּלוצים דערזע איך דעם אַקטיאָר זיגמונט טורקאָוו. ער לויפט מיט זיין יונגער פרוי. איר פּנים איז איבערגעשראָקן און בלאס. די האָר צעשויבערט. וואַרינסקי איז זיינער א שול־חבר. זיגמונט כאַפּט מיך אַרום מיט די ווערטער: פרידע, טייערע, וואָס טוסטו דאָ?! אָרימע! האָסטו טאקע דיין מאַן מיט קינדער אין תל אָביב?! קום צו אונדז, וועלן מיר זיין צוזאמען. איך האָב שוין נישט קיין וווינונג. אויך מיין טעאטער איז אָפּגעברענט. מיר האָבן געפונען א שוץ־ווינקל אין א קאַפע. קום צו אונדז, וועלן מיר כאָטש זיין צוזאמען.

איך זאָג אים, אז דערווייל האָב איך דאָך נאָך א וווינונג. די באָמבעס־אַטאַקע ווערט שטאַרקער, מיר שיידן זיך און לויפן ווייטער.

איך לויף און טראכט: ווי, ווי, איך זאָל כאָטש געפינען מיין מוטער און שוועסטער אין שטוב לעבעדיקע!

ענדלעך קום איך צו מיין באקאנטער, באשע. די געבורט האָט זיך שוין אָנגעהויבן פון נעכטן אָוונט. קיין דאָקטאָר האָט זי נישט. די אקושערין האָט

זיך אָפּגעזאָגט צו קומען — זי מוז באַשיצן איר לעבן פאַר אירע קליינע קינדער. לויט דעם אויסזען פון מיין באַקאַנטער זע איך, אַז צייט האָב איך נאָך. העלף איך ברענגען אין אָרדענונג די שטוב צום געבורט, לויף זוכן יאָד און וואַטע, ווייל אַלץ איז פאַרמאַכט, און לויף זוכן אַ דאָקטאָר, אַ ני־בעקאַלאָג. אַ שווערע זאַך איז דאָס, ווייל די דאָקטוירים זענען אַוועק אין מיליטער. ענדלעך האָב איך באַקומען אַ דאָקטאָר און איך לויף אַהיים צו מיין מוטער.

איך דערקען שוין נישט די גאַסן, דורך וועלכע איך לויף איצט. פון שעה צו שעה קריגן זיי אַן אַנדער אויסזען. הייזער זענען איינגעוואָרפן, אַלץ האָט זיך פאַרענדערט, און מיך נעמט אַרום אַ שרעק, קוקנדיק אויף אַ גאָר גרויס הויז פון זיבן שטאָק, ווי ס'איז צעשמעטערט געוואָרן מיט איין קלאַפּ. איז דאָס מעגלעך, אַז מיט איינמאָל זאָל צעשמעטערט ווערן פּראַצע, פאַרניכ־טעט ווערן האָב און גוטס פון אַזוי פיל מענטשן?

איך בין איבערראַשט און דערשיטערט, אָבער אויף קיין איין רגע טראַכט איך נישט, אַז איך וועל אויך זיין צווישן זיי, די אומקומענדיקע. איך קום אַהיים. און מיין אַלטע מוטער און שוועסטער שרייען אויף מיר, אַז איך האָב קיין רעכט נישט אַזוי גרינג צו שעצן מיין לעבן, וועלכעס איך מוז אָפּהיטן צוליב מיינע קינדער. איך אַליין גלויב נישט, אַז איך וועל נאָך אַמאָל זיין מיט מיינע קינדער, און דערפאַר ווייס איך נישט, וואָס זיי שרעקן זיך אַזוי, ווען איך גיי אַוועק פון שטוב.

נאָר איינמאָל, לויפנדיק צו מיין באַקאַנטער, גיב איך אַ טראַכט מיט־אַמאָל: וויי, וויי, עס קען דאָך טרעפן, אַז אונדזער הויז זאָל צעשמעטערט ווערן, — וווּ וועל איך זיי דעמאָלט זוכן? — און איך הייב אָן ווערן אומ־רואיקער. מענטשן באַהאַלטן זיך אין קעלערס. מיר טוען דאָס נישט. מיר אַלע באַשליסן צו טרעפן דעם טויט אין שטוב. נאָך וואָס שוין ביים לעבן זיין באַגראָבן?

פונדעסטוועגן פּאַקן מיר זיך.

מיין אַלטע מאַמע פּאַקט פאַרזיכטיק צוויי וואַליזעס מיט אַלטע ספרים, אַנטיקן. איך זאָג איר:

—מאַמע, צו וואָס פּאַקסטו איין די ספרים? בעסער גיב זיי איבער

די ישיבה בחורים, וואָס לערנען, אָדער דעם בית מדרש דאָ ביי אונדז אין הויף — אנדערש וועט דאָך קיינער פון זיי קיין נוצן נישט האָבן.

מיין מאמע איז נישט מסכים:

—די דאָזיקע ספרים, זאָגט זי, וועל איך נישט לאָזן ארויסנעמען פון שטוב. זיי האָבן מיך געהיט אין משך פון אַלע יאָרן, עס זאָל מיר קיין שלעכטס נישט פּאַסירן. אויך איצט וועל איך מיך פון זיי נישט שיידן.

II

דער סקוועַר ביים קאַשטשיאָל

מיר וווינען אין א גרויס הויז. אין געוויינלעכע נאָרמאַלע צייטן האָט אָט דאָס הויז פאַרמאָגט ביז 800 לאָקאַטאָרן. היינט זענען דאָ צונויפגעפּרעסט העכער 2000 דערוואַקסענע לאָקאַטאָרן און העכער 300 קינדער. צווישן די לעצטע זענען דאָ 6 אין עלטער פון 2-6 טעג.

מיין שוועסטער און איך האָבן אָרגאַניזירט א גרופּע יונגע מיידלעך, האָבן צונויפגעזאַמלט א ביסל פּראָדוקטן און געקאָכט פאַר די קינדער. ס'איז געווען א שווערע אַרבעט. קאָכן האָט מען געקאָנט נאָר אין די העכערע שטאָקן, ווייל פון דאָרט זענען די לאָקאַטאָרן אַנטלאָפן אוים מורא פאַר די באָמבעס, וואָס זענען געוועלנלעך געפאַלן אויף די דעכער און דאָרט טאָקע זיך אויפגעריסן. יעדער קנאַק האָט געלעכערט דעם מוח. און הגם די באָמבאַרדירונג האָט אָנגעהאַלטן עטלעכע טעג, איז דאָך שווער געווען צוצוגעוווינען זיך צו איר.

אין שטוב זענען מיר געווען דריי פרויען. מיין אַלטע מאמע, די שוועסטער מיינע און איך. קעגנאיבער אונדזער פענסטער איז געשטאַנען א שיינער אַלטער קאַשטשיאָל „פון אַלע הייליקע". ארום אים א גראַזיקער טעפּיך, פון וועלכן עס וואַקסן ארוים בלומען. די פענסטער זענען גוט פאַרדעקט און פאַרטונקלט. א שגעון האָט ארומגענומען די מענטשן אין יענע טעג. יעדער איינער איז פאַרדעכטיקט געוואָרן אין שפּיאָנאַזש. אויב דורכן פענסטער שפּאַרט ארוים א ביסל ליכט, ווערט עס אויסגעטייטשט, ווי געבן ציי־כנס דעם שונא, וואָס איז שטענדיק גרייט צו באָמבאַרדירונגען פון אויבן.

האָט מען דעריבער מורא אָנצוצינדן ליכט אין די הייזער און א סך איינ־וווינער, ביי וועמען די פענסטער קומען ארויס צום גאס, זיצן אין פולער פינסטערניש.

איך קוק ארויס דורך די שפּעלטעלעך אין דרויסן. די גאסן זענען איינ־געוויקלט אין פינסטערניש און טויט שרעק שפּארט פון דאָרטן. דעמערונג פון ערב ראש השנה. די מאמע איז אין שול ביי אונדז אין הויף. א גאנצן טאָג זענען באָמבארדירט געוואָרן די יידישע גאסן מילא און שוויענטאָ־יערסקא.

ס׳קלינגט דער טעלעפאָן. איך גיי צו, מיין פלימעניק דערציילט, אז בשעת דער באָמבארדירונג איז ער געשטאנען מיט זיין יינגל אויף די טרעפּ פון הויז און דאָס יינגל איז שווער פארוואונדעט געוואָרן אין פוס דורך א שפּליטער פון א באָמבע. וועלכע איז אריין דורכן פענסטער. אַזוי ווי אלע שפּיטעלער זענען האלב רואינירט און ווערן אומאויפהערלעך באָרבארדירט, האָט מען די חולאים אריבערגעפירט אין די קעלערן פון די קלויסטערס. אויך זיין זון געפינט זיך אינעם קאָשטשיאָל, וואָס קעגנאיבער אונדזער הויז. ער, מיין פלימעניק, קאָן ביי זיך נישט פועלן אריינצוגיין אין קאָשטשיאָל. זיין פרומקייט דערלויבט עס אים נישט. איז ער אָבער אומרואיק. ער איז באזאָרגט וועגן צושטאנד פון זיין פארוואונדעט יינגל, בעט ער מיך, א י ך זאָל גיין אין קאָשטשיאָל און זיך דערוויסן, וואָס מאכט זיין זון.

א רגע שפּעטער קלינגט ווידער דער טעלעפאָן. דאָס קלינגט מען מיר פון באשען, וועלכע וואַרט שוין אויף דער געבורט דעם צווייטן אָוונט. מען גיט מיר צוּוויסן, אז דאָס הויז ברענט און מ׳ווייסט נישט, וואָס צו טון מיט דער קינפּעטאָרין. דאָס אָרט איז ווייט פון אונדז. ס׳האָט זיך שוין אראָפּגעלאָזט די נאכט מיט אירע פינסטערע פּחדים. מען וועט מיך סיי ווי נישט לאָזן גיין פון דערהיים. ראט איך זיי, מען זאָל די קינפּעטאָרין ארי־בערפירן אין נאָענטן הויז צו אונדזערן א פריינט. ער איז א צאָן דאָקטאָר. די באדינגונגען דאָרט זענען בעסער ווי ערגעצוו אנדערש.

אין עטלעכע מינוט ארום, מען קלינגט שוין ווידער: אפשר ווייס איך, וווּ קאָן מען קריגן א טראָג־בעטל? ס׳האָבן זיך אָפּגעזוכט צוויי חברים, וואָס זענען גרייט אריבערטראָגן די קינפּעטאָרין, אָבער זיי האָבן נישט, מיט וואָס זי אריבערצוטראָגן. א פארשעמטע און א פארלוירענע, הלמאי

איך קום נישט צו הילף, בין איך אריין צו אונדזער שכן, ברוגז אויף דער מאמען און שוועסטער, וואָס לאָזן מיך נישט ארויס פון שטוב, כאָטש דעם אמת גערעדט, וואָלט איך סיי ווי זיך נישט געלאָזט אין אזא ווייטן מהלך.

דער קאַשטשיאַל און דאָס גרויסע פיל שטאָקיקע הויז אויף פּלאַץ גזשיבאָווסקי 7 ווערן נאָכאנאנד באָמבארדירט. איך גנבע זיך ארויס פון שטוב און לויף צום קאַשטשיאַל. אינעווייניק איז א גרויליקע פינסטער־ניש. בלויז אין א ווינקל צאנקט א ברענענדיקע ליכט און עטלעכע בארעמ־הערציקע שוועסטער איילן דורך. איך פרעג ביי זיי, ווו געפינט זיך מיין קרוב. זיי ענטפערן מיר, אז זיי ווייסן נישט. „מיר פארשרייבן נישט קיין נעמען. יעדע ווײַלע ברענגט מען אהער קראנקע פון שפּיטעלער און פון גאַס, מען באָמבארדירט אונדז אומאויפהערלעך, האָבן מיר באהאלטן די קראנקע אין די קעלערס. ווילסט — גיי דאָרט צו און זוך אים".

איך נידער אראָפּ און ס׳נעמט מיך דורך אן אימה. די קעלערס זענען גרויס און האלב טונקל. זיי זעען מיר אויס ווי ריזיקע קאטאקאָמבעס. אויך דאָ ברענען קליינע ליכט און פארשפרייטן א קארגן שיין. אויף דער ערד, אין פארשידענע ווינקלען, וואלגערן זיך פארוווּנדעטע מענטשן אין שמוציקע פארבלוטיקטע קליידער. ס׳איז זיך שווער פונאנדערקלייבן, ווו זע־נען מענער און ווו זענען פרויען, אלטע און יונגע. זיי פּלאַטערן קאָנ־ווולסיוו אין זייערע ווייטיקן, קרעכצן און בעטן זיך רחמים: וואסער, וואַ־סער, העלפט, וואסער. האָט רחמנות, דערבארעמט אייך.

א שווידער האָט מיך אדורכגענומען; איך זע זיך אליין, ווי איך ליג צווישן די ליגנדיקע. איך אנטלויף פון דעם שרעקנס אָרט. צו מיין פלימעניק האָב איך טעלעפאָנירט, אז מען האָט מיך נישט אריינגעלאָזט. אגב, איך האָב קיינמאָל פריער נישט געזען דאָס יינגל און וואָלט אים מסתמא סיי ווי נישט דערקענט. אויך ער וואָלט מיך נישט דערקענט.

עס ציען זיך מאסן פון וואָליע, די געגנט, וואָס איז פון אונדז ווייט ביי א האלבע שעה גאנג. מען גיט איבער, אז דאָרט הייבט זיך אָן א שווע־רע שלאכט. דער גאנצער קווארטאַל איז אין פייער. די דייטשן קומען צו אלץ נענטער. דער הארמאטן קנאלן איז גאָר נאָענט. ווי די שיסעריי וואָלט געקומען פון אונדזער גאַס. ס׳איז בין השמשות. א וואונדערלעכער וועטער

ג ע ו נ ד

פון תשרי חודש אין פוילן. א לייכט ווינטל בלאָזט. מ׳זעט נישט קיין מענטש אין גאס. מ׳כאפט די מענטשן צו דער ארבעט, אויפצושטעלן כלערליי פאר־פעסטיקונגען ארום דער שטאָט. ביז אהער האָט זיך די יידישע יוגנט פריי־וויליק געוואָרפן צו אָט דער ארבעט מיט התלהבות. איצט מערן זיך די קלאנגען ,אז די דייטשן קומען באלד אריין, האָט מען מורא פאר זייער נקמה. איז דעריבער די גאס פוסט און שטיל. א גאנצן נאָכמיטאָג האָט מען געזען איינצלנע וועגענער פון פויערים, וואָס קערן זיך אום פון וואליער פראָנט מיט געצייליטע זעלנער. בלייכע, מיט פונאנדערגעעפנטע אויגן זענען זיי געזעסן איבערגעשראָקענע, דערשלאָגענע. איצט איז פולע שטילקייט, מ׳זעט שוין מער נישט אפילו די וועגענער. מיך שרעקט אָט די שטילקייט, וואָס ווערט איבערגעריסן בלויז דורך הארמאטן שאָסן.

פלוצים פארנעם איך טריט. שווערע טריט, פערדישע טריט מיט אַן אָפּהילך. איך קוק ארויס: פערד שפאנען. אָט באווייזן זיי זיך אין גאס. איינער, צוויי, דריי, פינף, זיבן. זיי קומען אליין, אליין אָן די רייטער. זיי שטעלן זייערע טריט לאנגזאם, טריט נאָך טריט. גייען צו אומעטיקע צו אונדזער פענסטער, זוכן עפּעס אונטער זיך, שנאָרכן. אָט גיט איינער א קני, צאפּלט זיך א ווײַלע און — אוים. דערליידיקט. ער איז טויט. די איבעריקע פערד שטייען און ווארטן. עמעצער קומט צו זיי צו, דערלאנגט זיי וואסער אין אן עמער. זיי טרינקען שנעל, אײַלענדיק, און זוכן ווייטער. וועמען זוכן זיי? זייערע רייטער?

איך שטויס זיך אָן, אז דאָס זענען פערד, וואָס קומען פונעם פראָנט.

ווו זענען די זעלנער, וואָס זענען אָקאָרשט וואָס געזעסן רייטנדיק אויף זיי?

וו ו זענען זיי? וו ע ר זענען זיי?

אויפן פערטן טאָג, 7 אזייגער אינדערפרי, הערן מיר עפּעס. מיר הערן די ש ט י ל ק יי ט. נאָך די שרעקלעכע נעכט פון הארמאטן שאָסן און באָמבעס פלאצן איז פלוצים געוואָרן שטיל. איך בין ארויס אין גאס. מען זאָגט, אז די רוסן זענען געקומען צו הילף פוילן און אָט קומען זיי אריין אין שטאָט. איך לויף זיי אנטקעגן און גיי פארביי די רואינעס פון אונדזער גאס, נעבן קאָשטשיאָל.

די קריסטן האָבן דאָ אויסגעגראָבן ציטווייליקע קברים. בערגלעך איבער בערגלעך אָן אַ סדר, און אויף זיי ברעטלעך מיט פאַרצייכנטע נע־מען. ס'איז לייכט צו דערקענען, אַז די קברים זענען נישט געמאַכט דורך ספּעציאַליסטן, פאַכמענער. מיט אַן איינגעהאַלטענעם ציטער לייען איך אויף די ברעטלעך: דאָ רוט יאַדוויגאַ, 18 יאָר אַלט. דאָ איז באַגראָבן סטאַך, 8 יאָר אַלט. דאָ ליגט וולאַדיסלאַוו סטאַזשיק, 70 יאָר אַלט. ער־טערוויין — לעבעדיקע בלומען, רויזן.

ווי שרעקלעך זעט איצט אויס דער סקווער. פול מיט פגרים. אָנגע־וואַלגערטע איינער אויפן צווייטן. מענער, פרויען, קינדער, פערד. מענטשן דרייען זיך אַרום און זוכן צווישן די מתים. מאַנסביל. ווייבער. יידן, קריסטן. יעדער איינער וויל דערקענען זיין קרוב. דאָ ווײנט מען נישט. מ'אַרבעט שטיל. מ'גראָבט קברים און מ'באַגראָבט די מתים אין זייערע בגדים. אַ יידיש יינגל שטויסט אַוועק פון זיך מיט כעס אַ קערפּער פון אַ מת און ברומט אַ פאַרצווייפלטער: איך האָב געמיינט, אַז דאָס איז מיין טאַטע און האָב זיך אומזיסט געפרייט...

צוויי קריסטינס האָבן זיך אַריבערגעבויגן איבער אַ פערדישער נבלה און שניידן אויס פון איר שטיקער פלייש. זיי האַלטן אונטער טעפּ, כדי דאָס בלוט זאָל אַהין אַריינרינען. זיי שילטן איינע די צווייטע, ווייל אין איין טאָפּ איז אַריינגערונען מער בלוט, ווי אין צווייטן. שרעקלעך, משוגע צו ווערן.

מיר דוכט זיך, אַז כ'בין אַריינגעפאַלן אין אַ שטאָט פון משוגעים, און איך אַליין בין איינע פון זיי.

III

מיר פאַרלאָזן אונדזער הויז

מיר וווינען אויפן ערשטן שטאָק און אַלע פענסטער גייען אַרויס אין גאָס. אונדזערע זאַכן זענען געפּאַקט אין פּעקלעך: טאָמער וועט ברע־נען, ווען מיר זיין גרייט און באַווייזן וואָס עס איז אַרויסראַטעווען. אונ־זערע צימערן זענען קליינע און יעדער שאָס־היל‫כט־אָפּ מוראַדיק אין די אויערן.

אויף אונדזער ערשטן שטאָק האָבן מיר צוויי שכנים. ביידע זייער רייכע פאמיליעס. איינע — אַן אַלט חסידישע פאמיליע, די צווייטע — אויפגעקומענע גבירים. פשוטע מענטשן, אָבער די קינדער זענען שוין געבילדעטע. ביידע פאמיליעס פארמאָגן גרויסע וווינונגען מיט 2 ארויסגאנגען: איינער אויפן הויף, דער צווייטער — צום טויער אין גאס. די חסידים זענען מענטשן העכסט סימפאטישע און איידעלע. זיי זיצן אלע אין 2 צימערן, ווו די פענסטער גייען ארוים אויפן הויף; צו דער גאס זיצט זיך נישט. דאָ, ווידער, האָט מען אַן איינדרוק, אז דער באָמבע־וואַרפער זעט אונדז נישט. די 2 צימערן און קליינער קאָרידאָר זענען געפאקט מיט מענטשן, אייגענע משפחה און פרעמדע, זקנים און קליינינקע קינדער. אלע עסן, שלאָפן און זיצן דאָרט נאָכאנאנד.

די אנדערע פאמיליע שכנים זענען שלעכטע מענטשן, ביי זיי איז די טיר פארמאַכט און זיי לאָזן קיינעם נישט אריין. קומט צו זיי א דעלעגאציע און פאָדערט, זיי זאָלן אריינגעמען 2 פאמיליעס, אַנטלאָפענע פון וואָליע —די פאַרשטאָט פון ווארשע—, האָבן זיי נישט קיין ברירה און זענען מסכים אריינצולאָזן, אָבער נאָר... צום שלאָפן. זיצן די 2 פאמיליעס מיט אַן אלטער מוטער און צוויי קליינינקע קינדער א גאנצן טאָג אויף די שטיגן פון קיך. ערשט ביינאכט גייען זיי אריין שלאָפן.

אונדז איז פריקרע אויסצונוצן די גוטע שכנים — זיצן מיר ביי די שלעכטע. ווען מ׳באָמבארדירט — לאָזן זיי אונדז אריין. צו ווייזן, אז אויך ביי זיי זיצן פרעמדע.

ביינאכט זענען מיר ביי די שלעכטע שכנים. אלע מענטשן זיצן אָדער ליגן אין קיך. מיר האָבן אויסגערעכנט, אז זייער 5־צימערדיקע וווינונג וועט זיין דער פאסיקסטער שוץ־אָרט. שלאָפן אויף דער ערד, אויף בעטגעוואנט, צוויי פרעמדע משפחות, אונדזערע שכנים, א משפחה פון פראגע, מיין מוטער און שוועסטער. איך קאָן ביי זיך נישט פועלן א ז ו י צו שלאָפן. דאָס פענסטער איז גוט פארהאָנגען. זיץ איך יעדע נאכט און לייען עמיל לודוויגס „נאפּאָלעאָן״. דער ראַדיאָ איז אָפן. הער איך א גאנצע נאכט די נייעס.

שרעקלעך זענען די נעכט בשעת דער באָמבארדירונג, ווען אלע שלאָפן. איך האָב א געפיל, אז בלויז איך בין געשיצט, ווייל איך שלאָף

נישט. וועק איך אויף די ארומיקע און מאך זיי גרייט צום לויפן. כ'הער און דערוויס זיך: קיין גאז־פייער איז נישטאָ, קיין וואסער — אויך נישט. דער ספיקער רופט אין מיטן דער נאכט: בירגער, דערבארעמט אייך, קומט ראטעווען די גרויסע פאבריק אויף פראגע, אנישט וועלן זיך די ארומיקע הייזער אויך אָנצינדן!

אין א פּאָר מינוט ארום שרייט ווידער און בעט זיך דער ספּיקער מיט זיין שטים, וועלכע איז מיר תמיד אזוי ליב געווען: בירגער, וועט זיך טאַקע קיינער נישט געפינען, ווער עס זאָל קומען ראטעווען? עס ברע־נען צוויי דערבייאיקע הייזער, נעמט מיט זיך עמערס מיט וואסער, ראַ־טעוועט די אָרימע מענטשן מיט קינדער!

איך לויף צו די פענסטער, וואָס גייען ארויס צו דער גאס. רויט איז דער הימל. עס לויפן מענטשן, דערוואקסענע און קינדער מיט פּעקלעך אויף די פּלייצעס, הגם ביינאכט האָט מען נישט געטאָרט זיין אין גאס. דאָס לויפן די, וואָס האָבן שוין קיין נישט קיין וווינונגען.

א מידע און צעבראָכענע נעם איך אויף דעם פארטאָג, כאָטש מען באָמבארדירט און ס'איז נאָך בלוי. איך וועק מיינע און זאָג זיי, אז איך בין טויט־מיד פון אזוי פיל נעכט נישט שלאָפן. איז וואָס עס זאָל נישט זיין, גיי איך אריין אין שטוב זיך צולייגן. אונדזער טיר איז דערנעבן. מיין מוטער און שוועסטער זענען בייז אויף מיר; זיי ווילן נישט זיצן אין אונדזער שטוב, אָבער זיי גייען מיט מיט מיר, ווייל מיר צעשיידן זיך נישט אויף א רגע אין די טעג — אלץ האָט זיך ווי איבערגעריסן צווישן אונדז און דער דרויסנדיקער וועלט. דער טעלעפאָן קלינגט נישט מער. זיצט מען און מען וואַרט...

דער ספּיקער הייסט אויסהאלטן, און מיר וואַרטן אויף הילף פון די גרויסע מלוכות. זי קומט דאָך געוויס יעדע רגע. מיר איז שוין אלץ איינס, אַבי שלאָפן. איך באַשלים פאַר יעדן פּרייז: ש ל אָ פ ן. איך טו האַסטיק אוים די קליידער און לייג זיך. די שיסערייען ווערט שטאַרקער, עס דונערט און די ווענט טרייסלען זיך. איך שטיי אויף צוריק, וואַש זיך שנעל מיט א קליין ביסל וואסער, וואָס מיר האָבן נאָך באַוויזן צוצוגרייטן, און מיר לויפן אריין צוריק צו אונדזערע שכנים.

דאָרטן זיצן פריש אָנגעקומענע מענטשן פון פּראגע. אלע בלאַסע,

דערשראָקענע. איך זיץ אויף א קליין פוס־בענקעלע אין א סביבה פון גאנץ פרעמדע, אזעלכע מאָדנע פּראָסטע און קנאַפּ אָנגענעמע מענטשן. פּלוצים שפּרינג איך אויף. מיר הייבן אָן לויפן. אַלץ ארום איז ווייס. אַלע מענטשן זעען אוים ווי באשאָטן מיט מעל־אש. איך ווייס נישט, וואָס עס טוט זיך מיט מיר. דער קנאַל איז געווען אזוי שטארק, אז איך בין אינגאנצן צע־טומלט. מען זאָגט מיר, אז א באָמבע האָט אויפגעריסן איין וואנט אינעם שלאָף־צימער פון דער וווינונג, ווו מיר זענען פארזאמלט. איך גיי זען; דאָס איז די וואנט, וואָס גרענעצט מיט אונדזער וווינונג. דער קאָרידאָר, דורך וועלכן מיר גייען אין שטוב, איז געלעכערט און פול מיט שטיינער און קאלך. פּלוצים שרייט עמעצער, אז דער לעצטער הויף פון אונדזער הויז ברענט. אָבער מיר אַלע בלייבן און רירן זיך נישט פון אָרט: גרוים איז דאָך אונדזער הויף, און ס׳וועט לאנג דויערן, ביז דאָס פייער וועט צוקומען צו אונדזער וווינונג. מיר אַלע שטייען צונויפגעקוועטשטע אויף דער שוועל אין טיר פון קיך. צו די פראָנט־טרעפּ האָט מען מורא צוצוגיין, ווייל דער דיל פון קאָרידאָר איז צעשעדיקט און קאָן איינפאלן. שטייען מיר אַלע און ווארטן אויף א בשורה, אז דאָס פייער האָט מען פארלאָשן אָדער פארקערט, אז עס ברענט שטארקער און מיר וועלן מוזן אנטלויפן. שטייען מיר אזוי. עס ברענט שוין דער צווייטער הויף, מען מוז ראטעווען. די בחורים פון אונדזערע שכנים רייסן זיך ראטעווען, לעשן דאָס פייער, אָבער זייער מוטער באקומט א היסטעריקע: זי לאָזט נישט: זאָל ברענען, שרייט זי, מיר איז אַלץ איינס. טייער איז מיר נאָר א יי ע ר לעבן!

מיר שטייען אַלע צונויפגעדריקטע און צונויפגעפּרעסט אויף איין אָרט, גרייט צו אנטלויפן. די באָמבארדירונג פון אונדזער גאס און הויף איז שרעקלעך. אַלע ווײַלע זעט די לופט אוים אנדערש צוליב די פארשי־דענע באָמבעס, וואָס פאלן. אָט זע איך: ווייס־גרוי, און א רגע שפּעטער — געל, געל־רויט און געדיכט. די באָמבעס פליען מיט א רעש —ווי א שטאר־קער ווינט אין פעלד, ביז זיי פאלן — וויאָו, וויאָו — און א קנאַק. פענסטער ווערן ארויסגעזעצט, מענטשן שרייען. דאָס קליינע מיידל פון צווייטן שטאָק געהרגעט; די אַלטע פרוי פון דריטן שטאָק איז געהרגעט. נעבן אונדז זאָגט איין פרוי וידוי הויך אויפן קול, מיין מוטער מאכט עפּעס מיט די ליפּן און דריקט מיך און מיין שוועסטער ביי דער האנט.

מיין שוועסטער שטייט ווי פארגליווערט, איך טראכט וועגן מיינע אייגענע אין תל אביב, כ׳באדויער מיין 12־יעריק טעכטערל, וועלכע וועט בלייבן אָן א מוטער, און שטילע טרערן גיסן זיך פון מיינע אויגן.

אזוי שטייען מיר א שעה און צוויי און דריי און פיר. מיר ווערן מיד און הייבן אָן איבערשטעלן די פיס. איך דערמאָן זיך, אז מיר האָבן נישט ווו צו גיין, און איך זאָג צו מיינע, אז איך וועל דורך דעם קאָרי־דאָרל ארייגלויפן אין שטוב און עפּעס ארויסכאפּן, מיר זאָלן האָבן וואָס עס איז צום עסן מיט זיך.

איך שפּאַן פאָרזיכטיק איבער דער איינגעפאלענער פאָדלאָגע, קום צו צו אונדזער טיר, ערשט — עס איז קיין וווינונג נישטאָ. איך ווער א פארציטערטע פון שרעק: איז דאָס מעגלעך? אלץ איז פארדעקט מיט שטיינער, מען קען אפילו קיין פוס נישט ארייגשטעלן. די גאנצע וווינונג איז צעשטערט, ממש צעריבן געוואָרן אויף אש. ס׳ווייזט זיך ארויס, אז די באָמבע איז געפאלן אויפן צווייטן שטאָק דורך א פענסטער, און צוגע־דעקט אונדזער וווינונג און מיט זיך דאָס שיינע מיידל.

א צעטומלטע און איבערראשטע גיי איך צוריק אויף מיין אָרט צו די שכנים אין קיך, בלייב שטיין אויף דער שוועל און זאָג צו מיין שוועס־טער: אונדזער דירה איז צעשטערט. מיין שוועסטער, זעט אויס, פארשטייט נישט, וואָס דאָס באדייט, און זאָגט מיט טאדל: אָבער דו האָסט דאָך גע־קענט ברענגען עפּעס עסן. איך האָב איר נישט געענטפערט. אזוי זענען מיר אָפּגעשטאנען פון האלב 10 אינדערפרי ביז פארנאכט. דעמאָלט הערן מיר: לויפט ארויס, דער גאנצער הויף ברענט!

אָבער ווי אזוי לויפן? מיט א פאָר שעה צוריק זענען געקומען צו אונדז זעלנער אויף פערד פון די פארברענטע קאזארמעס. זיי האָבן די פערד געלאָזט שטיין אין אלע דריי טויערן, און אליין האָבן זיי זיך באַ־האלטן אויף די טרעפּ. די פערד האָבן זיך נישט גערירט פון אָרט און די איינוווינער האָבן נישט געקאָנט לויפן. מען האָט אויסגעזוכט די פּאָר גע־וועלבער, וועלכע האָבן געהאט דורכגענג צו דער גאס. מיר האָבן זיך גע־שטופּט דורך די טרעפּ צו דער ביבליאָטעק ביי אונדז אויף די טרעפּ, וועלכע האָט אויך געהאט א דורכגאנג אין גאס. פאר מיר שטופּט זיך א מיידל מיט איר יונגן חתן. זי באשיצט אים, מען זאָל אים נישט אָנרירן.

ער איז פארוואונדעט געוואָרן מיט א טאָג צוריק ביי זיך אין דער וווינונג. דער גאנצער קאָפּ איז ביי אים פארבונדן, איין אויג פארבונדן, דאָס צווייטע — שטארק צעקאַליעטשעט, און עס גלויבט זיך נישט, אז עס זעט עפּעס. א האנט איינגעפּעסטיקט אויף א טעמבלאַק. אלע שרייען און שטופּן זיך; די אומאָרדענונג איז גוואלדיק, ס'איז אוממעגלעך צו לויפן. שטייען אלע אין שטופּעניש, ווייל די ערשטע ביי דער טיר זענען שטיין געבליבן. די פענסטער־שויבן פון ביבליאָטעק —דאָס איז א געוועלב אין גאס— זענען אויסגעהאקט. מיר זעען, ווי עס ברענט דאָס גרויסע הויז אנטקעגן, ביים קאָשטשיאָל. פרויען און קינדער לויפן אין א מאָדנעם געלויף, אזוי ווי א טאנץ, אָן איינגעהאלטענער אויף איין אָרט, א האלב פארחלשטער. מיר שטייען און פארשטייען נישט, וואָס דאָס באדייט.

א פּאָר מינוט שפּעטער האָב איך פארשטאנען אלץ. אלע הייזער ארום, ווי אויך אלע ארומיקע גאסן, האָבן געברענט, אזא גרויסע ליכט און גרויזאמע שיינקייט האָב איך אין קיין שום פילם און אין קיין שום באשרייבונגען נישט געטראָפן. איך האָב א ווײַלע א טראכט געטון וועגן נעראָנען: דער כלב האָט געוווּסט, וואָס איז שיינקייט!

מיר לויפן צוזאמען מיט אנדערע. איצט לויפן שוין טויזנטער. עס פאלן שטיקער פייער און רויך שפּארט אויף אונדזערע קעפּ. מיר פארדעקן זיך די האָר, זיי זאָלן זיך נישט אָנצינדן. פאר מיר ליגט אַן אוועקגעוואָרפן טראָג־בעטל מיט א טויטער פרוי פון א יאָר 35. מיר לויפן אריין אין דער קעגנאיבערדיקער מאַריאַנסקאַ־גאַס. דאָרטן האָבן מיר משפּחה. אויך אָט די גאנץ קורצע גאס ברענט. מיר מוזן זיך אָבער פאר יעדן פּרייז דורכרייסן ווייטער, מיר מוזן זיך ראטעווען! אויפן טראָטואר ליגן צוגעדריקט דריי טויטע קערפּערס, ס'זעט אויס, ווי א מאן מיט צוויי קינדער, זיי ליגן אויסגעצויגן, גלייך, די קעפּ אויף דער וואנט, מיט די פיס צום טראָטואר. דער מאן האָט אַן אָפּגעדעקטן קאָפּ און זעט אויס, ווי אַן אָפּגעסמאליעטע גאנז. אַ קאָפּ פון א מענטשן אין עלטער פון 30, א רונדער, געזונטער, פעסטער קאָפּ, האָט א רואיק אויסזען. מיר מוזן אריבערשפּרינגען די קערפּערס, כדי לויפן ווייטער. איך קען עס ביי זיך נישט פועלן, און מיר קערן זיך צוריק. דאָס פייער פאלט פון די ברענענדיקע הייזער. פענסטער פאלן,

איך קום ווידער צו צום זעלבן אָרט, און קוק מיט כעס אויף דעם טויטן, וואָס האָט זיך דאָ צעליינט און שטערט דעם אדורכגאנג.

מיר לויפן מיט נאָך טויזנטער מענטשן אין די הייף, וועלכע ברענען נאָך נישט. לאָזט מען דאָרט נישט אריין. מען היט די אָרדענונג. לויפט מען אָן א ציל, ביז מען קומט אין א גרויסן הויף אויף זלאָטע. דאָרט רייסן מיר זיך אריין מיט כוח. אין הויז אויף די טרעפּ, ענג ביי דער וואנט, שטייען בענק און שטולן און דאָרט ליגן די משפחות פון דעם הויף מיט זייערע קינדער — גרייט צו אנטלויפן. זיי שרייען אויף אונדז, באשר מיר שטערן זיי דאָס רואיקע זיצן, און הייסן אונדז זיך אָפּטראָגן. זעצן מיר זיך לענג־אוים אויף די שטיגן פון העכערן שטאָק. די טרעפּ זענען שטיי־נערנע. ס'איז קאלט, מיין מוטער פיבערט. קיינער פון אונדז האָט נישט צו געבן איר אָנצוטון זיך ווארעמער. מיר זענען ארוים בלויז מיט דעם, וואָס מיר האָבן געטראָגן אויף זיך.

IV

איבער הייף און דירות

די גאנצע צייט בשעת דער באָמבארדירונג האָט מען נישט געוואגט צו זיצן אויף די טרעפּ, ווייל די ברעקלעך פון די שראַפּנעלן און פון די באָמבעס זענען געפאלן דורך די פענסטער און געשעדיקט אזוי ארום א סך מענטשן, וועמען די באָמבארדירונג האָט געטראָפן אין גאס, און זיי האָבן זיך אויסבאהאלטן אויף די טרעפּ.

אינעם הויף אויף זלאָטע, וווהין מיר האָבן זיך אריינבאקומען, האָבן מיר נישט קיין ברירה: נישטאָ ווו צו גיין — זעצן מיר זיך אוים אויף די טרעפּ פון די העכערע שטאָקן, ווייל פון די נידעריקערע שטאָקן יאָגט מען אונדז. זיצן מיר לענג־אוים איינציקווייז מיט די בלייצעס צום פענסטער, פּעסט צוגעטוליעט צו דער וואנט, די קעפּ אראָפּגעבויגן צו די קני. פארטאָג ווייזט זיך ארוים, אז דער אדמיניסטראטאָר פון אונדזער געוועזענעם הויף אויף טווארדע 10 ז. ל. איז אויך דאָ, אויף זלאָטע, אדמיניסטראטאָר. ער האָט אויך דאָ א גאָר קליין צימערל צו זיין רשות.

די ערשטע ווארשעווער חורבות

ג ע ו נ ד

די וויינונג זיינע געפינט זיך אין אונדזער פּאַרלאַזן הויז. דער אדמיניס־טראַטאָר איז אַן עלטערער חסידישער מענטש מיט זייער גרויסע שיינע ברענענדיקע שוואַרצע, קלוגע אויגן. אים האָבן אַלע לאַקאַטאָרן שטענדיק פּיינט געהאַט צוליב זיין שלעכטסקייט. ער דערקענט אונדז אויף די שטיגן און פאַרבעט אונדז פונדעסטוועגן אַריין אין זיין צימערל. דאָס קליינע צימערל געפינט זיך ערגעץ אין אַ טיפן ווינקל פון דעם גרויסן 7־שטאָ־קיקן בעטאָן־הויז. דאָס הויז שטייט אויף עק זלאָטע און סאָסנאָווע. דאָרט זענען שוין אַריין אַ פּאָר באָמבעס אין פאַרשידענע וווינונגען, אָבער דאָס הויז שטייט פעסט, אומדערשיטערט. די אָרדענונג אין הויף איז אַ מוס־טערהאַפטע, און הלוואי וואָלט אין וואַרשע אַזוי געווען אין אַ סך ערטער, וואָלט מען דאָך פיל הייזער אָפּגעראַטעוועט. אין משך פון איין נאַכט האָט 4 מאָל אָנגעהויבן ברענען; האָט מען געהאַקט דורכגאַנג־לעכער אין פאַר־שידענע ווענט און יעדעס מאָל אָפּגעראַטעוועט דאָס הויז.

דאָס צימערל, אין וועלכן מיר געפינען זיך, איז פול מיט געפּאַקטע זעק און פּעקלעך. דאָרט זיצן דעם אדמיניסטראַטאָרס יונגע 3 טעכטער, 2 קליינע אייניקלעך און אויף אַ הויכן הויפן בעטגעוואַנט ליגט אויסגע־צויגן זיין פרוי. זי איז אַ טויבע, און יעדעס מאָל, ווען דער זעץ פון דער באָמבע טרייסלט אויף ממש דעם באָדן, פרעגט זי אַ פאַרוווּנדערטע: קינדער, איר הערט גאָרנישט — מיר דאַכט זיך אַז מען האָט געשאָסן?! און ליגט ווייטער.

אין דעם צימערל איז אַזוי ענג, אַז מיר האָבן נישט ווו זיך צו זעצן. דער אדמיניסטראַטאָר טרעט אונדז אָפּ זיין שטול און גייט היטן די אָר־דענונג אויפן הויף. איך זעץ זיך מיט מיין מוטער אויף איין בענקל אָן אָנלעגן און מיר שפּאַרן אונטער אונדזערע מידע קעפּ, איינע אויף דער אַנדערער. מיין שוועסטער לייגט זיך אויף אַ הויפן זאַכן.

מען באָמבאַרדירט נאָכאַנאַנד, מיר איז דושנע, און כאָטש די באָמ־באַרדירונג איז געפערלעך, לויף איך אויף אַ ווײַלע אין הויז. דאָרט שטייען צוויי יונגע קריסטלעכע באַן־אַרבעטער. זיי זענען אַנטלאָפן פון בידגאָשטש. זיי דערציילן מיר, אַז די דייטשן האָבן פאַרנומען זייער שטאָט. אַז די פּאָליאַקן האָבן אויסגעהרגעט 1000 דייטשן, דאָרטיקע איינוווינער, וואָס האָבן זיך איין פרימאָרגן באַפעסטיקט און פרובירט אַליין איינעמען די

שטאָט, נאָך איידער ס׳איז געקומען דאָס דייטשע חייל. דריי טעג שפּע־טער איז אריין דאָס דייטשע מיליטער און עס האָט אוים נקמה אויסגע־שאָסן 3000 פּאָליאַקן. די ארבעטער דערציילן, אז זיי זענען אנטלאָפן און זינט א פּאָר טעג זיצן זיי אין א קעלער אויף די זעלבע טרעפּ, ווו איך געפין זיך. זיי וואונדערן זיך, וואָס איך זיץ נישט אין קעלער. זיי זענען הונגעריק און בעטן מיך כאָטש א ביסל וואסער. איך גיי אריין אין צימערל — אויפן פענסטער שטייט א גרויסע פלאַש מיט וואסער. איך נעם א גלאָז וואסער און טראָג ארוים די ארבעטער. ווען איך קער זיך אום און שטעל צוריק דאָס גלאָז, געפין איך שוין נישט דאָס וואסער; מען האָט עס באַ־האלטן.

דאָ אויף זלאָטע בלייבן מיר א טאָג מיט צוויי נעכט. ווי גרויס איז מיין פארוואונדערונג, ווען עס עפנט זיך די קליינע טיר און עס שטופּט זיך אריין אין צימערל א ריזיקער שטרוי־זאַק אויף די פּלייצעס פון דעם יונגן זון פון אונדזער אדמיניסטראַטאָר. — דעם שטרוי־זאַק האָב איך דאָך שוין געקענט: שטייענדיק די ערשטע טעג שעהן לאנג ביים פענסטער בשעת דער באָמבארדירונג, האָט געוועקט מיין אויפמערקזאמקייט אָט דער שטרוי־זאַק, א צוזאמענגענייטער פון צוויי פארשידענע שטאָפן. פון אָנהייב האָב איך מיט רחמנות געקוקט אויף דעם מענטש, וואָס האָט שוין מסתמא קיין שטוב נישט און שלעפּט זיך ארום א היימלאָזער מיט דעם ביסל אָפּגע־ראטעוועטע זאכן. אָבער ווען איך האָב דעם זעלבן מענטש אזוי געזען ארומשלעפּן זיך א פּאָר טעג נאָכאנאנד, האָב איך פארשטאנען, אז דאָס איז איינער פון די, וועלכע האָבן אָנשטאָט זיך אליין ראטעווען, אָדער העלפן אנדערע ראטעווען, רויבירט גאָר די ברענענדיקע וווינונגען... ס׳האָט זיך ארויסגעוויזן, אז דאָס איז געווען א פּראָפעסיאָנעלער גנב, וועמען די מאכט האָט באפרייט צוזאמען מיט אנדערע קרימינעלע פארברעכער, ווען זי האָט פארלאָזט דאָס לאנד. די פּאָליטישע ארעסטירטע פון קארטוז־בע־רעזע האָט זי נישט באפרייט. דאָס האָבן די איינוווינער שפּעטער אליין דורכגעפירט.

אָט יענער חברה־מאן מיט נאָך איין ברודער זיינעם האָבן עס נאָכ־אנאנד געשלעפּט פּעק. האָבן זיי געבראכט אהער אין שטיבל יעדעס מאָל אנדערע זאכן. אָט האָבן זיי א פּאַק נייע זאָקן און הענטשקעס. זיי שלעפּן

אויף דער טויבער מאמע א נייעם גומענעם מאנטל און זי שרייט, אז דאָס איז נישט אירער. מיר קוקן זיך איבער מיט מיין שוועסטער. מיין שוועס־טער דערציילט מיר אויפֿן אויער, אז זי זיצט אויף איר פּודעלע זילבער, וועלכע זי האָט געהאַט באַהאַלטן ביי אונדזערע שכנים. מיר קוקן זיךביידע אָן און רעדן שטיל. די גנבים זעען, אז מיר פאַרשטייען, וואָס דאָ טוט זיך, און פון דעם מאָמענט אָן זענען מיר שוין נישט קיין געוווּנטשע־נע געסט. אפשר טאָקע דערפאַר גיבן זיי אונדז גאָרנישט צום עסן, כאָטש ביי זיי געפינט זיך פון כל טוב. זיי ווילן, מיר זאָלן פאַרלאָזן זייער צימערל. אָבער מיר מאַכן זיך תמעוואַטע, מיר פאַרשטייען נישט. און כאָטש מיר זענען הונגעריק און דאָרשטיק, רירן מיר זיך נישט פון אָרט.

אזוי זענען אדורך צוויי נעכט. אויפֿן דריטן טאָג זאָגן זיי אונדז די־רעקט, אז מיר מוזן זיך זוכן אַן אַנדער פּלאַץ.

מיר פּרובירן זיך דורכרייסן דורך די גאַסן, אָבער ס׳איז אוממעגלעך. די באָמבעס טראָגן זיך איבער די קעפּ. אין דער געגנט זענען פיל הייזער צעשטערט. דער חורבן איז גרויס, און ס׳איז נישטאָ ווו זיך צו באַהאַלטן.

די הייזער זענען שוין איינגעפאַלן, אָבער די געוועלבער און הויפֿנס אויף די חורבות ברענען לאַנגע טעג. ווי אַנדערש זעען אויס די איצטיקע שריפות. בין איך דאָך געוווינט צו זען שריפות אויף די יידישע גאַסן פון וואַרשע. איך פלעג זיי אָנרופן פרייליכע שריפות און אפילו שוין אַלס דערוואַקסענע ליב געהאַט צו קוקן אויף זיי. בין איך דאָך געוווינט געווען צו זען, ווי עס ווערט א גרויסער טומל, עס לויפן מענטשן, מיט זיי — א סך קינדער. עס פאָרן פייערלעשער מיט א גרויסן רעש און טרומייטערן דעם באַוווסטן ניגון, די באַפעלקערונג זאָל אָפּטרעטן פון די טראָטוארן און דורכלאָזן זיי, ווייל זיי מוזן דורכפאָרן בליץ־שנעל. די פייערלעשער זענען אויסגעפּוצטע, טראָגן מעשענע גאָלד־גלאַנצנדיקע היטלען, זיי פאָרן מיט רויט־גלאַנצנדיקע לייטער און וואַסער־פּאָמפּעס — אַלעס ריין, שיין. זיי קומען, גיסן וואַסער, פּאָליציאַנטן צעטרייבן דעם גאַפנדיקן עולם. עס פלאַמט און עס שפּאַרט א געדיכטער שוואַרצער רויך ביזן הימל, און עולם אַרום טומלט און רודערט. עס דויערט א 10־15 מינוט, און די פייערלעשער פאָרן שטיל, מיט ווירדע און חשיבות צוריק. אויך די באַלעבאַטים, ביי

ווען מען עס האָט געברענט, פילן זיך נישט אומגליקלעך — זיי זענען געווען אסעקורירט.

ווי אנדערש זענען די איצטיקע שריפות! אנדערש זעען איצטער אויס די ברענענדיקע גרויסע געוועלבער. דאָס הויז איז איינגעפאלן, צעשמעטערט, דאָס געוועלב ברענט פון אינעווייניק. ס'זעט אויס, ווי אן עלעקטריש אויוועלע. עס ברענט שטיל און פאמעלעך — קיינער שטערט נישט דעם פייער. נישטאָ קיין פייערלעשערס; אויך נישט זייערע שטענדיקע מיטהעלפערס — די נייגעריקע יידישע קינדערלעך. טוט דאָס פייער זיין ארבעט לאנגזאם, אָבער בשלימות...

אויף רעכט און אויף לינקס חורבות, חורבות, חורבות...

מיין מוטער דערמאָנט זיך אין אירע באקאנטע, וועלכע ווינען ערגעץ דערנעבן. מיר קומען דאָרט אריין און מען נעמט אונדז אויף, ווי גוטע פריינט, הגם איך האָב די מענטשן געטראָפן דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן. שרעקלעך זעט אויס זייער וווינונג. די באָמבע האָט צעשמעטערט איין צימער, די גאנצע וווינונג איז פארשטויבט און פארוואָרפן מיט טינק און ציגל. די שויבן זענען ארויסגעפאלן, אלע זאכן זענען באהאלטן און געפאקט. אין שלאָף־צימער, וואָס צו דער גאס ארויס, זענען די בעטן פול מיט שמוץ, דאָס ווייסע איבערצוג איז אראָפּגענומען, א שטיק דיל איז ארויסגעריסן, דער לאָמפּ — ארונטערגעפאלן, דער באַלקאָן — אראָפּגעשאָסן. זיי זיצן אין א קליין צימערל אין הויף ארויס, אין א דורכגאנגקאָרידאָרל צווישן דער פינסטערער קיך און אָנגעשפארט אויף דער טיר פון בית הכסא, פון וועלכן עס הערט זיך א שרעקלעכער געשטאנק. קיין וואסער איז נישטאָ, און טראָצדעם גייט מען דאָרט כסדר. דאָס קאָרידאָרל איז אָן א פענסטער און אזוי קליין, אז מען קאָן נאָר א שטול אוועקשטעלן, און קוים אדורכגיין. ס'איז דאָ פינסטער, ווי אין א קעלער. דאָס איז דער בעסטער שוץ־אָרט אין דער וווינונג. אין ענגשאפט שטייט א בעטל. ביי־נאכט שלאָפן די מענטשן נישט; בייטאָג האָט מען עפּעס ווייניקער מורא. איז דאָס בעטל פארנומען נאָכאנאנד; איינער גייט אראָפּ, דער צווייטער לייגט זיך. דאָ פילט זיך מיין מוטער היימישער.

ס'איז די ערשטע נאכט פון סוכות. די מענטשן זענען די אייגנטימער פון דעם הויז, אָבער זיי זענען אין דעם מאָמענט אָרים און האָבן

בישט וואָס צו עסן. מיר זיצן אין א שמוציקער אַלטער קיך. צוויי דינסטן —א קריסטלעכע און א יידישע— ליגן אויסגעלייגט אינמיטן קיך אויף אַן אויפלייג־בעטל און וויינען.

דער באַלעבאָס מאַכט קידוש. פון די אויגן פון זייער 24־יעריקן זון גיסן זיך שטילע טרערן. מיר עסן קליינע שטיקלעך אַלטע חלה מיט סאַר־דינען, זופּן שמוציקן טיי. צו מיין פאַרוואונדערונג, ליגט זיך די באַלע־באָסטע שלאָפן מיט מיין מוטער אין דעם בעט ביים קלאָזעט. מיין שוועס־טער — מיט זיי. פאַר מיר ברענגט דער יונגער זון א זומער־שטול, און שטעלט אים צו ענג נעבן זייער בעט. ער אליין זעצט זיך אין קיך ביים טיש. ער איז אַן אָרדנער פון הויף און שלאָפט נישט די גאַנצע צייט זינט דעם אָנהייב פון מלחמה. ער איז מיד און הערשט נישט איבער זיינע נערוון. דאָס איז א צאַרט יונג יינגל; ער דערציילט מיר וועגן זיין טרוים צו זיין אין ארץ ישראל. „אָבער איך וועל שוין נישט דערלעבן. איך וועל דאָס אַלץ נישט איבערקומען". ער בעט מיך, אפשר וועל איך דאָרט אהינ־קומען, זאָל איך זיך באַמיען, מען זאָל אים ארויסנעמען פון דאַנען. — איך האָב מורא, זאָגט ער, אז מיין חלום וועט זיך נישט פאַרווירקלעכן קיינמאָל. ער צעוויינט זיך. ער האָט מיר דערציילט, אז אין ארץ ישראל זינגט מען זיינע האָראַס, צו וועלכע ער האָט פאַרפאַסט די מוזיק. ער הייסט גרויסמאַן.

מיר איז קאַלט אויף דעם שטול, און כאָטש ס'איז סוכות, פרירן מיר די פיס, און אין האַלדז טוט וויי. איך לייג זיך צו אויפן בעט, —וווּ עס שלאָפן מיין מוטער, שוועסטער און די פרוי ג. — ממש זיי אויף די פיס.

אין משך פון טאָג זענען געקומען צו זיי אָפּגעברענטע רייכע קרו־בים און האָבן פאַרנומען דאָס בעסטע צימער. זייערע דינסטן —די קריסט־לעכע און די יידישע— האָבן זיך אויסגעבעט נעבן זייער צימערל אויף דעם דיל, מיט זייער אייגן בעטגעוואַנט, וואָס זיי האָבן מיטגעשלעפּט מיט זיך.

ס'איז שוין די צווייטע נאַכט. זי הייבט זיך אָן, ווי די פריערדיקע. אינמיטן נאַכט קלאַפּט מען שטאַרק אין טיר: עס קומט צו לויפן א גרויסע גרופּע פּוילישע אָפיצירן מיט זעלנער און זיי פּאָדערן, מען זאָל זיי לאָזן זיך איבערטון ציוויל און ליגן, ווייל די דייטשן קומען. „גיט אונדז, בעטן

זיי איידל, עפעס א שנאַפּס, מיר וועלן באַצאָלן". זיי זענען דערשלאָגן. מיר פאַרקלעמט ביים הארצן, קוקנדיק אויף זיי. די באַמבארדירונג האָט אויפגעהערט. מעןווארט. מיר ווייזן זיי דאָס איינגעפאלענע צימער, דאָס צווייטע צימער מיטן איינגעפאלענעם דיל. גייען זיי אוועק. איינע פון די יונגע קריסטלעכע דינסט־מיידלעך קריכט אריין אין א בעט פון שלאָף־צימער. איך ציטער ממש פון קעלט. די ציין טרייסלען זיך ביי מיר — איך קריך איר נאָך און ווארעם זיך נעבן איר. כאָטש איך ליג אין מיין שטייפן ענגלישן קאָסטיום.

ס'איז נאָך כמעט פינסטער. ארום 4 פארטאָג קומט צו די רייכע קרובים זייער זון. ער דערציילט, „אז א גאַנצע נאכט האָט מען ראבירט יידישע קראָמען, זייערע הייזער אויף גזשיבאָוו, זשימנע, זענען פארברענט. זייער וואונדערבארע, רייכע וווינונג, מיט טייערע זאכן נאָך פון דורות, איז פארברענט, די קינדער זענען זיך צעלאָפן. איין יונגע טאָכטער, אַן ארצט, א פריילין, האָט געטראָפן א שראפּנעל אין פּוס, בעת זי איז געווען אויף איר פּאָסטן אין שפּיטאָל. איצטער זוכט מען זי און מען קען זי נישט געפינען, ווייל אלע שפּיטעלער ברענען. די עלטערן וויינען, נעמען די האנט־וואליזקעס און גייען זוכן א בעסער אָרט. די גרויסע ברייטע מאַ־דאַם הייסט דער יונגער קריסטין, איר דינסט־מיידל, אָנצוטון איר קאַ־ראקול־פוטער; זי האָט מורא, אז פון איר, אלס יידישקע, וועט מען עס אראָפּשלעפּן. דאָס דינסט־מיידל וויל נישט. זי צעלאַכט זיך הויך אויפן קול: ווי אזוי, זאָגט זי, וועל איך אויף זיך ארויפזעצן אזא געביידע, ס'איז דאָך א טורעם!

ס'ווערט ליכטיקער. איך קוק זיך ארום: איין דינסט־מיידל ניימ־צו קנעפּ צום מאנטל, די אנדערע העלפט דער מאַדאַם זיך אָנטון. ווי אין געוועגלעכע צייטן: זיי זענען דינסטן, און זי — באַלעבאָסטע! מאָדנע.

איך קריך אראָפּ פון מיין געלעגער און גיב א קוק אויף זיך: איינ־געטונקען אין קליינינקע פּוך־פעדערלעך. מיך נעמט אָן אן עקל צו קוקן אויף זיך. איך האָב נישט וואָס איבערצוטון. נישטאָ קיין טראָפּן וואסער, זיך אָפּצוואַשן; קיין בערשטל, זיך אָפּצופּוצן. לאָז איך מיין שוועסטער און מוטער און לויף זוכן מיינע באַקאַנטע. — אָבער מיר איז שווער אויפן

הארצן און ס׳פייניקט מיך דער באוווסטזיין: וואָס הייסט עס — איצט לאָזן מיין מוטער און שוועסטער און זיך אליין בעסער מאכן?! קום איך צוריק, נעם מיין מוטער און שוועסטער, און קוים, קוים, נאָך לאנגע וואָג־לעניש דערקריכן מיר צו אונדזערע קרובים, ביי וועלכע איך בין דאָס צווייטע מאָל אין מיין לעבן.

V

דער מארש פון חורבן

שווער איז די שטילקייט און דאָס ווארטן אויף די דייטשן. איך הייב אָן זוכן מיינע נאָענטע, —מיינע א שוועסטער איז געבליבן אָן א שטוב און אָן מלבושים— זיי זענען דריי מענער און דריי פרויען. זיי זע־נען אנטלאָפן פון שטוב אזוי ווי זיי זענען געשטאנען. ביי מיין ברודער איז א באָמבע ארײַן אין א צימער, געהרגעט זיין שוועגערין, איר טאָכטער און א זון מיט א קליין איייניקל אויף דער האנט. מיין ברודער האָט די קערפּערס אליין אוועקגעשלעפּט אויף א וועגעלע און זיי צוזאמען צייט־ווייליק באגראָבן. איצטער, ווען דאָס שיסן און באָמבארדירונג האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט מען זיי באגראָבן אויף דעם יידישן בית עולם, אויך אין אן אלגעמיינעם קבר מיט נאָך 1000 יידן. א באזונדער אָרט האָט געקאָסט 500 זלאָטעס פון א מאן. איך קום ארויף צו מיין ברודער. זיי מאכן ווי נישט ווי אָרדענונג אין שטוב. אלץ איז פול מיט אש. קיין וואַ־סער איז נישטאָ. פלוצים גיט זייער טאָכטער א שריי און פאלט אין חלשות. וואָס איז געשען? אונטער א קאסטן האָט זי געפונען דער מומעס קאָפּ.

איך לויף ווייטער. מיר האָבן דערוויל באקומען א מקום מנוחה ביי אן אנדער משפחה. מיר זענען הונגעריק. אָבער אין שטוב איז גאָר־נישט דאָ צו עסן. איך לויף ארום מיט מיין שוועסטער, אָבער אין גאס באקומט מען נאָר זויערע אוגערקעס, קערלעך (סעמעטשקעס), צוקער־לעך און הערינג. און קאָסטן קאָסט עס מער ווי אמאָל א פיין מיטאָג.

מיר זיצן ביים טיש. ס׳איז ליכטיק פון דעם נאפט לאָמפּ. קיין עלעק־טרי איז נישטאָ. מיין מוטער זיצט און שלאָפט. דאָס פנים פלאמט איר

אומגעוועגלעך. כ׳קוק זיך דורך מיט מיין שוועסטער; מיר זעען, אז זי איז קראנק. אין א ווײַלע ארום הייבט זיך מיין מוטער אויף. איך רעד צו איר און זי ווייסט נישט, וואָס עס טוט זיך מיט איר. זי איז קראנק געוואָרן אויף א בויך־קראנקהייט, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן פארשפרייטן גלייך דעם ערשטן טאָג פון קריגס־צושטאנד. דאָס איז געווען דער רעזולטאט פון די שמוציקע אוגערקעס און הערינג. קיין וואסער אין דעם קלאָזעט איז שוין דאמאָלס נישט געווען, קיין וועש איבערצוטון האָבן מיר נישט. מיר זענען פארצווייפלט און ווייסן נישט וואָס צו טון. מיר האָבן מורא, אז מען וועט אונדז פון דאנען ארויסוואַרפן. ס׳איז א גרויסע משפחה און ס׳איז פאראן א חשד, אז אלע וועלן זיך אָנשטעקן. זיי האָבן אונדז נישט ארויסגעוואָרפן, אָבער אָנגעשטעקט האָבן זיך אייניקע פון זיי יאָ; אויך מיין שוועסטער.

איך זוך א דאָקטאָר. ווו געפינט מען אים איצט? די גרעסטע טייל איז אויפן פראָנט, די אנדערע — ווייסט מען נישט ווו זיי זענען. ווער איז דען אין אָט די טעג געבליבן ביי זיך אין שטוב? ווער האָט דען נאָך א וווינונג? לויף איך פארטאָג און קוים איך קום אָן צו אונדזערן א באַקאנטן, מיין מוטערס שטענדיקן דאָקטאָר. זאָגט ער מיר מיט טרערן אין די אויגן: וואָס ווילט איר פון מיר? איך האָב קיין כוח נישט אדורכצומאכן אזעלכע שטרעקעס. קיין אויטאָ און קיין טראמוויי איז נישטאָ, שלעפט מען מיך א גאנצן טאָג און א גאנצע נאכט און איך שפאן אזוי דורך די חורבות נאָכאנאנד. איך בין איצט אקושער, אָקוליסט, כירורג. אָבער פארפאלן, צו א ײ ך וועל איך זיך באמיען קומען.

ער איז געקומען א צוויי שעה שפּעטער, מיט א שפריץ און מעדיקאַמענטן. פון מיינע ווערטער האָט ער שוין געוווסט, אז דאָס איז די קראנקהייט, וועלכע גראסירט אום אין שטאָט. קיין געלט האָט ער נישט געוואָלט נעמען, אין האנט האָט ער געהאלטן א האלב צעפוילטן קאלאפיאָר מיט א פּאָר מערן. איך האָב עס פארפאקט אין א פאפיר און אים באדאנקט.

מיין באקאנטע האָט זיך דערוווסט מיין אדרעס און איז געקומען מיך נעמען צו זיך. זי האָט מיט זיך מיטגעבראכט א ביסל רייז, צוקער, קאפע. איך דערקלער איר, אז כאָטש איך שלאָף, אָנגעשפארט און אין מלבושים, אויף מיין מוטערס בעט, וועל איך נישט גיין פון דאנען. איך

קען נישט פארבעסערן די לאגע פאר זיך, ווען מיין שוועסטער איז אויך נישט געזונט און שלאפט אין א קליינעם גארטן־שטול זיצנדיק.

מיין מוטער און שוועסטער זענען געזונט געוואָרן. די שוועסטער האָט ארבעט אין א קאנצעלאריע פון דער קהילה אויפן בית עולם. זי קומט פון דער ארבעט א צעבראָכענע, פארקלעמטע. זי דערציילט, אז דאָרט ליגן 10.000 געהרגעטע. קומען מענטשן דורכאנאנד דערקענען זייערע קרובים, די סצענעס דערביי מאכן איר דאָס בלוט גליווערן.

גייט דורך א טאָג נאָך א טאָג. די שטאָט איז אָן פּאָליציי. נישט קיין פּאָליאַקן, נישט קיין דייטשן. האָט מען אָנגעהויבן ראבירן די געוועלבער. דאָס האָבן אָנגעהויבן די לעצטע פּוילישע זעלנער; זיי האָבן נישט גע־ווּסט, וואָס מיט זיך צו מאכן; זיי זענען פארבליבן אָן א קאָמאנדע, אָן אָפיצירן — יענע זענען שוין לאנג אוועק. זענען די זעלנער געקומען אין פּריוואטע וווינונגען און געבעטן ציווילע מלבושים, דער אריינקומענדיקער דייטש זאָל זיי נישט דערקענען. די ציווילע באפעלקערונג האָט נישט גע־וואָלט געבן. מורא געהאט פאר א מכשול. זענען די זעלנער אוועק, אויפ־געריסן די יידישע קליידער־געוועלבער אויף מארשאלקאָווסקע און זיך אי־בערגעטון. דאָס איז געפעלן געוואָרן דעם המון און ס'האָט זיך אָנגעהויבן א סדרה פון אויפרייסן פ א ר ב ל י ב ע נ ע געשעפטן מיט מלבושים און אנדערע.

א פּאָר טעג שפּעטער האָב איך געזען אויף דער לאנגער גאס א פּאר־קלאפּט געוועלב, מיט ברעטער אָנשטאָט שויבן, און אויף זיי אויפגעשריבן מיט גרויסע בוכשטאבן: „ד אָ ס ג ע וו ע ל ב א י ז ש ו י ן ר א־ב י ר ט ג ע וו אָ ר ן". דאָס הייסט, מען זאָל זיך נישט באמיען נאָכ־אמאָל אויפרייסן.

ערשט איצט האָט זיך געשאפן א צייטווייליקע ציווילע שוץ פון די איינוווינער, קריסטן און יידן, צו האלטן אָרדענונג אין שטאָט. אויף די גאסן פון ווארשע האָבן זיך באוויזן אויפרופן צו דער באפעלקערונג פון פּרעזידענט סטאזשינסקי, זי זאָל זיך אויפפירן אָנשטענדיק, און רואיק אויפנעמען די אָקופּאנטן. ס'האָבן צירקולירט קלאנגען, אז די דייטשן וועלן נישט אריין אין שטאָט, ביז וואנען מען וועט זי נישט ברענגען אין אָר־דענונג.

די ערשטע האָבן עס פארשטאנען די יידן; האָבן זיי זיך טאַקע באַלד גענומען צו דער ארבעט. שטייען מענער, טאַטעס מיט קליינע קינדער, שי־לער און יינגלעך מיט פאות, וועלכע האָבן א פּאָר טעג צוריק געהאָלפן מאכן שוץ־גרובנס, וואָס זענען איצט קברים, און זיי ברענגען איצט אין אָרדענונג די גאסן. קודם נעמט מען אוועק די נישטיק־נארישע באַריקאַ־דעס. מען איילט זיך, מען וויל דאָס טון א ל יי ן, א י צ ט ע ר, און נישט שפּעטער, אונטער דער בייטש פון די נאצים.

אָבער אַך און ווײ — האָב איך דאָך עטלעכע טעג שפּעטער געזען, ווי די יידן האָבן געמוזט שטיין און רוימען די חורבות אונטער דער נאַ־צישער בייטש...

אויפן 4טן טאָג זענען זיי געקומען. איך גיי אויף די אמאָל רירעוו־דיקע נאַלעווקעס, קוק און באַוואונדער דעם כוח פון צעשטערונג. אזא לאַנ־גע, ריזיקע גאס האָט געקאָנט צעשטערט ווערן אין משך פון א פּאָר טעג. די הייזער זעען אויס ווי א גאנץ דורכזיכטיקע קאָראַנקע, אייניקע זענען אינגאנצן נעלם געוואָרן. נישטאָ. עס זענען קוים געבליבן אייניקע הייזער. פון אייניקע זענען געבליבן אָפּגעריסענע שטיקער. דאָ א וואנט, אויף וועל־כער עס הענגט עפּעס א בילד. דאָרט טרוקנט זיך אויף א פּאָרענטש א ליי־לעך. איבער א געבליבענעם פענסטער באַוועגט זיך איצט א פאָרהענגל... דאָרט שטייט א קינדער־וויגל. ווו זענען די איינוווינער? עס האָט א ביסל גערעגנט, און פון די חורבות גייט א פּארע. פּלוצים איך הער: עס פּאָרט די מעכטיקע ארמיי.

מיך פּארדריסט, וואָס די יידן שטייען און קוקן אויף איר. איך טאַדל זיי הויך דערפאַר. אָבער אין א ווײַלע ארום בלייב איך אויך שטיין און קוק זיך צו. — מיר דאכט זיך, אז איך בין אין טעאטער אויף אַן אָפּערע־פּאָרשטעלונג. אָט פּאָרט דער ערשטער רייטער, א הויכער, שלאַנקער, אויף א גאנץ הויך פּערד. דער רייטער האלט א גאנץ גרויסן פּויק, פארפּוצט מיט א סך פּורפּור און פינקלדיק גאָלד. ער טראָגט אויף די הענט ווייסע הענטשקעס מיט ברייטע ווייסע מאנקעטן ביז די עלנבויגן. מיטן שטעקעלע קלאַפּט ער אין פּויק מיט אויסגערעכנטע באַוועגונגען.

איך שטוין און עס ווילט זיך באמת לאַכן אויפן קול. זייער אָרקעס־טער שפּילט דעם טריאומף־מארש, אָבער אין דער אמתן האָט ער גאָרנישט

טריאומפירנדיק געקלונגען. זיי אליין, די רייטער, האָבן שטרענגע, ערנסטע פּנימער. הפּנים, אַז דאָס אויסזען פון דער שטאָט האָט זיי אויך איבער־ראַשט. זיי האָבן מיט ערנסטע מינעס און אַרויפגעהויבענע קעפּ געקוקט אויף די הייזער, וואָס א טייל פון זיי מאַכן דעם איינדרוק פון א מענטש מיט נאָר וואָס אויסגעבערענטע אויגן.

לאַנג האָט געדויערט דער מאַרש. איך בין אַוועק. מען האָט דער־ציילט, אַז 10.000 מאַן זענען זיי געקומען. אייניקע האָבן געזאָגט, אַז זיי זענען נישט אַזאַ גרויסע צאָל, נאָר זיי קומען יעדעס מאָל דורך אַן אַנדער זייט צוריק, עס זאָל מאַכן דעם איינדרוק, אַז זיי זענען א מעכטיקע צאָל. אַלע — ריין, אויסגעוואַשן, אויסגעפּוצט, אָנגעגעסענע, אויסגערוטע.

צומאָרגנס פאַרנאַכט גיי איך אין גאַס און זע א מיליטערישן אויטאָ, און אַרום אים — א סך יידישע פרויען מיט טעפּלעך אין די הענט. דאָס האָבן די נאַציס די ערשטע טעג זיך נישט אָריענטירט, ווו עס געפינען זיך די יידישע גאַסן, און געטיילט פאַרבליבענע פון זייער זופּ. א בושה האָט מיך אַרומגענומען און א שרעק פאַר די יידישע פרויען. מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ בין איך אַוועק צו מיין חברטע, ביי וועלכער איך בין געווען אויף דעם לעצטן איינגעלאַדענעם מיטאָג. איר מאַן האָט פאַרלאָזט מיט אונדזע־רע חברים די שטאָט. דאָרט בין איך א גאַנצע וואָך. בשעת דער באָמבאַר־דירונג האָב איך אויף א רגע וועגן זיך נישט געטראַכט. איך האָב נישט מורא געהאַט פאַרן טויט און זיך נישט אויסבאַהאַלטן ספּעציעל; אָבער איצטער טראַכט איך נאָכאַנאַנד וואָס צו טון. איך בין אין איין העמד, אָן וואַרעמע מלבושים, אָן געלט און מיינע בעסטע, נאָענטע פריינט זענען אַוועק.

וואָס טון? עס ווערט קאַלט, אומעטיק, און מען מוז נאָך א טראַכט טון וועגן העלפן מיינע נאָענטע. איך מוז שאַפן א ביסל וועש פאַר מיינער א שוועסטער מיט איר משפּחה, און פאַר אַנדערע נאָענטע. נאָך וואַסער לויפט מען אין עק שטאָט צו דער ווייסל. אויך דאָרט שטייט מען האַלבע טעג. איך זע ווי דאָס ביסל שפּייז ביי מיין חברטע ווערט פון טאָג צו טאָג ווייניקער. מיין מוטער קאָן איך נישט העלפן. וואָס־זשע טוט מען? איך צייל, און ס׳ווייזט זיך אַרויס, אַז איך בין שוין אויפן 6טן אָרט זינט אונ־דזער וווינונג איז צעשטערט, און כאָטש מיין חברטע זאָגט, אַז איך מוז

מיט איר זיין צוזאמען, פיל איך, אז איך מוז גיין ווייטער, ווייטער. עס הייבט מיך און ס'יאָגט מיך פון אָרט.

די דייטשן הייבן שוין אָן כאפּן צו דער ארבעט, און יידן — מענער און פרויען — שמועסן שטארק וועגן פארלאָזן די שטאָט. איך קום צו באקאנטע; דאָרט פארהאנדלט מען מיט שאָפערן, מיט סתם פורמאנעס וועגן צופירן צו דער רוסישער גרענעץ. זיי הייסן זיך באצאָלן פאר אזא קורס 200 זלאָטעס פון א מאן. דאָס איז דאן געווען א גרויסע סומע, ספּעציעל פאר מיר. איך בין קיינמאָל קיין ספּאָרט־מענטש נישט געווען, קיינמאָל נישט געגאנגען פיל, און ווען יאָ — איז דאָס געווען אין א געזעלשאפט, וו מען האָט זיך באמת מיר לייכטער צו מאכן. איך טראכט אפילו נישט, אז איך וועל דארפן גיין צופוס. איך, וואָס קען קיין גרויס פּעקל נישט טראָגן אין האנט, איך — וועלכע בין טויט מיד נאָך א שעה שפּאַצירן איבער די געפלאסטערטע טראָטוארן?!

VI

פארן פארלאָזן ווארשע

פון פרימאָרגן לויפן לאסט־וועגנער, וואָס די קהילה שיקט ארויס ארויסצושלעפּן מתים פון די הייף. די טויטע ליגן אין זייערע קליידער, אויף א שמוציקן וואָגן איינער אויפן צווייטן — קיינער קוקט זיך נישט אום, קיינער גייט נישט נאָך באגלייטן, קיינער באוויינט זיי נישט.

אויף קארמעליצקע שטייט א גרופּע יידן און רייניקט די גאס פון א רעשט באריקאדע אונטער דער אויפזיכט פון א נאצי. עס גייען צוויי מענער — שלעפּט דער נאצי דעם בעסער געקליידטן צו דער ארבעט; דער צווייטער בעט זיך, מען זאָל יענעם לאָזן — ע ר וועט פאר אים ארבעטן. ניין, שרייט דער נאצי — און נעמט זיי ביידן. דערנעבן שטייט דער לאסט־וואָגן מיט מתים. מען לייגט ארויף פון אויבן אויף זיי א יונג מיידל — קיינעם ארט עס נישט. מען לויפט, אָדער מען קוקט פון ווייטן.

אויף לעשנאָ געפינט זיך דער „דזשאָינט". איך הער, אז דאָרטן טרעפן זיך אלע אונזערע באקאנטע. גיי איך אהין, אפשר וועל איך עפּעס

הערן וועגן פּאָרן. דער לאָקאַל געפּינט זיך אויף דעם ערשטן „וואַרשעווער" שטאָק. איך קום־צו צו די טרעפּ. ס'איז אוממעגלעך אַריינצוגיין. עס שטייט אַ געפּאַקטע ריי ביז אויף דער גאַס. מען שרייט אויף אַלע שפּראַכן: דייטש רוסיש, פּויליש, יידיש. אַ יונגע פרוי מיט אַ צעפּלאָסענעם קאָפּ האָר און אינגאַנצן צעריסענע שיך. האַקט מיטן קאָפּ אין דער טיר און שרייט, אַז זי וועט נישט אַוועק, ביז מען וועט זי נישט אַריינלאָזן. אין דער ריי שטייט אַ באַקאַנטער יונגער שרייבער, ער זאָגט מיר: אַ שאָד דאָס שטיין; אָט שטיי איך שוין דעם צווייטן טאָג; מיר וועלן זיך נישט אַריינבאַקומען. מיר איז גאַנץ פּריקרע אויסצונוצן אין אַזאַ צייט מיין פּראָטעקציע, אָבער מיר איז אַ שאָד יעדער מאָמענט; מיך יאָגט פון שטאָט, פון די מענטשן, פון די צרות — איך מוז אַנטלויפן.

שטופּ איך זיך מיט מיין באַקאַנטן פּאָראויס און מיר גייען אַריין אינעווייניק. פול זענען די שטובן פון „דזשאָינט" מיט באַקאַנטע. שרייבער, אַקטיאָרן, כלל־טוער, פּאַרטיי מענטשן פון אַלע ריכטונגען. פון גאַנץ העל בלוי ביז רויט. האָט דאָרט געקאָכט און געררודערט. מען קושט זיך, מען לאַכט און מען וויינט פאַר פריד, וואָס מען זעט זיך. אין „דזשאָינט" האָב איך געטראָפן גאַנץ נאָענטע מענטשן. זיי ווייסן, אַז איך בין אָפּגע־ברענט און ווייט פון מיינע, אָבער קיינער פרעגט נישט, צי איך דאַרף עפּעס, כאָטש פיל פון זיי זענען געבליבן אין זייערע היימען, אומגערירט. אַ סך פרייען זיך מיט מיר; אַנדערע מיידן מיך אויס; זיי מאַכן זיך מיך נישט זען, ווייל אפשר וועל איך דאַרפן זייער הילף. זיי פילן זיך אומבאַ־קוועם, כאָטש איך האָב זיך צו קיינעם פון זיי נישט געווענדט וועגן הילף. דאָ הער איך, אַז דאָס דורכגיין די גרענעץ ווערט פון טאָג צו טאָג שווע־רער. איך שמועס זיך אָפּ צו טרעפן מיט אַ באַקאַנטער אין אָוונט, ביי אַ שאָפער אויף דער ברייטער מילא־גאַס.

פון איצטער אָן ווייס איך, אַז איך האָב נישט אויף וועמען צו האָפן און מוז אַליין זיך אַלץ באַזאָרגן. לויף איך שוין אַליין אַרום זוכן פאַר־בינדונגען. קום איך אין קיך פאַר ליטעראַטן, איינגעאָרדנט און אויסגע־האַלטן דורכן „דזשאָינט". דאָרט טרעף איך כמעט בלויז ווייבער, ווייל די מענער האָבן פאַרלאָזט די שטאָט. די פאַרוואַלטערס פון קיך זענען דער שרייבער בילינאָוויטש מיט זיין פרוי — זיי סאָפּען, פּאָרען זיך, און ווען

זיי דערזעען מיך מיט מיין חברטע, א לערערין, א פרוי פון א שרייבער, זענען זיי אונדז מקבל פּנים מיט די ווערטער (זיי זענען מיינע גוטע פריינט): אוי! אנטשולדיקט, איר מוזט פארלאָזן דעם לאָקאַל, ווייל ס'איז ענג, און דאָ גיט מען עסן נאָר צו פ ע ן ־ ק ל ו ב מיטגלידער.

מיר פארלאָזן שנעל דעם לאָקאל. איך גיי אין דער ארבעטער קיך פון די לינקע פּועלי ציון. דאָרט איז ריין, אַלץ אין אָרדענונג. מען קריגט עסן אויף קוויטלעך פון „דזשאָינט״. דאָס עסן באשטייט פון א ביסל וואסער־זופּ, אין וועלכער עס שווימען א פּאָר רייז־קערנדלעך, און דאָך רייסן זיך הונדערטער הונגעריקע נאָכן ביסל ווארעמס. דאָרט טרעף איך באקאנטע און חברים, צווישן זיי — א גאַנץ יונגן חבר, גאָלדסאבל, וועלכער האָט שוין באוויזן צוריקצוקומען פון ביאליסטאָק (פארנומען דורך די רוסן). ער וויל איצטער נעמען זיינע נאָענטע און צוריקגיין. ער דערציילט מיר, אז מען קען גיין צו פוס, ס'איז נישט ווייט. אָט האָט ער נישט קיין 200 זלאָטעס פארן שאָפער, וועט ער גיין צו פוס — און זיכערער אָנקומען דאָרט. ער גיט מיר אָנווייזונגען, ווי אזוי צו גיין.

דריי איך זיך דעם גאנצן טאָג איבער די גאסן און זעגן זיך מיט מיין שטאָט ווארשע. יעדער ווינקל באקאנט, נאָענט, טייער. די פילהאר־מאָניע, די אָפּערע, די טעאטערס, די קאפעען, די צעשטערטע און פארבלי־בענע הייזער, אין וועלכע איך האָב אמאָל געוווינט. אָט איז די גאס „נאווי שוויאט״ (די נייע וועלט). איצטער איז דאָס באמת א נ יי ע וועלט. ווער וואָלט זי דערקענט? איך גיי אינמיטן דער גאס, עס זאָל אויף מיר א וואנט נישט ארויפפאלן. אָט איז דער ספּעציעל שיינער ווינקל פון פּיל־סודסקי־פּלאץ — ווו איז אַלץ אהינגעקומען? — איך גיי אויף חורבות, חורבות... עס טריפט א קליין רעגנדל, ס'ווערט שוין טונקל. איך דערנענ־טער זיך צו די יידישע גאסן. ארום איז בלאָטיק, קאלט, פינסטער...

פּלוצים דערזע איך פאר זיך א באקאנטן בחור. ער פלעגט אריינ־קומען צו אונדז אין שטוב, ווען מיר האָבן געוווינט אין ווארשע, און מיר פלעגן אים העלפן מיט וואָס עס איז. ער איז כמעט שטענדיק געווען אר־בעטסלאָז. האָט פיל געלייענט. געווען אַן אויסגעשפּראָכענער קאָמוניסט און געגלויבט און געוואַרט אויף די נאָענטע טעג פון דער רעוואָלוציע — דעמאָלס וועט ער שוין באקומען באצאָלט פאר אַל־דאָס שלעכטס אין זיין

לעבן. איצטער שטייט ער פאר מיר ווי א גיפסענע פיגור. די אויגן אויס־געלאָשן, דאָס פּנים גאָלד־געל — ווי די אונטערגייענדיקע זון וואָלט זיך אָפּגעשפּיגלט אין אים. אַן אָפּגעריסענער, גאַנץ באַרוועס, מיט אַ לאַנגער באָרד, און אין ביידע הענט צוויי פולע עמערס מיט וואַסער. ארום איז בלאָטיק, שטייניק און שמוציק.

ווי גרוויזאַם איז דער שיקזאַל פון אַ מענטשן: דווקא איצטער איז פאַר אים געקומען אַ גוטע צייט. ענדלעך איז ער נ י ש ט ארבעטסלאָז, — ער זאָל נאָר האָבן אַזוי פיל כוח צו שלעפּן דאָס וואַסער פון דער ווייסל.

איך בין זיכער, אַז ער איז משוגע, ווייל אַזוי קאָן דאָך נישט אויס־זען אַ מיושבדיקער מענטש. אָבער ניין — ער דערקענט מיך. ער איז נישט משוגע. די באַמבעס האָבן אים דאָך אויך באַזוכט, אין זיין שטענדיקער היים, אויף דער גאַס, אָבער אים קיין שלעכטס נישט געטון... ער מוז זיך דאָך צו דער רעוואָלוציע ענדלעך דערוואַרטן!

איך קוק אויף אים אַ פאַרציטערטע, טרערן שטיקן מיך, איך גלעט זיין אויסגעמאָגערט פּנים, און שטופּ אים אַ צוקערל אין מויל (מיט זיי האָב איך אָפּט מיין הונגער געשטילט). אַ בלאַסער, קוים באַמערקלעכער שמייכל באַלויכט זיין פּנים. אים פרעג איך נישט, צי ז יי ן דירה איז צעשטערט... ארום אונדז בלייבן שטיין מענטשן און קוקן זיך צו צו אונדז — איך אנטלויף...

איך קום אריין אין אַ שטוב אויף דער ברייטער —צי שמאָלער— מילא. איך בין דאָס ערשטע מאָל אויף דער גאַס, אינעם אָרימען יידישן נעגנט. ס'איז ארום 6 פאַרנאַכט, ס'איז שטאָק פינסטער — איך האַלט אין בייטל מיין גאַנץ פאַרמעגן: 120 זלאָטעס, מיין אויסלענדישן פּאַס און אַ פּאָר פאָטאָגראַפיעס פון מיינע. איך דריק עס שטאַרק צו זיך. איך קום אריין, דאָרט טרעף איך, צו מיין איבערראַשונג, אַ גרויס צימער, שיין מעבלירט. אויפן טיש ליגט אַ ניי געבוירן קינד, עס שרייט הויך, און די מוטער, אַ גאַנץ יונגע און שלאַנקע, ליינט עס איבער. ביי דער וואַנט אין אַ זויבער בעטעלע ליגט אַ מיידעלע פון אַ יאָר 5. איר פּנים ברענט, די אויגן ברענען. זי וויינט און שרייט; ניין! איך וועל זיך נישט לאָזן מאכן קיין איינשפּריצונג, איך וויל נישט! דאָ דערביי שטייט אַן עמער מיט וואַסער, אויף דער טיר, וואָס פירט אין צווייטן צימער, ברענט אַ קליין

נאפט־לעמפעלע און דערנעבן שטייט א מיאוסע פרוי אין ברילן. זי איז שטארק קורצזיכטיק. האלט זי דעם שפריץ, וועלכן זי האט פריער מיט די פינגער אויסגערייניקט. מען הייסט מיך ווארטן אין צווייטן צימער, ביז דער שאָפער וועט קומען. איך זיץ ביי דער אָפענער טיר. די יונגע מאמע רעדט צום מיידעלע אויף פויליש: ווייַן נישט, טייערינקע, דאָס איז גאָרנישט, וואָס דער טאטע איז היינט אוועק. ווער נאָר געזונט — וועט שוין אלץ גוט זיין. זעסט, דער טאטע האָט דאָך געקויפט פארן אוועקפאָרן א שיין געל וועגעלע פאר דער ליאלקע. שבת וועלן מיר נעמען דאָס נייע ברודערל אין וועגעלע. דו וועסט פאָרן מיט דיין ליאלקע און מיר וועלן גיין שפאצירן אין זאקסישן גאָרטן — ווי אלע שבת.

איך שטים ציטערט. זי דערציילט מיר, אז דאָס קינד איז געבוירן געוואָרן 2 טעג פארן קריג. זי און דאָס קינד האָבן קיין טראָפּן מילך נישט געהאט דורך דער צייט. דער פעלדשער זאָגט, אז דאָס מיידעלע האָט טי־פוס, דאָס נייגעבוירענע האָט אויך היץ. איך הייס איר גיין נאָך הילף צו מיין באקאנטן דאָקטאָר מיט מיינעם א בריוו, אָן געלט. אָבער זי זאָגט: קען איך זיך דען אליין אן עצה געבן, און ווי וועל איך גיין אזוי ווייט? איך וועל נאָך ווארטן, אפשר וועט זיי בעסער ווערן.

צומאָרגנס פארטאָג 5 אזייגער איז זי שוין ביי מיר געוועזן נאָך דעם בריוו; די קינדער האָבן שטארקע היץ. אויפן שאָפער האָב איך זיך נישט דערוואַרט. איך פיל, אז איך מוז אנטלויפן, איך קען אין דער שטאָט לענ־גער נישט פארבלייבן. ווי אזוי זיך לאָזן אין וועג — ווייס איך אליין נישט. אָבער איך מוז אוועק. איך פיל, אז איך וועל אליין משוגע ווערן.

נאָך א טאָג. גאנץ פרי טרעף איך מיין ברודער, ביי וועלכן ס׳איז געוועזן די באָמבע אין שטוב. ער איז שרעקלעך פארענדערט. ער פארשטייט נישט, וואָס איך רעד צו אים, און צעטומלט קוקט ער זיך אום לינקס און רעכטס. מיין חברטע באמערקט מיר, אז ער איז, זעט אויס, א ביסל משוגע. ער דערציילט מיר, אז ער, דער גוט איינגעאָרדנטער סוחר, איז געבליבן אָן א גראָשן, אָבער ער מוז געבן עסן דעם ווייב מיט פיר קינדער. האָט ער באקומען א ביסל טריקאָטאזש־סחורה צו פארקויפן. ער איז ארויס דער־מיט אין גאס — איז צוגעקומען א קריסטין כלומרשט עפּעס קויפן. זי האָט צוגערופן א דייטשן זעלנער און אים געזאָגט, אז דער יודע איז א

פּאַסקאַזש (דאָס איז געווען דעמאָלט אויפן טאָג־אָרדענונג). דער דייטש האָט אים גענומען אין תּפיסה, ווו מען האָט אים געהאַלטן 3 טעג אָן וואַסער און אָן ברויט, שטאַרק געשלאָגן. נאַטירלעך האָט מען צוגענומען ביי אים די סחורה. אויפן פערטן טאָג האָט מען אים אַרויסגעלאָזט. אָבער עס האָט זיך כּמעט נישט באַוויזן צומאַכן דער טויער פון תּפיסה, האָט מען אים געכאַפּט צו דער אַרבעט און ווידער געשלאָגן און געהאַלטן אַ גאַנצן טאָג. היינט איז דער פינפטער טאָג. ער גייט זוכן ברויט פאַר די קינדער און האָט מורא, מען זאָל אים ווייטער נישט כאַפּן. דערפאַר קוקט ער זיך אַזוי אַרום...

איך הער, אַז אויף דער גרענעץ טוען די דייטשן אָן גרויסע צרות. זיי טוען אויס די פרויען נאַקעט און באַזוכן זיי. צערייסן די פּאַספּאָרטן, נעמען צו געלט, זייגערלעך, פינגערלעך און אפילו פיל־פעדערס.

גיי איך צו אונזער אַדמיניסטראַטאָר נאָך אַ צייגניש, ווייל איך וויל מיין אויסלענדישן פּאַס פאַרהיטן. איך בין ווידער אויף גראַניטשנע עק קראָלעווסקע. דאָ איז שטענדיק דער רעש געווען אומגעהויער. דאָ האָט מען געקענט אָפּשטיין גאַנץ לאַנג, ביז מען האָט געפונען די מעגלעכקייט פון איין זייט אויף דער צווייטער דורכצוגיין. איצטער איז די גאַס אָפּגעמעקט געוואָרן — און נישטאָ. נישטאָ! גיי איך פון גראַניטשנע אַריין אין גזשיבאָווסקע. די הייזער זענען נישטאָ, גיין קען מען איינציקווייז, אַזוי פיל שטיינער און ליים ליגט דאָרט. גייט מען אין אַ לאַנגער שורה, איינער נאָכן צווייטן. — ווי גרויזאַם און אָפּשרעקנדיק זעען אויס די פאַרבליבענע שטיקער הייזער.

אַט גייט פאַר מיר אַ נאַצי; נאָך אים — אַ יונגער פּאָליאַק מיט אַ באַנד אויפן אַרבל — ער געהערט צו דער בירגער־מיליץ אין שטאָט.

דער זעלנער קוקט מיט אַ גאַנץ ערנסט און אומהיימלעך פּנים אויף די „אַמאָליקע הייזער". ער ווייזט מיט די הענט. דער פּאָליאַק צעלאַכט זיך נאַריש און אויף שטום־לשון (ער קען, זעט אויס, נישט קיין דייטש), מאַכט ער אַ באַוועגונג פון אַ שער, וואָס שערט אַ באָרד. דאָס באַדייט: — עט, דאָס זענען דאָך ייִדיש ע הייזער! דער דייטש האָט אויף זיין געלעכטער נישט געענטפערט. איך זאָג הויך, ווי איך רעד צו וועמען: אָך! ווי וואַרשע זעט אויס. ער האָט פאַרשטאַנען און גייט ווייטער.

מען זאָגט, אַז צו דער אַרבעט כאַפּן די דײַטשן אינדערפֿרי, ווײַל עס מוז זײַן אַ פֿולער אַרבעטס־טאָג — 8 שעה. איצט איז שוין 6 פֿאַר־נאַכט און איך לויף אַהײם. אויף שווינטע קזשיסקע און באַנגע ליגן חור־בות פֿון אַן אײַנגעפֿאַלן הויז, אויף אַ וואַנט איז געבליבן הענגען אַ ווי־געלע מיט אַ קישן. אונטן, אויף דער גאַס, שטייט אַ גרופּע פֿון אַ צען יונגע ייִדן און קלויבן־אַוועק די חורבות אונטער דער אויפֿזיכט פֿון אַ נאַצי. מען זעט, אַז זיי זענען גענומען געוואָרן פּלוצים צו דער אַרבעט, ווײַל זיי זענען אָנגעטון אין גוטע, אַפֿילו רײַכע מאַנטלען מיט היט אויף די קעפּ. די אַרבעט זעט אויס צו זײַן קיין נישט שווערע. איך שטיי און קוק זיך צו. אָט הייבט אײנער אַ שטיק ציגל, דער צווייטער גיט איבער דעם דריטן, און אַזוי ווײַטער. די לעצטע לייגן די ציגל אויף איין באַרג. איינער פֿון די ייִדן נעמט אַראָפּ זײַן גוטן מאַנטל און וויל אים אַנידער־לייגן. ניין, שרײַט דער דײַטש, אין מאַנטל בלײַבסטו. זיי אַרבעטן ווי נישט דערפֿאַרענע. זיי שפּאַרן אָן די ציגל אויף די בײַכער און שמוצן־איין די מאַנטלען.

דערנעבן, אויפֿן טראָטואַר שטייט אַ יונגער שײַגעץ פֿון אַ יאָר 18, מיט אַן אינטעליגענט פּנים, און ווײַזט אָן דעם נאַצי אויף די דורכגייער: אַ יודע! אַ יודע! — איך קוק דעם שײַגעץ מיט האַס אין די אויגן; ער פֿאַרשטייט מיך, און שרײַט העכער מיט טריאומף: אַ יודע!

איך גיי אַרײַן אויף באַנגע; פֿרעג זיך, כּלומרשט, בײַ די ייִדישע דורכגייער, ווי שפּעט עס איז, און זאָג זיי, זיי זאָלן דאָרט נישט גיין, ווײַל מען כאַפּט צו דער אַרבעט. אַזוי שפּאַן איך אַהין און צוריק אויף דער וואַך אַ פּופֿצן מינוט.

פּלוצים לויפֿט פֿאַר מיר אין מיטן דער גאַס אַ גאַנץ הויכער דאַרער נאַצי־זעלנער. איך בין זיכער, אַז דאָס לויפֿט ער צו מיר. אָבער ניין. ער כאַפּט אַ יונגנמאַן, וועלכער איז פּלוצים פֿאַר מיר אויסגעוואַקסן. ער גיט אים אַ האַק אין קאָפּ, און דער האַרטער שײַנער הוט איז זיך צעפֿאַלן אויף צוויי. דער דעק איז אַוועק און דער ראַנד איז געבליבן הענגען בײַ דעם יונגן מאַן אויפֿן האַלדז. דער נאַצי לויפֿט אַראָפּ פֿון טראָטואַר און שרײַט הויך אויפֿן קול מיט אַ הילצערנער שטים: דאָ קום אַהער, דו הונט, איך

זועל דיר ווייזן, ווי אזוי מען דרייט זיך ארוים פון ארבעטן. איצטער וועסטו שוין וויסן, קום אין תפיסה.

זיין פנים איז רויט ווי באָרשטש; דער יונגערמאן איז אַן עלעגאנ־טער שיין געקליידעטער. ער איז קליין און גאנץ דאר, זיין פנים איז גרין, די אויגן, ווי פארמאכט. ער האלט זיך צו די אויערן, ווי ער וואָלט נישט וועלן הערן דעם געשריי. ווי נעבעכדיק זעט ער אויס לגבי דעם ריז — און איך שעם זיך פאר זיי ביידן.

איך גיי פאָראויס א פּאָר טריט. ערשט פאר מיר פּאָרט א דראָשקע, און אין איר — מיינע קרובים: א פּאָרל מיט זייער יינגעלע פון 10 יאָר. איך האָב געוווּסט, אז ז י איז געווען אין אַן אנשטאלט פאר משוגעים אין אָטוואָצק. זעט אויס, אז ער האָט זי איצטער געבראכט פון דאָרטן. דאָס זענען אויך קרבנות פונעם נאַצי־רעזשים. ער איז משוגע געוואָרן, ווען די נאַצים האָבן איינגעפירט אָרדענונג אין ד א נ צ י ג מיט א פּאָר יאָר צוריק. ער האָט געקרענקט א פּאָר יאָר. געזונט געוואָרן, אין דער צייט איז זי אויך משוגע געוואָרן. איך האָב זי זייער ליב, זי איז מיינע א נאָענטע — זי האָט זיך ביי אונדז אין שטוב דערצויגן צוזאמען מיט מיר.

די דראָשקע פּאָרט גלייך אין דער ריכטונג, וווּ מען כאפּט צו דער ארבעט. בליץ־שנעל שטעל איך זיך פאָר, ווי מען וועט אים מיטן קינד אראָפּשלעפּן פון דער דראָשקע צו דער ארבעט און זי, די קראנקע, לאָזן אליין. איך וויל נישט מער קוקן. איך לויף פאָראויס: איך וויל אהיים! וואָס שנעלער, שנעלער!

איך לויף גיך דורך דזשעלנע. עס איז שוין אינגאנצן פינסטער. פארן טויער פון פּאוויאק שטייען דריי קליינע עלעגאנטע גרויע אויטאָס. פון זיי פירט מען ארויס ארעסטאנטן — א פּאָר גלחים און סתם מענטשן. גאנץ שטיל קומט דאָס פאָר. איינער פון די ארעסטירטע הוסט, ווי ער וואָלט מיין אויפמערקזאמקייט וועקן. אָבער ס׳איז פינסטער — איך זע קיין פּנימער נישט.

איך לויף שנעל „אהיים שלאָפן". ווי גוט ס׳איז צו האָבן א בעט און קענען שלאָפן — שלאָפן. אָבער האָט זיך דען דעמאָלט געשלאָפן?!

מיר באשליסן, מיט מיינער א באקאנטער, גיין צו פוס. איך קוק אויף איר: זי איז א יונגע, א געזונטע. איך אליין גלויב נישט שטארק אין

מיינע כוחות, כאָטש אין תוך בין איך א געזונטע. אָבער איר זאָג איך דאָס נישט, ווייל אנדערש וועל איך דאָך מוזן לויפן אליין.

מיר ביידע האָבן קיין פּלאַן נישט; מיר פארלאָזן זיך אויף שפּעטער. זוכן מיר א האַלבן טאָג רוק־זעק, אָבער מען באַקומט נישט; די לויפערס פון דער „ערשטער בריגאַדע" האָבן אַלע אויסגעקויפט. נייען מיר מיט די הענט רוק־זעק פון ווייסן לייוונט.

איך גיי צו מיין מוטער דאָס לעצטע מאָל, אָבער איך זאָג איר נישט, אז פארטאָג גיי איך אוועק אויף שטענדיק. סיי ווי שלעפּט זי פון זיך דאָס ביסל מלבושים און ברענגט מיר, איך זאָל עס מיר צונעמען. איך בין, זאָגט זי, פּאָרט צווישן אייגענע — און דו גייסט דאָך אין דער פרעמד. ווער וועט דיר עפּעס געבן? אַלע מיינע זענען מיך מקנא, וואָס איך האָב מוט צו „גיין" און וואָס איך זע־אויס ווי א ק ר י ס ט י ן.

איך פארזיץ. עס ווערט שפּעט, און מיינע לאָזן מיך נישט גיין אהיים. איך גיי שלאָפן צו א טאָכטער פון מיינע קרובים, וועלכע וווינט אין צווייטן הויז. פון דער גאַס זעט־אויס דאָס הויז ווי נישט גערירט. אָבער די אָפּי־ציִנע אין הויף אנטקעגן דעם טויער איז אינגאַנצן צעשטערט, ממש אַלע 4 שטאָק אראָפּגעזעצט. די שטיגן, אויף וועלכע מיר גייען, זענען צעשע־דיקט און מיר גייען פאָרזיכטיק און לאַנגזאַם.

די משפּחה גייט אריין אין צווייטן צימער, איך באַקום א פּיין, ריין בעט אין ערשטן צימער. איך בין צופרידן, וואָס איך האָב די מעגלעכקייט זיך גוט אויסצורוען פארן פארלאָזן ווארשע.

ווי גוט ס'איז צו האָבן א בעט פאר זיך אליין! ווער איך טאַקע גלייך אנטשלאָפן.

פּלוצים וועקט מיך אויף א שטיל וויינען. איך זעץ זיך אויף און וויל ווייסן, וואָס עס איז געשען. אָבער אין שטוב הערשט א רואיקע שטיל־קייט און א מוראדיקע פינסטערניש. איך הער, אז דאָס וויינען קומט פון דרויסן. איך גיי־צו צום פענסטער, אָבער עס איז פארקלאָפּט מיט דיקטן. עפענען וויל איך נישט, כדי נישט צו וועקן די ארומיקע. ליג איך און הער זיך איין. דאָס געוויין איז אַן איינגעהאַלטנס, אזוי ווי עס וואָלט געשטאָרבן א גאַנץ אַלטיטשקער מענטש, אויף וועמענס טויט מען וואָלט שוין לאַנג געוואַרט, ער האָט זיך נאָר עטוואָס פארשפּעטיקט. אָבער דאָס וויינען איז

באגלייט מיט שארן פון כלים, מיט שיטן זאמד און שטיינער. דענערווירט מיך אזא ליגן. איך דריי זיך אזוי פון א זייט אויף א זייט א לענגערע צייט, ביז איך צינד־אָן א ליכטל, טו זיך שטיל אָן און גיי ארויס אויפן הויף. ערשט עס בלויט שוין. אויפן הויף שטייען א 15 פרויען און מענער און וויינען שטיל. אויף דער איינגעפאלענער אָפיצינע שטייען מענטשן און ריניקן לאנגזאם די חורבות.

—וואָס איז געשען?—פרעג איך.

דאָס האָבן די משפחות פון די געהרגעטע, וועלכע ליגן צווישן די חורבות, געדונגען מיטהעלפער. יענע גראָבן, רייניקן די חורבות און זוכן די אייגענע מתים, כדי זיי צו באגראָבן אויף א יידישן שטייגער. מען געפינט טיילן פון קערפערס — ליינט מען זיי צוזאמען אויף איין אָרט, כדי שפּעטער צו דערקענען זיי. און ביי יעדער האנט אָדער פוס, וואָס מען געפינט, וויינט די משפחה שטיל און איינגעהאלטן — נישט צו וועקן די איינוווינער.

איך גיי גלייך צו מיין באקאנטער, ביי וועלכער מיר האָבן זיך אָפּגערעדט צו טרעפן.

VII

מיר גייען...

אונדזער אדמיניסטראטאָר איז א מענטש פון אָרדענונג — ער נעמט אָן אין געוויסע שעהן: פון 3—4 נאָכמיטאָג. פון דעם גרויסן הויז, ווו מיר האָבן געוווינט, זענען געבליבן 3 דירות, צווישן זיי — די דירה פונעם אדמיניסטראטאָר. זיינע זין זענען טיכטיקע מענטשן און האָבן געראטעוועט די וווינונג מיט מסירת נפש. דורך אַן אנדער גאס, דורך צוגעשטעלטע לייטערס, קאסטנס און ברעטער, האָט מען זיך אריינגעקריגן אין דעם הויף. פון אלע זייטן האָט געדראָט דער טויט דורך די שטיקער פארבליבענע ווענט. צו זיך אין וווינונג האָט דער אדמיניסטראטאָר נישט אריינגעלאָזט — מען זאָל נישט זען די אָנגעשלעפּטע גנבות. האָט ער אויסגעזוכט א פּאסיק אָרט אויפן ליידיקן הויף, אנידערגעשטעלט א טישל און

דאָרט אויפגענומען קליענטן. ער שרייבט מיר אויף א צעטעלע אויף פוילִיש מיט א האנט־שריפט און לשון צום שטוינען — אז איך בין געקומען פון ארץ ישראל, געווינט אין דעם הויז און פארלאָזן מיין וווינונג צוזאמען מיט אלע איינוווינער נאָכן אבסאָלוטן חורבן פונעם הויז. ער שרייבט זיך אונטער, און גיט צו, אז ער שטעמפּלט נישט, ווייל די דאָקומענטן און שטעמפּלען זענען פארברענט געוואָרן. אזוי זעט אוים מיין נייער פּאַס, און מיט אים לאָז איך זיך אין וועג, און גיי מיט מיין באקאַנטער ארוים אין גאס פארטאָג.

מיר טוען זיך אָן ביי א שטיקעלע ליכטל (מען מוז שפּאָרן; פאר קיין נעלט קריגט מען אויך נישט). ס'איז קאַלט, פון צייט צו צייט זעט מען א מענטש, וואָס גייט אין דער זעלבער ריכטונג. ביז מיר קומען אין שטאָטצענטער הייבט אָן טאָגן. דער הימל פון ווייטן איז גרוי־ראָז. א שטילקייט הערשט ארום, מענטשן גייען נישט, נאָר שארן זיך. אלץ אין איין ריכטונג. מיר קומען אויפן אָרט. דאָרט שטייען שוין איינציקע מענטשן. קריסטן און יידן — אלע יונגע, פארצווייפלטע. דעם אמת עפנט מען ערשט ארום 9. איצט איז פאר 5 — מיר איז קאַלט און איך בין הונגעריק. די ריי ווערט אלץ גרעסער און לענגער. ביז 9 שטייט שוין די ריי צו 4 אין דער ברייט. מען שטופּט זיך, אָבער נאָענט ביים טויער ווערט אָרדענונג — ווי עס פּאַסט פאר דייטשן. די ריי, אין וועלכער מען שטופּט זיך, ווערט ארויסגעוואָרפן. מען עפנט דעם טויער און מען לאָזט אריין צו 15 מענטשן. כאָטש מיר זענען געקומען אזוי פרי, האָבן זיך שוין געפונען אַנדערע, וועלכע האָבן זיך פונדעסטוועגן פריער צוגעשטופּט. פון די, וואָס גייען ארוים צוריק, קען מען נישט וויסן, צי זיי האָבן די פּאַסיר־שיינען באקומען. א גאַנץ יונגע קריסטין שטייט אין טיפן שווארצן טרויער געקליידט. זי וויינט און בעט זיך, מיר זאָלן רעדן פאר איר; זי קען נישט קיין דייטש. גייט זי אזוי דעם פערטן טאָג מיט א בקשה: מען זאָל איר דערלויבן אריינפירן דעם קערפּער פון איר יונגן מאַן קיין וואַרשע. ער ליגט באגראָבן אויף דער גאס אין רעמבערטאָוו הינטער וואַרשע.

מיר זענען אזוי געשטאַנען ביז 4 נאָכמיטאָג. דאָ האָבן מיר באגעגנט באַקאַנטע פון דער גאַנצער שטאָט. 4 אזייגער צעטרייבט מען אונדז און מיר מוזן וואַרטן ביז מאָרגן. צומאָרגנס גייען מיר ווידער, מיר קומען צו צום

טעאַטער פּלאַץ — איך זע פון דער ווייטנס עפּעס אַזאַ שיין רויט־בלוי־ליכט. ס'האַרץ הייבט מיר אָן קלאַפּן; ווי באַליבט איז געווען ביי יעדן איינוווינער פון וואַרשע אָט דער פּלאַץ. פון דאַנען האָט זיך אָנגעהויבן דער שטענדיקער שפּאַציר פון דער יידישער יוגנט, דאָ איז די אָפּערע, טעאַטערס. אַרום סטאַרטשן־אַרויס שמאָלע נישט גלייכע און הויכע, שוואַרצע זיילן, דרענגער — דאָס זענען די איבערגעבליבענע שטיקער הייזער. איך קום־צו צום ליכט — דאָס איז דאָס אָרליק בלומען־געשעפט, וואָס אין זיינע שויפענסטער פלעג איך תמיד אַריינקוקן; דערנעבן איז דאָס קאַפע־הויז, אין וועלכן איך בין געזעסן מיט אַ פּאָר טעג צוריק. פון דעם אַלעם איז געבליבן אַ היפּש בערגל מיט אַש און קליינע שטיינדלעך, און אויפן שפּיץ צאַנקט לאַנגזאַם דאָס פייערל. דער הימל זעט אויס אין דעם פרימאָרגן פונקט ווי דאָס ליכט. אַרום הערשט אַ טויטע שטילקייט. מיר רעדן נישט, איך צעוויין זיך אויפן קול. מיר קומען צום ציל און שטייען ווייטער אין ריי. פון דער ווייטנס זע איך פּאָרלעך, צו צוויי, ווי אָנגעצייכנט — אַלע יונגע — אַלע יידן. אָט גייט אַ יונג מאָגער מיידל, אויף אירע דאַרע פּיסלעך טראָגט זי דינע פּאַנטאָפל מיט הויכע קנאַפּל, זי איז אין אַ לייכט מאַנטעלע, דער בחור אָן אַ מאַנטל, אין אַ גרינעם רוקזאַק אויף די פּלייצעס. אַ צווייט פּאָרל, אַ דריט. ווייטער דאָס זעלבע, מען שפּאַנט אַלע אין איין ריכטונג. — איך קוק און באַשליס ביי זיך: צומאָרגנס אויפשטיין פרי און גיין ווי אַנדערע. פּשוט — נ אָ כ ג יי ן. איך הער, אַז די דייטשן רייסן, ווען עס פאַרגלוסט זיי, פּאַספּאָרטן. האָב איך דאָך שוין מיין „שיין" פון אַדמיניסטראַטאָר, אַז איך בין געווען געמאָלדן אין וואַרשע.

6 פרי דאַרפן מיר זיך טרעפן ביי די קראַנקנשוועסטערס אין שטוב. איך און די לערערין שפּאַנען. הגם איך גיי אינגאַנצן אַ 20 מינוט, איז מיר הייס און שווער מיט דעם רוקזאַק אויף די פּלייצעס. דעם רוקזאַק האָב איך אַליין געמאַכט פון ווייסן לייוונט, און אָנשטאָט לעדערנע פּאַסקעס, האָב איך שטריק. מיר טוען ווי די אָרעמס, אָבער איך שפּאַן. אין גאַס פּאָרט אַ גרויסער לאַסט־אויטאָ. דאָרט שטייען יידן און זינגען — אַ מאָדנע מעלאָדיע איז דאָס, איינער זינגט אַן אַריע פון „קאַרמען", דער צווייטער — זמירות, דער דריטער — „התקוה". דאָס נויטן די נאַציס צו זינגען. אַזוי פירט מען די יידן צו דער אַרבעט. איינער פון די יונגע איז, זעט אויס,

געכאפט געוואָרן, בעת ער איז צו זיין ארבעט געגאנגען. ער ווארפט פון אויטאָ זיין האמער און רופט שטיל: יידן, באהאלט מיר דאָס! א ביסל ווייטער גייט פון א טויער א גרויסע מחנה יידן; דאָס האָט מען זיי געהאלטן אין טויער, כדי מען זאָל זיי נישט זען. ביסלעכווייז צוזאמענגענומען א גרעסערע גרופע. איצטער שטעלט מען זיי אוים צו 4 אין א ריי און מען פירט זיי. אָרדענונג מוז זיין. פרויען און מיידלעך מיט א רייכן אויסזען, פארקויפן קיכעלעך, שניטקעס. דאָס זענען די גליקלעכע — זיי זענען הפנים נישט אָפגעברענט און זייער זאפאס איז געבליבן — נאָר זייערע מענער און זין זענען נישטאָ. מיר קומען אויפן אָפגערעדטן אָרט. די באקאנטע פאקן זיך, זייערע רוקזעק זענען גוטע, פעסטע. יעדע מינוט ווערט די חברה גרעסער. איינע פון די צוויי שוועסטערן צעוויינט זיך און זאָגט: ווי שווער איז מיר זיך צו שיידן מיט מיינע זאכן, אזוי פיל יאָר האָב איך געלעבט אויפן וואסער (אלס קראנקנשוועסטער אויף א שיף), אלץ שטאמט פון פרעמדע לענדער — יעדע זאך מיינע דערמאָנט מיר לענדער און מענטשן. אזוי פיל דערינערונגען. זי וויינט און אן אומבאהאָלפענע ווייזט זי מיר געלט: נו, און וואָס מאַך איך דערמיט? — דאָס זאָל דאָך זיין פאר מיר און מיין גאנצער משפחה דאָרט. ווי אזוי נעם איך דאָס מיט?

איך קוק אויף דעם געלט. א גרויסע סומע אין קליינע פאפירענע מטבעות. איך פרוביר עס ווי עס איז באהאלטן. איך ווער מיד און דערנערווירט, און זי באשליסט... צו בלייבן: ווארטן אויף אן אנדער קאָמפאניע, ביז זי וועט זיין בעסער צוגעגרייט.

מיר געזעגענען זיך — א חוץ איר, זענען מיר די איבעריקע פרעמד. איך גיי מיט מיין באקאנטער לערערין זאלבעצוויי. פארן טויער שטייט אן אויטאָ, די צוויי שאָפערן — יונגע קריסטן — זעען אונדזערע רוקזעק און מיין וואליזקעלע אין האנט. זיי זאָגן, אז זיי וועלן אונדז צופירן צו דעם באן־הויף. זינט צוויי טעג גייט שוין א באן, וועלכע פירט אביסל צום וועג, צו דעם נייעם פארנומענעם רוסישן געביט. מיט דער באן פאָרט מען בלויז א האלבע שעה. זיי זאָגן, אז זיי אנטלויפן אויך פון דאנען. און באמת האָב איך איינעם פון זיי געטראָפן שפעטער אין רוסלאנד. ווען מיר קומען צו, שטייט שוין די באן, אינעווייניק זיצן כמעט בלויז יידישע יונגנט. אלע טראָגן היטלען מיט דאשקעס און רוקזעק אויף די פליי־

צעם. אין רעמבערטאָוו שטייגן מיר אויס. אַלע צעגייען זיך אויף פאַרשי־דענע וועגן. מיר בלייבן אין צווייען. דאָס איז אַן אַלט יידיש שטעטל. מיר זענען אַרום פון שטוב אָן א פּלאַן. איך ווייס, אַז דאָ איז געווען א סך יוגנט. גיי איך אַריין אין א שטוב, א היימישער רעסטאָראַן, און פרעג זיך, צי מיר וועלן באַקומען, וואָס עס איז עסן. מיר קריגן, צו אונדזער פאַר־וווּנדערונג, פיש, ברויט, א זופּ. עס קומט־צו א יונג מיידל, פרעג איך זי, צי זי קען מיר אָנווייזן אויף וועמען פון דער יוגנט פונעם שטעטעלע, אַלע איינס פון וועלכער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע. א דערשראָקענע זאָגט זי מיר: וואָס רעדט איר, וואָס?! גייט אַרויס פון דאַנען! ווער רעדט דאָס היינט אַזוי? ווער פרעגט אַזעלכע זאַכן? ווו האָט איר איצטער יוגנט? אַלע איז אַנטלאָפן!

איך פרעג אויף אַן אויטאָ, א וואָגן — אָבער מיר האָבן גאָרנישט. פרעגן מיר דעם וועג און גייען גלייך מיט די באַן־שינעס. מיר האָט א באַ־קאַנטער געזאָגט, אַז אַמבעסטן איז צו גיין מיט דער באַן־ליניע, ווייל דאָרט שטייען נישט קיין פּאַטרולן. גייען מיר אַזוי זאַלבעצווייט. אונדז איז הייס, מיר זענען מיד. דער וועג איז ליידיק. בלויז פון צייט צו צייט גייט דורך א מענטש. פּלוצים פאָרט דורך א וועגעלע. מיר בעטן זיך ביים פורמאַן, ער זאָל אונדז אַרויפנעמען. יאָ, זאָגט ער, ווען איר וועט מיר געבן טיטון. גוט, זאָג איך, און מיר זעצן זיך אַרויף. איך האָב ביי זיך געהאַט א ביסל פּאַפּיראָסן. מיר זענען געפאָרן א 15 מינוט און מיר שטייגן אויס, ווייל ער פאַרקערעוועט אין אַן אַנדער ריכטונג. עס הייבט אָן רעגענען און מיר קוקן זיך אום. עס איז שוין 4 נאָכמיטאָג. מען זעט קיינעם נישט. אויף די קליינע הילצערנע הייזלעך אַרום זענען אויפשריפטן, אַז דאָ קוואַרטירט דער לויטנאַנט פון דעם פּאָלק, און דער דיוויזיע. ווייטער — דאָס זעלבע. אונדז ווערט אומהיימלעך, איך טראַכט, אַז מיר גייען שלעכט, ווייל ווו זענען די אַלע, וועלכע זענען מיט אונדז צוזאַמען געפאָרן? אָבער פאַרפאַלן, צוריק וועלן מיר דאָך איצטער נישט גיין. שפּאַנען מיר ווייטער. איך פיל, אַז איך פאַל פון די פיס. עס ווערט פינסטערלעך, און פון דער ווייטנס צאַנקן שוין אין די כאַלופּעס לעמפּלעך. איך מיין, אַז מיר וועלן נישט דערגיין. עס קומט אָן אויף א ראָווער א דייטשער אָפיציר. איך פרעג אים אויף שטום־לשון (עס איז בעסער, נישט צו פאַרשטיין קיין דייטש, דאָס

איז א סימן פון קריסטנטום), ווו מיר קענען דאָ איבערנעכטיקן, ווייל מיר זענען מיד. ער ווייזט אונדז, אז דאָרט ווייטער איז דאָס דאָרף, רופט־צו א זעלנער און הייסט אונדז באַגלייטן. ער האָט א מענטשלעכן אויסזען. ער נעמט מיין וואַליזע און פירט אונדז צו דעם דאָרף. מיר דאנקען און קומען אריין אין א כאַלופּע, פון וואַנען עס צאנקט א ליכט. ערשט מיר האָבן פּונקט גוט געטראָפן. א גאַנץ פּוסטער צימער. אין מיטן שטוב, רונד ארום א טיש זיצן פּויערים מיט רויבער־פּנימער; מיר פרעגן, ווו מען קען איבערנעכטיקן — גיבן זיי אויף אונדז א געשריי: אוועקט פון דאנען! מיר ווייסן נישט!

דערשראָקענע אנטלויפן מיר פון דאָרט שנעל; דאָס זענען געווים די חברה פּויערים, וועלכע באַפאַלן יידן אויף די וועגן און נעמען ביי זיי אַלעם אוועק!

אזוי גייען מיר פון איין כאַלופּע אין א צווייטער און בעטן א גע־לעגער. אויף איין שוועל שטייט א שיינע יונגע פּויערטע און פרעגלט אָוונט־ברויט פאר איר הויזגעזינד. די קינדער שטייען ארום. זי זאָגט, אז זי קען אונדז נישט אריינגעמען. זי האָט קיין אָרט נישט. איך זאָג איר, אז מיר וועלן באַצאָלן, אָבער זי הייסט אונדז זוכן אן אנדער אָרט. פאר איר שטוב ליגט אַן איבערגעוואָרפענער גרויסער בוים; מיר זעצן זיך אויף אים און באַשליסן דאָ איבערצוזיצן די נאכט. ערשט פון דער זעלבער שטוב גייט ארויס א פּויער און זאָגט: —וואָס, איר רעכנט דאָ זיצן? — קומט צו מיר, וואָס רעדט איר עפּעס וועגן ב א צ אָ ל ן ? פון ווען אָן צאָלט מען ביי אונדז אין פּוילן פאר איבערנעכטיקן?

מיר קומען אריין אין דער פּויערשער שטוב פון צוויי גרויסע זוי־בערע צימערן. דער פּויער רופט אריין דאָס ווייב; זי מאכט פייער, קאָכט אויף שנעל א זופּ, שטעלט פאר אונדז ספּעציעל ברויט, מילך. מיר עסן אַלע פון איין שיסל און רעדן פּאָליטיק. ווייזט זיך ארויס — א באוווסט־זיניקער פּויער.

יעדע ווײַלע עפנט זיך די טיר און עס קומען אנדערע מענטשן, וואָס פרעגן עפּעס. יעדער קוקט אויף אונדז; מיר ווערט אומהיימלעך. מיר זעט אויס, אז מיר האָבן פארבלאָנדזשעט; אנדערש וואָלטן זיי זיך דאָך נישט

געוואונדערט אויף די דורכגייערס. זענען דאָך די דערפער געווען פול מיט אַזעלכע דורכגייערס ווי איך.

עס קומט אריין א יונגער זון, די עלטערן הייסן אים גיין שלאָפן צו שכנים. אונדז גיט מען אָפּ דאָס שענסטע, גרויסע און זילבער־ריינע בעט. אין אַזא בעט בין איך שוין ניטש געשלאָפן זינט איך האָב פארלאָזן מיין שטוב אין תל אָביב. דער פויער קלערט אויף, אז דאָס זענען אונדז גע־קומען אָנקוקן די שכנים. זיי דוכט זיך, מיר זענען דייטשקעס. אז מיר זענען יידישע — פאלט זיי נישט איין. מיר זאָגן עס אויך נישט. פארן שלאָפן גיין, זאָגן זיי די נאכט־תפילה — און מיר זעען, אז זיי אָבסער־ווירן אונדז. איך פארשטיי, וואָס פאר א רושם אויף זיי מאכט, ווען מיר לייגן זיך אָן א תפילה.

פארטאָג, ווען מיר כאַפּן זיך אויף, שטייט שוין אויפן טיש צוגע־גרייט פאר אונדז א פרישטיק. מיר עסן אָפּ, געזעגענען זיך און דאנקען. איך לאָז אויפן טיש זייף, גארן, צוקער. די פויערטע האָט מיר בייננאכט דערציילט, אז דאָס פעלט איר. דער פויער האקט אויפן הויף האָלץ. א ברוגזער געזעגנט ער זיך מיט אונדז.

מיר גייען ווייטער. קיין לעבעדיקן מענטש באגעגנען מיר נישט. מיר וויסן נישט דעם וועג און האָבן נישט ביי וועמען צו פרעגן. דער פויער האָט אונדז דערציילט, אז די דייטשן האָבן ביי זיי אוועקגענומען די חזירים, א קו, הינער און פערד. זעט מען טאקע קיינעם נישט אויפן וועג. מיר גייען אַזוי בלאָנדזשענדיק א צוויי שעה. מיר טרעפן באָמבעס, זעט אויס, נישט אויסגעשאָסענע, אויפן פעלד. ווי גרויס זי איז, די באָמ־בע, וואָס פאר א כוח עס ווייעט פון איר! דערנעבן ליגט א צעבראָכענער אעראָפּלאַן. ווייטער — א צעשאָסענע באַן. מיר גייען און רעדן צו זיך: זע, אין דער באַן זענען געווים מענטשן געפאָרן. ווי שרעקלעך דאָס איז! מיר זעצן זיך אויף דער איבערגעקערטער באַן אָפּרוען. פלוצים הערן מיר פון אינעווייניק רעדן דייטש. מיר שפּרינגען אראָפּ פון די שינעס אויפן פעלד. דאָרט איז בלאָטיק, זומפּיק. מיר אנטלויפן. ווייטער טרעפן מיר א פּאָליאק אין אַן אָנצוג פון א פּוילישן באַן־ארבעטער. מיר פרעגן אים, ווו מיר געפינען זיך און צי האָבן מיר נאָך ווייט צו דער גרענעץ. — אָט, זאָגט ער אונדז, און ווייזט מיט דער האנט. דאָ איז א באַן־סטאציע. פון

נעכטן אָן גייט א לאסט־באַן. די דייטשן נעמען־מיט מענטשן, ווען מען בעט זיי. איר קענט צופאָרן א היבש שטיק וועג, ביז צום טייך בוג. די בריק איז צעבראָכן, ווייטער וועט איר זען.

אונדז ווערט אומהיימלעך, ווען דעם בוג האָבן מיר דאָך געהערט, אַז מען גייט איבער דעם טייך צופוס, און עס זענען דאָ א סך פאַלן פון טויט.

דער קריסט יאָגט אונדז: גייט שנעל, די באַן פאָרט־אָפּ אין 5 מינוט. מיר טראַכטן נישט קיין סך און לויפן.

VIII

אויף די וועגן פון אָקופּירטן פּוילן

באַלד נאָכדעם ווי די דייטשן האָבן פאַרנומען וואַרשע, האָט זיך אָנגעהויבן א סדרה לויפן צו דער רוסישער זייט. פון אָנהייב איז געלאָפן די יידישע יוגנט, שפּעטער — גאַנצע פאַמיליעס; מערסטנס די, וואָס האָבן געהאַט זייערע קרובים אין רוסלאַנד.

שלעכט און ביטער איז אין יענע טעג געווען די פּליטים אויף די וועגן. די נאַציס פלעגן זיי שלאָגן און ראַבירן. שפּעטער האָבן אָנגעהויבן אָרגאַניזירטע באַנדעס פון פינסטערע פּוילישע פּויערים באַפאַלן און צו־נעמען ביי די פּליטים דאָס, וואָס די דייטשן האָבן איבערגעלאָזן. אַזוי אַרום פלעגן טאַקע די פּליטים קומען אויף דער רוסישער זייט מערסטנס באָרוועס, נאַקעט און אָן א פּרוטה.

בכלל האָט דאָס פּוילישע פּויערטום געשפּילט יענע טעג אַן אויס־ערסט וויכטיקע ראָל פאַר די יידן. אין זיינע הענט איז באמת געלעגן דער גורל פון די פּליטים. האָט מען דאָך געמוזט ווו איבערנעכטיקן, וואָס עס איז עסן אָדער טרינקען, אָדער גאָר — זיך אויסבאַהאַלטן פון די נאַ־ציס, און שפּעטער פון די רוסן, וועלכע האָבן אויפגעהערט אריינלאָזן צו זיך. די פּויערים פלעגן אויך איבערטראָגן אויף דער רוסישער זייט זעק מיט יידישער פּראַצע, מיט יידיש האָב און גוטס. האָבן זיך געפונען פּוי־רישע באַלופּעס, ווו מען פלעגט זיך פילן ווי ביי אייגענע; דאַקעגן זענען

געווען אנדערע, ווו מען פלעגט אומברחמנותדיק באגנבענען און באראַ־בעווען.

עס פלעגן פויערים קומען פון דעם שטח, וואָס איז פאַרנומען דורך די רוסן און אויף זייערע וועגענער מיטנעמען יידישע משפחות. פון אָנ־הייב איז עס געווען צופעליק און ס'האָט געקאָסט קליינע געלטער; דער־נאָך האָבן זיי אָנגעהויבן פאַרלאַנגען גאָר גרויסע סומען. פלעגן זיי שוין קומען מיט גרויסע וועגענער, געשפּאַנט אין צוויי פערד, און אויף אַזאַ פור אַרויפּפּאַקן עטלעכע פאַמיליעס מיט אַמאָל.

עס פלעגט טרעפן, אַז אַזאַ פור איז אַריבערגעקומען קיין רוסלאַנד גאַנץ און אָן צרות — איז זי נאָכאַמאָל געפאָרן צוריק נאָך נייע פאַרשווי־גען, וועלכע האָבן שוין געוואָגט מיטנעמען מיט זיך מער זאַכן, אַפּילו פוטערס, זילבערוואַרג, בעסערע זאַכן, אַפּילו מעבל.

האָב איך דאָך אויף דער ערשטער רוסישער סטאַציע געזען אַ בילד, ווי אויפן ברייטן שליאַך האָבן זיך געצויגן פויערישע וועגענער מיט בעט־געוואַנט און קיך־כלים, אויף דעם — אַלטע לייט און זויג־קינדער. די פורן פאָרן אין מיטן וועג, און איןביידע זייטן שלעפּט זיך די יוגנט. אַ שמוציקע, אָפּגעריסענע.

אויך אויף די דאָזיקע וועגן פון פוילן האָב איך אָנגעטראָפן פיל באַקאַנטע. זיי דערציילן מיר, אַז בשעת אַ רעוויזיע האָבן די נאַציס ביי זיי צוגענומען די סוועטערס, שאָקאָלאַד און אַראָפּגעשלעפּט פון די פיס נייע שיך מיט קאַלאָשן.

פון אַ פור האָט דער נאַצי אַראָפּגעיאָגט די אַלטע לייט און אָנגע־זאָגט דעם פויער, ער זאָל זיי נישט אַרויפנעמען אויפן וואָגן. האָט טאַקע דער פויער מורא געהאַט, און מיין באַקאַנטע האָט זיך מיט איר מוטער געטראָפן — ערשט אויף דער רוסישער זייט.

ביי איין מיידל האָבן די דייטשן צוערשט אַראָפּגענומען ממש די מלבושים און אוועקגערויבט די מאַניקיור מכשירים. ווען זי האָט געגומען זיך בעטן, מען זאָל איר דאָס לאָזן, ווייל דאָס זענען אירע אַרבעטס מכ־שירים, האָט מען עס אוועקגעשליידערט ווייט אויפן וועג.

ביי אַ יונגן בחור, אַ פּליט פון דייטשלאַנד, האָט מען צוגענומען זיין פידל, כאָטש ער האָט זיך מיט טרערן אין די אויגן געבעטן, מ'זאָל

עס אים לאָזן, ווייל דאָס איז זיין ברויט. האָט מען אים געהייסן דאָ, אויפן אָרט אין די דאָזיקע משונהדיקע אומשטענדן שפּילן; דער דייטש, וועלכער האָט רעווידירט, האָט זיך געגרויסט, אַז ער איז אויך אַ מוזיקער. דאָס בחורל האָט זיך אַוועקגעשטעלט און געשפּילט. נאָכן שפּילן פרעגט אים דער דייטש, וואָס ער האָט געשפּילט. דער בחור זאָגט אים, דעם מוזיקער: דאָס איז דאָך אַ פראַגמענט פון מענדעלסאָנס פידל־קאָנצערט. איז דער דייטש שטאַרק בייז געוואָרן: וואָס פיר איין קאָמפּאָזיטאָר?! ער וואַר נור איין שמוציקער יודע!! מיט די ווערטער האָט ער צוגענומען די פידל.

שפּעטער איז אַ באַנדע פּויערים באַפאַלן די זעלבע פּליטים גרופּע און ווייטער געריבט. צום סוף, שוין גאַנץ נאָענט צו דער רוסישער גרענעץ, האָבן די נאַציס געהייסן אַראָפּגיין פון די וועגענער און מיטנעמען מיט זיך די זעק מיט זאַכן אויף אַ נייער און לעצטער רעוויזיע.

די איצטיקע רעוויזיע איז שוין נישט פאָרגעקומען סתם אָן אַ פּלאַן, נאָר אין גאַנץ באַזונדערע באַדינגונגען.

צו איר צוועק איז געווען צוגעגרייט אַ צימער אין אַ פּויערישער כאַלופּע ביים וועג. אין מיטן צימער איז געשטאַנען אַ גרויסער טיש, אויף וועלכן מען האָט די יידן געהייסן אַרויפלייגן אַלע זאַכן. אין אַן ענגער און לאַנגער שורה זענען געשטאַנען אויסגעשטעלט פּויערים. אין איין זייט מענער, אין דער צווייטער — פּויערטעס מיט קינדער; זיי האָט מען צעטיילט דאָס רעשט, וואָס איז געבליבן נאָכן גאַנצן רויב אויפן וועג. פון איין יידיש יינגעלע, אַ קינד פון אַ יידישער לערערין פון וואַרשע, האָט מען אַראָפּגעצויגן אַ ניי מאַנטעלע און עס אַוועקגעגעבן אַ פּויעריש קינד. אַזוי אַרום האָבן די נאַציס געקויפט די סימפּאַטיעס פון פּשוטן פּוילישן פאָלק. איך האָב טאַקע שוין דעמאָלט געהערט פון די פּאָליאַקן: נאָר אייך, יידן, איז שלעכט ביי די נאַציס, אָבער א ו נ ד ז איז גוט. אונדז האָבן זיי ליב.

אַ דאַנק דעם צופאַל, וואָס איך מיט מיין באַגלייטערין האָבן נישט געוווּסט דעם וועג, וואָס מיר האָבן געשפּאַנט גלייך מיט די באַן־רעלסן, און נישט צוזאַמען מיט אַנדערע פּליטים דורך דערפער און וועלדער, האָבן מיר זיך איינגעשפּאָרט זייער פיל צייט און צרות. מיר זענען געווען זיכער, אַז מיר בלאָנדזשען, אונדז האָט געוווּנדערט, וואָס מיר טרעפן נישט אויפן

נע ונד...



וועג די פּליטים. דער וועג איז געווען גאַנץ פּוסט פון מענטשן. אין משך פון א פּאָר שעה האָבן מיר געטראָפן איין מאָל איין פּויליש פּויעריש וועגעלע. די סיבה איז געווען די, וואָס אויף דעם וועג זענען געווען איינגעקוואַרטירט א סך דייטשן. זיי האָבן צוגענומען ביי די פּויערים דעם לעבעדיקן אינווענטאַר: חזירים, הינער, בהמות און פערד. האָבן די פּויערים זיך פאַרמאַכט ביי זיך אין די כאַלופּעס און זיך פון דאָרט נישט גערירט. ווען מיר זענען אָנגעקומען אין דעם ערשטן דאָרף און געבעטן איבערנעכטיקן, האָט מען אונדז דערפאַר אָפּגעזאָגט, ווייל דאָס דאָרף האָט די פּליטים נישט געזען, און די פּויערים האָבן געמיינט, אז מיר זענען ד י י ט ש ק ע ס. ווי דען אנדערש וואָלטן מיר געוואַגט דורך ד ע ם וועג צו קומען?!

מיר האָבן ענדלעך געפּאַקט א משא־צוג, וואָס פאָרט צום ב ו ג.

מיר זיצן אין דער באַן, מיר — צוויי פרויען און א 40 נאַצים. די לעצטע זענען עס געפאָרן פאַרריכטן די בריק איבערן בוג נעבן מ א ל ־ ק י נ י ע. אונדזער אריינזעצן זיך אין דעם וואַגאָן איז געקומען אַזוי פּלוצים, אז מיר זענען איבערראַשט און ווייסן נישט, ווי זיך צו האַלטן: רעדן אָדער שווייגן?!... די נאַצים זענען אַלע געזונטע, זויבערע און פאַרהאַלטן זיך ווי קולטורעלע מענטשן אין נאָרמאַלע אומשטענדן, הגם זיי רעדן נישט מיט אונדז.

איך גלויב נישט, אז אונדזער פאָרן וועט זיך גוט ענדיקן און טראַכט, ווי אַזוי אַרויסבאַקומען פון דער וואַליזקע די פאָטאָגראַפיע פון מיין מאַן, וועלכער טראָגט נאָך, צו מיין איצטיקן אומגליק, א באָרד. מיר פאָרן גאַנץ שנעל פון דער סטאַציע טלושטש ביז א סטאַציע פאַר מאַלקיניע. ווייטער פאָרט נישט די באַן. די נאַצים גייען צו דער אַרבעט. זיי העלפן אונדז אַראָפּגיין פון די הויכע שטיגן אויף א שיינעם ערנסטן אופן, טראָגן אַראָפּ אונדזערע רוקזעק — מיר בלייבן אַליין. פאַר אונדז — א צעבראָכענע בריק. איך האָב די לעצטע טעג אַזוי פיל געהערט וועגן דעם געפערלעכן אַדורכגיין אָט אָ דעם בוג. מיר פאַלט גאָרנישט איין אריינצוגיין אין וואַסער, ווען פאַר מיר שטייט א בריק, אמת, א צעבראָכענע. אָבער איך זע דאָך דאָרט נאַצישע זעלנער שטייען און פאַרריכטן זי; דאָרט זענען שוין

אויך די, וואָס זענען נאָר־וואָס צוזאַמען מיט אונדז געקומען. מיר פרעגן, צי מען קען און צי מען מעג דורכגיין.

נאָך איידער מיר באַקומען אַן ענטפער, רוקן זיי זיך אָפּ פון וועג און מיר גייען „פּאַרזיכטיק דורך די ניי־געלייגטע ברעטער. מיר קוקן אַפילו נישט אַראָפּ אונטן אין וואַסער, נאָר שפּאַנען פאָראויס, אַלץ אָן א פּלאַן, נישט וויסנדיק וווהין. מיר ווייסן נאָר, אַז מיר זענען פאַר מאַל־קיניע און פון דאַנען האָבן מיר אינגאַנצן א האַלבע שעה און אָט וועלן מיר שוין זיין אויף דער רוסישער זייט.

באַלד ווי מיר שטעלן דעם ערשטן טריט אויף דער צווייטער זייט בוג, קומט אונדז אַנטקעגן אַן אָפּגעריסענע גויע; זי זעט אויס, ווי די משוגענע פון שטעטל. זי שרייט מיר אין אויער אַריין מיט א הייזעריקער שטים: גייט נישט דאָ פאָראויס, גייט לינקס אין וועלדל אַריין — אָט דאָרט שטייט דאָך דער רויב־פויגל...

דערשראָקענע לויפן מיר אין דער ריכטונג, וווּ זי האָט אונדז געוויזן. פון דער ווייטנס זעען מיר פּליטים. זיי דערקענט מען צוליב די גרינע רוקזעק אויף די פּלייצעס און די פרויען מיט טיכלעך אויף די קעפּ.

פאַרציטערטע בלייבן מיר שטיין — עפּעס האָבן מיר מורא צו זיין אין דער סביבה פון די פּליטים... מיר, וועמען ס'האָט אָפּגעגליקט שוין אויף דעם צווייטן טאָג זיין אין מאַלקיניע, אָן געלט, שיפלעך, וועגווייזער, אויטאָס, וועגענער.

אויך דאָ קומט אונדז אַנטקעגן א יונגער קריסט. ער זעט אויס, ווי אַן אַרבעטער. ער ווענדט זיך צו אונדז: קומט שנעל צו מיר אַריין — אָט דאָ איז מיין שטוב, גייט נישט ווייטער אָן אָנווייזונגען. איר וועט זיך אומגליקלעך מאַכן. היינטיקן טאָג האָבן זיי די פּליטים ביז נאַקעט אויס־געטון און אַלץ ביי זיי צוגענומען. קומט, איך וועל אייך העלפן — און איר וועט מיר עפּעס געבן דערפאַר.

מיך האָט אַרומגענומען א געפיל פון מורא, אָבער ס'איז דאָך נישטאָ קיין צייט צו טראַכטן. פאַרפאַלן! — מיר זענען דאָך סיי ווי סיי גרייט אויף אַלעם.

מיר גייען אַריין אין זיין כאַלופּע.

קודם כל, זאָגט דער יונגער קריסט, נעמט אַראָפּ אייערע היטעלעך

פון די קעפּ. און די מאַנטלען אויך. איך ברויך עס נישט; פּאַרפּאַקט אַלץ אין פּעקלעך און נעמט עס אויפן פּויערישן שטייגער אויפן רוקן, אָדער אונטערן אָרעם. די קעפּ פאַרבינדט מיט טיכלעך און אַזוי גייט. איך וועל אייך ווייזן אַ שטיקל וועג, אָבער — פונדערווייטנס, מען זאָל נישט וויסן, אַז איך בין דער וועגווייזער.

ער גייט אַרויס פון דער כאַלופּע. עס קומט אַריין זיין יונג ווייבל, און זי דערציילט, וואָס פאַרא צרות די נאַציס טוען אויך זיי אָפּ. מיר לאָזן דאָרט די איבריקע זאַכן אונדזערע, ווי נאָך אַ פּאָר שיך, וואָס מיר האָבן זיך איינגעהאַנדלט פאַרן „גיין", זייף, גאַרן, און גיבן נאָך צו 15 זלאָטעס. דער קריסט גייט פאָראויס און מיר — אין דער זייט. ער מאַכט אַ באַוועגונג מיט דער האַנט, אַז מיר זאָלן גיין רעכטס און פאַרשווינדט.

פאַר אונדז איז דאָס שטעטעלע מאַלקיניע. דאָס שטעטעלע איז פאַרברענט. די יידן אַרויסגעטריבן. אינסטינקטיוו גייען מיר אַרויף אויף דער לאָנקע. מיר באַהאַלטן זיך פאַר אַ מענטשנס אויג. דאָרט זיצט אַ קליין, אָפּגעריסן פּאַסטוכל פון אַ יאָר זעקס. אויף מיין פראַגע: וועלכער וועג איז דער קירצסטער אין שטעטעלע אַריין? זאָגט ער, ווייזנדיק מיט זיין קליין שמוציק הענטל: אָט, גייט דורך דאָס איינגעפאַלן הויז, וועט אייך דער משוגענער הונט נישט זען. דאָס מיינט ער דעם דייטשן זעלנער.

מיין חברטע, די לערערין גוטגעשטאַלט, אַ סימפּאַטיקערין פון קאָמוניזם, רעדט אַרויס שטיל: נישט אַנדערש, נאָר אונדזערע אָ ב ו ת מיען זיך פאַר אונדז, מיר זאָלן נישט אַריינפאַלן צו די נאַציס אין די נעגל...

מיר גייען לויט דער אָנווייזונג. ערשט מיר געפינען זיך אויף דער אַמטער סטאַציע פון מאַלקיניע. פונדערווייטנס זעען מיר די באַן־סטאַציע, און פּ אָ ר איר — אַ פּאָר פּויערישע וועגעלעך. איך לויף צו צו דעם ערשטן פורמאַן און פרעג אים דירעקט, צי ער קען אונדז צופירן צו די רוסן. — גוט, ענטפערט ער אויף דער גיך, אָבער אַנטלויפט שנעל צו דער באַן־סטאַציע, איך וועל אייך שוין געבן צו וויסן.

מיר זעען, ווי עס דערנענטערט זיך אַ דייטש מיט אַ פּיקעלהאַובע אויפן קאָפּ. אין ערגעץ האָבן זיי אָט די היטלען נישט געטראָגן. אין די דערפער האָבן זיי, זעט אויס, געוואָלט אימפּאָנירן מיטן גלאַנץ פון דער קאַסקע.

מיר דערוווייטערן זיך בליץ־שנעל, איידער ער דערנענטערט זיך צו אונדז.

IX

איך געזעגן זיך מיט נאַצי־פּוילן

אויף דער באַן סטאַציע מאַלקיניע זענען געווען פאַרזאַמלט הונ־דערטער קריסטלעכע משפּחות, בלויז פרויען מיט קינדער. א מוראדיק בילד. מידע, שמוציקע, הונגעריקע, זענען זיי געזעסן אויף הויפנס בעט־געוואַנט. זייערע מענער, זין און ברידער זענען אין קריג געגאַנגען און זיי זענען אַנטלאָפן פון זייערע היימען, מורא האָבנדיק פאַרן דייטש. איצט פאָרן זיי צוריק אהיים, אַנטלויפנדיק פון די רוסן. די אומגליקלעכע באַ־קומען פון די נאַצים איין מאָל אין טאָג זופּ מיט שוואַרץ ברויט.

אויך דאָ האָב איך געהערט פון די פּאָליאַקן: מיר פאָרן צוריק אין אונדזערע היימען, ווייל אונדז טוען נישט די דייטשן קיין שלעכטס; זיי האָבן פיינט נאָר די יידן. אָט גיבן זיי אונדז אפילו עסן...

פונדערווייטנס מאַכט אונדז דער פויער סימנים, מיר זאָלן זיך דאָרט אהין דערנענטערן. דאָרט וואַרטן שוין צוויי צוגעגרייטע וועגעלעך.

איך זעץ זיך נעבן דעם פויער. מיין חברטע — אויפן צווייטן וואָגן. מיין קליין, נישטיק פּעקעלע זאַכן ליגט אונטער דעם פויערס פיס, באַדעקט מיט שטרוי. דאָס וואַליזקעלע מיט דעם רעשט זאַכן האָב איך געלאָזט אין דער פריערדיקער כאַלופּע. מיר פאָרן גאַנץ לאַנגזאַם. ס'איז א פּוילישער הערבסט פאַרנאַכט. ארום איז שטיל. דער וועג איז באַשאָטן מיט נאַסע גאָלדענע בלעטער. הגם מיר פאָרן לענגאויס דעם דאָרף, זעט מען נישט קיין מענטש און מען הערט נישט קיין קינדישע שטימע.

איצט פאָרן מיר דורך אַן אַלייע אַלטעביימער, איך אָטעם אין זיך אַריין דעם ריח פון די ביימער און פון דער גאַנצער אַטמאָספער ארום. איך וויל זי איינזאַפּן און פאַרבאַהאַלטן ביי זיך אויף שטענדיק. די סקריפּענ־דיקע רעדער וואָס פאָרן איבער די נאַסע בלעטער, די טראָפּנס רעגן, וועלכע פאַלן שטיל אַראָפּ פון די ביימער, רעדן צו מיר און דערמאָנען מיר פאַר־

שידענע צייטן פון מיין לעבן, וואָס איז אזוי אינטים פארבונדן מיט דעם לאנד און מיט דער ערד.

קוק איך אויף די קאשטאן ביימער און זע זיך אין די קינדער יאָרן, שפאצירנדיק מיט מיין יונגער מוטער. זי לערנט מיך אונטערשיידן א קאשטאן פון א דעמב און אָנרופן זייערע נעמען. שפעטער גיי איך, שוין אַלס לערערין, מיט קינדער אין זאקסישן גאָרטן אין ווארשע און אין פארק און לערן די קינדער דאָס זעלבע. צוזאמען מיט מיר אנטציקן זיי זיך מיט דער שיינקייט פון דער פוילישער נאטור אין פארשידענע צייטן פון יאָר.

און אָט גיי איך שוין אלס מוטער, מיט מיינע אייגענע קינדער אין די פרעכטיקע לאזשענקעס. מיר קלויבן אין א קויש אַריין גלאנציקע רויט־ברוינע קאשטאנעס און טרוקענע גאָלדענע בלעטער. קומענדיק אהיים, דעקאָרירן מיר מיט זיי דעם קינדער צימער אויף גאנץ הערבסט און איך לערן דערביי מיינע קינדער ציילן אויף זיי.

וויי, ווי נאָענט און טייער איז מיר דאָס לאנד! איצטער פארלאָז איך עס אויף שטענדיק אין אזעלכע משונהדיקע באדינגונגען — א פאר־שעמטע, אַן אויסגעשפיגענע.

איך ווייס נישט, וואָס מיט מיר איז געשען; האָב איך וואָס גערעדט צו זיך אויפן קול? אָבער מיין פויער טרייסט מיך: — וועסט זען, אַלעס וועט נאָך גוט זיין, די דייטשן וועט דער טייוול כאפן, און דו וועסט נאָך צו אונדז קומען מיט א באזוך.

אָבער איצטער, זאָגט ער, גיב מיר אלץ וואָס דו האָסט מיט זיך. שנעל!

איך גיב אים אוועק מיין גאנץ אָרים רייכטום, ווי אויך מיין אויס־לענדישן פאס. מיר איז אין דעם מאָמענט אלץ איינס, וועד עס זאָל מיר דאָס צונעמען: ער, אָדער א דייטש.

אויפן וועג ליגן אוועקגעוואָרפן פיל ליידיקע וואליזקעס. אָט שטייען צוויי אויטאָס. פון זיי גייען ארויס פליטים אויף א רעוויזיע. אונדז האָט מען נאָך נישט רעווידירט. מיר פאָרן ווייטער, לאנגזאם, רואיק. אין א צייט ארום רופט זיך אָן צו מיר דער פויער: — אָט איז אונדזער היים, און ער דערלאנגט מיר צוריק אלץ, וואָס ער האָט פריער ביי מיר גענומען. ער

האָט עס פאַרבאַהאַלטן פון די דייטשן. — זעסט! זאָגט ער דערבײַ, זיי האָבן געמיינט (די נאַציס), אַז מיר פאָרן מיט אונדזערע ווײַבער.

די וועגעלעך פאָרן אַרײַן אין אַ דאָרפֿישן הויף. די פּויערים שפּאַנען אויס די פערד און גייען מיט מײַן חברטע אַרײַן אין שטוב.

איך בלײַב אַליין.

ענג שטייען די פּויערישע כאַלופּעס, איינע אָנגערוקט אויף דער אַנדערער. ס'איז די צייט פון אָוונט־ברויט. מען זעט נישט קיינעם אַרום. אַ מאָדנע איינזאַמקייט האָט מיך אַרומגענומען. עס ווילט זיך נישט אַרײַנגיין אין אַ פרעמדער שטוב. עס ווילט זיך נישט זען קיין פרעמדע מענטשן. בעסער בלײַבן אַליין! שטיי איך איינע אַליין און וויין שטיל.

אַ וואַרעמע פרויען־האַנט האָט מיך אַרומגענומען און אַרײַנגעפירט אין שטוב. דאָרט זיצן שוין די צוויי פּויערים מיט מײַן חברטע בײַם טיש און עסן אָוונט־ברויט. פון די טעלער גייט־אויף אַ הייסע פּאַרע. די העלע קאַשע שמעקט מחיהדיק. מײַן חברטעס פּנים שײַנט, אַ צופרידן געלעכטער איז אויף איר צעגאָסן.

צוויי שיינע יונגע קריסטינס פאַרהענגען שנעל דאָס פענסטער — די נאַציס, וועלכע דרייען זיך דערנעבן, זאָלן אונדז נישט באַמערקן.

איך וויל דאָ לענגער נישט פאַרבלײַבן און מיר באַשליסן טאַקע באַלד ווײַטער זיך לאָזן אין וועג. מיר האָבן אַ פּאָפּצן מינוט צום רוסישן וועלדל. איך בין שטאַרק גערירט. עס זענען די לעצטע מינוטן אין אַ פּוילישער שטוב: זייט געזונט, מײַנע פּוילישע שוועסטער. איך געזעגן זיך האַרציק, וואַרעם מיט די פּויערטעס. מיט מיר וויינט זייער גאַנצע משפּחה. די עלטערע פּויערטע זאָגט דערבײַ: ווײַ, ווײַ! וויפל טרערן האָט אונדזער שטוב אײַנגעזאַפּט די לעצטע טעג. איך וויל בעסער דאָס געלט נישט, אַבי נישט זען דאָס.

אין דרויסן איז דערווײַל דער הימל פאַרנעפּלט געוואָרן. ס'איז פײַכט און אומעטיק. מיר לויפן דורך אַ יונג וועלדל. אָט דאָרט, זאָגט צו אונדז שטיל דער פּויער, שטייט ער, דער הונט. דאָס מיינט ער די דייטשע וואַך. אָבער די וואַך הערט נישט אונדזערע טריט. דער ווינט, די נאַסע בלעטער און אונדזערע טריט גיסן זיך צוזאַמען.

נאָך צען מינוט לויפן שטייען מיר פאַר דעם וואַלד, וווּ ס'געפינען

זיך די רוסן. איך גלויב נישט און קוק מיט פאַרדאַכט אויפן פויער. אָבער ער שמייכלט גוטמוטיק, זאָגנדיק דערביי פאַרשעמט: וואָלט איך א שוועס־טער פאַרפירט?!

מיר דערלאַנגען אים די אָפּגערעדטע 20 גילדן, געזעגענען זיך און מיר בלייבן ווייטער מיט מיין חברטע אליין.

איך קוק אין וואַלד אַריין.

איך זע דאָרט א סך מענטשן, א טייל שפּאַצירן רואיק. איך גיב א טראַכט: אזוי רואיק שפּאַצירן קען מען דאָך היינט נאָר אויף דער רוסי־שער זייט, און מיר גייען פאַראויס.

דער וואַלד איז פול מיט יידישע פּליטים. אַלע — צופרידענע. אונ־טער א בוים ביי א טישל זיצן יידישע און רוסישע זעלנער. זיי פאַרשרייבן אונדזערע נעמען. מיר באַגריסן זיך חבריש און צוזאַמען מיט נאָך הונ־דערטער לויפן מיר אין שטעטל אַריין, זוכן אַן אָרט וווּ איבערצונעכטיקן.

ס'ווערט פינסטער. אין שטעטעלע, זאַרעמבי קאָשטשיעלנע, איז פינ־סטער און בלאָטיק. זינט דאָס אָרט עקזיסטירט, דערציילן מיר די איינ־וווינער, האָט עס נאָך אזוי פיל מענטשן נישט געזען. מיר גייען פון שטוב צו שטוב. אומעטום איז געפּאַקט. ביי די טישן, אויף דער ערד. איך בעט זיך, מען זאָל אונדז אָנווייזן אַן אָרט, וווּ מיר וועלן קענען איבערנעכטיקן, מיר וועלן באַצאָלן. ניין, זאָגט מען אונדז, עס האַנדלט זיך נישט וועגן געלט. אדרבא, קוקט זיך אום. האָט איר כאָטש אַן אָרט, וווּ זיך צוזעצן. קיין איין ליידיק ברעט אויף דער פּאָדלאָגע. אזוי איז, זאָגט מען אונדז, אין אַלע שטובן. ביז מיר קומען אַריין אין א יונגנט קלוב. דאָרט איז רוי־שיק, ווי אין א בינשטאָק. ס'איז פּרייטיק פאַרנאַכט, מען גרייט זיך צו די נאָענטע וואַלן. מיר זענען טויט מיד און צעבראָכן. אין קלוב איז שרעק־לעך דושנע. אויך דאָ איז נישטאָ קיין אָרט, וווּ זיך צוזעצן, לייגן מיר אנידער אונדזערע פּעקעלעך אויף דער ערד נעבן דער טיר, שפּאַרן זיך אָן אָן דער וואַנט, און ווייסן נישט וואָס צו טון ווייטער.

פּלוצים דערקענט מיך א יונגער חבר, ער רופט צו אַנדערע. זיי נע־מען אונדזערע פּעקלעך און פירן אונדז אַריין אין א שטוב צו אייגענע. דאָס זענען יונגע טייערע חברה. ביי זיי איז א היימישער רעסטאָראַן. די

באַלעבאַטים פֿון דער שטוב זעען אויס צו זיין נישט ווייניקער מיד פֿון אונדז.

ווען האָט דען זייער רעסטאָראַן אין אַזאַ שטעטעלע ווי זאַרעמבי־קאָשטשיעלנע געזען אַזוי פֿיל געסט!

דער לאָקאַל פֿון זייער רעסטאָראַן באַשטייט פֿון אַ שטוב, אין וועלכער זיי וווינען מיט אַ קליין קינד. ביי דער וואַנט שטייען צוויי גרויסע בעטן. אינמיטן שטוב אַ גרויסער טיש.

איצט זיצן דאָרט און שלאָפֿן אָנגעשפּאַרטערהייט פֿיל פּליטים. דאָס זענען אַלץ היימישע מענטשן — פֿון וואַרשע און פֿון לאָדזש.

דאָרט האָב איך געטראָפֿן אַ היפּש ביסל פֿון אונדזערע וואַרשע־ווער שול־טוער, אַדוואָקאַטן, דאָקטוירים. יעדער קומט כּלומרשט עפּעס עסן, אָבער ער בלייבט שוין דאָ זיצן שעהן לאַנג. יעדע ווייַלע קומען אָן נייע מענטשן פֿון ביידע וועלטן: פֿון דער רוסישער זייט קומט מען אָפּ־וואַרטן אייגענע. פֿון נאַציש פּוילן קומט מען, כּדי צו פֿאָרן צו די רוסן.

אונדז האָט מען זייער הארציק אויפֿגענומען אין דער חברשער סביבה. מיר איז אַ שאָד געווען פֿאַרלאָזן די שטוב, ווו ס'איז אַזוי וואַרעם, היימיש... און ווו דו ביסט צווישן אייגענע.

מען געפֿינט פֿאַר אונדז אַן אַנדער אָרט, ווו מיר בלייבן צוויי טעג. מיר רוען זיך אויס און עסן צו דער זעט. איך האָב זיך אמתדיק דערפֿרייט מיטן בעט, פֿול בעטגעוואַנט, וועלכעס איך מיט מיין חברטע האָבן באַ־קומען.

אין די לעצטע וואָכן בין איך שוין געוווינט געווען, נישט צו לייגן קיין אַכט אויף דעם בעטגעוואַנט און אויף די פֿאַרשידענע ריחות... אָבער אין דעם בעט איז ממש אוממעגלעך צו שלאָפֿן, אַזאַ שרעקלעכע פֿייכ־קייט האָט געשפּאַרט פֿון דעם בעטגעוואַנט.

אונדזער מידקייט האָט אָבער געטון דאָס איריקע, און מיר האָבן זיך אויפֿגעכאַפּט ערשט פֿאַרטאָג. מיר גייען אַריין אין קיך זיך אָפּוואַשן, און מיר שטוינען פֿון אַנטציקונג. ס'איז אַ טיפּיש דאָרפֿישע קיך. אַזאַ זויבערקייט, ריינקייט און אָרדענונג, וועלכע איך האָב זעלטן ווו אין לעבן געטראָפֿן. דאָס גיט מיר מוט, און איך פֿרעג די אָנגענעמע באַלעבאָסטע, פֿון וואַנען עס נעמט זיך אַזאַ שלעכטער ריח פֿונעם בעטגעוואַנט. דער־

ציילט זי מיר, אז בשעת דער באַמבאַרדירונג האָבן אַלע איינוווינער פאַר־לאָזן די שטובן און זיך אויסבאַהאַלטן אויף די פעלדער, די זאַכן און בעט־געוואַנט האָט מען איינגעגראָבן אין דער ערד. איצט, אַז מען האָט אַרויס־געגראָבן די חפצים פון דער ערד, פילט זיך די פייכקייט פונעם בעט־געוואַנט...

מיינע חברים ראָטן מיר, פאָרן אין ביאַליסטאָק: דאָרט זענען פאַראַן נאָך אַנדערע אונדזערע חברים, וועלן מיר זיך צוזאַמען אַן עצה האַלטן און זען, וואָס ווייטער טון.

איך נעם אָן דעם פאָרשלאָג. אויפן דריטן טאָג געזעגן איך זיך מיט מיין באַגלייטערין. זי פאָרט אין אַן אַנדער שטאָט. אויף איר וואַרט איר שטענדיקער פּאָסטן אַלס לערערין.

און איך? וואָס וואַרט מיך?... וועל איך באַקומען אַרבעט?...

אויפן דריטן טאָג גאַנץ פרי פאָר איך אויף אַ פור צו דער באַן־סטאַ־ציע. פון דאָרט וועלן מיר פאָרן קיין ביאַליסטאָק.

עס טריפט אַ קאַלט רעגנדל. אויף דער סטאַציע זאַרעמבי קאָשטשעל־נע זיצן שוין הונדערטער מענטשן, די באַן קומט נישט רעגולמעסיק, איין מאָל אין טאָג —איז נישטאָ קיין אָרט פאַר אַלעמען,— מוז מען ווידער וואַרטן אַ טאָג.

פון מינוט צו מינוט ווערט דער עולם וואַרטערס גרעסער. אַלע — אויסגעהונגערטע, אויסגעמוטשעטע פון וועג. דאָ דרייען זיך אויך אַ היבש ביסל מלחמה־פּאַסקאַזשעס. מען שמוגלט לעדער, זאַלץ, חזיר־פעטס, טיטון. די פּויערים פון דער געגנט נוצן־אויס די געלעגנהייט און ברענגען־צו אין קוישן עסנוואַרג. געבראָטענע גענדזלעך, שינקע, זעמל מיט פּוטער, ברויט, עפּל. אין פאַרגלייך מיט די וואַרשעווער פּרייזן באַקומט מען דאָס עסן דאָ בחינם. זיצן די הונדערטער אויף זעק און פּעקלעך אין מיטן וועג און עסן. נעבן מיר זיצט אַ וואַרשעווער היגיעניסטקע אויף אַ שמוציקן זאַק און רייסט שטיקער פון אַ געבראָטן גענדזל.

מיר זיצן אַ שעה און צוויי און פיר און זעקס. דער עולם ווערט פון מינוט צו מינוט גרעסער. עס זיצן שוין טויזנטער. ס'איז נישטאָ ביי וועמען צו פרעגן, ווען די באַן וועט קומען, אָדער אפשר וועט זי היינט בכלל נישט קומען?

אויפן שליאך ציט זיך א גאנץ לאנגע שנור פויערישע פורן, געפאקטע מיט מענטשן און זאכן. דאָס זענען טאקע די, וועלכע מען האָט אויפן וועג אזוי פיל מאָל רעווידירט און ראבירט.

איך בין פון די גליקלעכע, וועלכע איז באלד אָפּגעבערענט געוואָרן. האָב איך זיך טאקע איינגעשפּאַרט שלעפּן זעק מיט זאכן. א דאנק מיין בלאָנדזשען בין איך געקומען פון אן אנדער זייט און אויסגעמיטן צרות, וואָס אנדערע פּליטים האָבן געהאט אויסצושטיין. זיץ איך אויפן וועג, אויף א פרעמדן זאק זאכן, א גליקלעך־אומגליקלעכע, און טראכט וואָס ווייטער צו טון.

עס דערנענטערט זיך צו מיר פּלוצים א גאנץ יונג בחורל, באפּוצט מיט זשעטאָנען — א גאנצע אויסשטעלונג: סטאלין, מאָלאָטאָוו, וואָראָ־שילאָוו און אנדערע. אין לאַץ האָט ער צוגעטשעפּעט א גאנץ גרויסע פּאַ־פּירענע רויטע קאָקארדע, אויפן ארבל טראָגט ער א ברייטן רויטן באנד מיטן האמער און סערפּ; אינגאנצן האָט ער אויסגעזען ווי א לעבעדיקע רעקלאמע. ער שפּרינגט צו מיר צו מיט פרייד, און נעמט זיך מיט מיר קושן. מיר פאלט ארוים פון האנט דאָס פיינע שטיקל געבראָטענע גענדז, מיט וואָס באקאנטע האָבן מיך מכבד געווען.

ענדלעך האָט זיך דאָס בחורל בארואיקט און איך זאָג אים: — יונ־גערמאן, איר האָט געוויס א טעות? — אָ, יאָ!

—פארוואָס עפּעס? — זאָגט ער. איר זענט דאָך פרידע. ער טענהט, אז ער קען מיך גוט, אויך מיין מאן און אנדערע חברים.

איך מוז מסכים זיין, טראכטנדיק דערביי: א מענטש אין אזא פּראכט קאָן דאָך מיר איצטער שטארק צונוץ קומען!

—איר ווייסט, הייבט ער מיר אָן דערציילן, — אייער חבר לעוו איז דאָך פּרעזידענט אינעם ווייסרוסישן געביט, אויך דער חבר בוקסבוים איז בילדונגס־קאָמיסאר אין לעמבערג. בכלל, זאָגט ער, זענען אייערע חברים זייער אָנגעזען ביי אונדז אין די סאָוויעטן.

איך טראכט זיך: הלוואי וואָלט דאָס אמת געווען! איך זע אָבער, אז דער בחור ווייסט נישט, וואָס ער רעדט. זיצן מיר אזוי און שמועסן און דער טאָג גייט אוועק. ערשט פארנאכט קומט די באן. עס ווערט א מוראדיקע שטופּעניש, די באן קען נישט אויפנעמען אלע מענטשן. אלע

פאָרן אַן בילעטן. פאקן זיך אריין קודם די, וואָס האָבן נישט קיין פּעק. די רעשט בלייבט אויף מאָרגן.

X

אין ביאַליסטאָק

די באַן איז אָנגעקומען קיין ביאַליסטאָק ארום צען אין אָוונט. די באַן־סטאַציע איז פול מיט פּליטים. דאָ איז זייער וווין־אָרט אין יענע טעג, — שפּעטער יאָגט מען זיי אויך פון דאנען. אויף בעטגעוואַנט ליגן גאַנצע משפּחות, קינדער וויינען, דערוואַקסענע אַמפּערן זיך. מען שטופּט זיך, מען זיצט ארום אויף די בענק און מען שטייט ענג איינער אויפן צווייטן, ווי א פּעסטע וואַנט. לאַנג האָט גערויערט, ביז איך האָב זיך ארויסגעקריגן אין גאַס. דאָ, פאַר דעם באַנהויף, שטייען ווידער הונדערטער פּליטים און קוקן אין די אויגן אריין יעדן פרישן אָנגעקומענעם: אפשר איז געקומען ווער פון דער היים...

מען פרעגט מיך: אַנטשולדיקט, אפשר זייט איר פון לאָדזש, אפשר פון וואַרשע? מען פרעגט אויף פאַרשידענעם: אויף הייזער, גאַסן און מענ־טשן — עקזיסטירן זיי נאָך?...

איך קום אריין צו א חבר אין שטוב. דאָרט בלייב איך איבערנעכ־טיקן, און אָט בין איך שוין ווידער אין א פרעמדן משפּחה־בעט...

די צווייטע נאַכט שלאָף איך ביי אַנדערע חברים, שוין נישט אין קיין משפּחה־בעט. איך בעט זיך, מען זאָל מיך כאָטש לאָזן שלאָפן אויף דער שמאָלער באַנק, אבי אליין. אינדערפרי קאָן איך נישט אויפשטיין. אַזוי טוט מיר ווי דער רוקן צוליב דער האַרטער און שמאָלער באַנק. איך לאָך און פרעג, וויפל איילן האַלט א קבר? לאַכנדיק זאָג איך: איז דאָס יושרדיק — א לעבעדיקער מענטש זאָל ליגן אויף א קלענערן אָרט ווי א מת?!

איך דאַרף אָפּגעבן בריוו און גרוסן און אויפזוכן פאַרשידענע באַ־קאַנטע. זאָגט מען מיר, אַז די פּליטים געפינט מען אין קאַפע „לוקס". איך קום צו צום קאַפע, אָבער איך קען זיך נישט צושטופּן צום אריינגאַנג.

אויף דער גאַס, פאַר דער טיר, שטייען זייער פיל מענטשן, און כּאַטש עס גיסט אַ רעגן, רירן זיי זיך נישט פון אָרט. איך פרעג, וואָס עס איז געשען? ענטפערט מען מיר נישט, נאָר מען קוקט מיך אָן מיט אַ מינע, וואָס מיינט: דו ביסט, זעט אויס, נאָך אַ גאַנץ גרינע...

אין אַ פּאָר מינוט שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז אָט דאָ, אויף דער גאַס, איז עס דער טרעף־פּונקט פון די פּליטים. זעלטן ווער פון זיי האָט אַ וווינונג, און דאָס קאַפע־הויז נעמט נישט אויף אַזוי פיל מענטשן, כּאַטש זיי בייטן זיך יעדע 15 מינוט; שטייט מען אויף דער גאַס. איך שטופּ זיך צו צום אַריינגאַנג, אָבער אַנשטאָט אַן אָפענער טיר, טרעף איך אַ פאַרהאַקטע וואַנט פון ברעטער, מיט אַ טאַפּעט פון מאָדנע פּאַפּירלעך, גרויסע און קליינע, געשריבן (קיין צייטונגען זענען דעמאָלט נישט געווען) אויף פּויליש און יידיש, צוגעקלעפּטע און צוגעטשעפּעטע צו די ברעטער; די גאַנצע וואַנט איז טאַפּעצירט פון גאָר אויבן ביז אונטן אַראָפּ.

דאָס זענען מודעות וועגן מענטשן, וואָס זענען פאַרלוירן געוואָרן בשעת דעם לויפן; אָדער מעלדונגען פון פּליטים, וועלכע ווילן הערן וועגן זייערע אייגענע.

לייען איך די צעטעלעך און אין אַלע איז כּמעט דער זעלבער אינ־האַלט: איך זוך מיין ברודער מ. ק., וועלכער איז מיט מיר צוזאַמען אַרויס פון לאָדזש אויף אַ וואָגן דעם 6.9 און בשעת אַ באָמבאַרדירונג איז ער פאַרשוווּנדן. אפשר ווייסט ווער וואָס וועגן אים...

פול איז די וואַנט, ווי אויך די דערבייאיקע מויער מיט אָט־אָ די צעטעלעך... מיך נעמט אַרום אַ שוידער. אַ ל ע ב ע ד י ק ע וואַנט! און אפשר — אַ מ ת י ם ־ וואַנט? איך שטיי נישט לאַנג, און ווי אין אַ קאַ־ליידאָסקאָפּ גייען פאַר מיר דורך יעדע ווײַלע אַנדערע מענטשן.

אָט זוכט מיך דער שרייבער אפרים ק אַ ג אַ נ אָ ו ו ס ק י — ער ווייסט שוין, אַז איך האָב פאַר אים אַ בריוול פון זיין זון. מיר גייען אַריין אין אַ שמוציקן הויף. דאָרט שטייט אַ לאַנגע שורה מענטשן, ווי נאָך ברויט. דורך דאַנען גייט מען ערשט אַריין אין קאַפע. דער קאַפע־אייגנטי־מער שטייט ביי אַ פינסטערער טיר פון הויף, און ווען אַ גרופּע מענטשן גייט פון דאָרט אַרויס, לאָזט ער אַריין אַ צווייטע פון די, וואָס וואַרטן אין דער ריי. נאָך לאַנגע וואַרטענישן אויפן הויף און אין הויז, קומען מיר

אַריין אין קאַפע. דאָרט זענען די פענסטער פאַרהאָנגען, די טירן פאַרהאַקט, ס'הערשט אַ האַלב־טונקלקייט, הגם עס איז צוועלף בייטאָג. דאָס קאַפע־הויז איז געפּאַקט מיט מענטשן. איין טייל זיצט, און די אַנדערע שאַרן זיך, ווי אַ געדיכטע מאַסע; זי שאַרט זיך לאַנגזאַם און איין מענטש קוקט דעם צווייטן אין די אויגן אַריין. דאָס זוכט מען אייגענע פון דער היים. יעדע ווײַלע קומען אָן קיין ביאַליסטאָק פרישע פּליטים — דורך פאַרשיידענע וועגן — און אַלץ קומט דאָ אַהער אין ק אַ פ ע ל ו ק ס. דאָ געפינט מען יידישע סטודענטן, וועלכע טוען זיך איבער פאַר פּויערים און טראָגן־איבער בריוו קיין וואַרשע און ברענגען צוריק אַן ענטפער פאַר פופציק גילדן. דאָ באַשטעלט מען די וועגענער, וועלכע דאַרפן ברענגען די אייגענע פון יענער זייט. וויל מען עפּעס עסן אָדער טרינקען, מוז מען זיך אויסזוכן אַן אַנדער פּלאַץ. אין קאַפע לוקס ט ר ע פ ט מען זיך...

איך גיי אַריין אין אַ גאַנץ קליינעם קאַפע־הויז טרינקען אַ גלאָז טיי. גלייך, ווי איך עפן נאָר די טיר, זאָגט מיר דער באַלעבאָס: אין צווייטן צימער איז קיין אָרט נישטאָ. זעץ איך זיך צו אין ערשטן קליינעם צימערל. באַלד ביים אַריינגאַנג זיצן אַרום נאָך אַנדערע. אין צווייטן צימער זיצן די שטענדיקע אַריינגייער, די, וועלכע עסן אַ סך...

איך טרינק דעם טיי; ערשט מיין באַלעבאָס צעשרייט זיך הויך אויפן קול, האַקנדיק מיט דער פויסט אין בופעט: אַרויס פון דאַנען, שלעפּערס. גענוג אייך דאָ צו זיצן גאַנצענע שעהן! וואָן פון דאַנען. איך זאָל אייער נעביין דאָ מער נישט זען! איך וויל ביי אייך קיין געלט נישט לייזן. — אַרויס! ער גיט אַ וואָרף אויף דער ערד אַ שוואַרץ ברויט.

פון אַ טישל דערביי שטייען־אויף צוויי יינגלעך פון אַ יאָר זיבעצן־אַכצן. זיי זענען אָן מאַנטלען. איינער איז מיט אַן אויפגעשטעלטן קראַגן פון דער מאַרינאַרקע, דער צווייטער טראָגט אַ שאַליק אויפן האַלז; זיי זענען אויסגעמאָגערט, אָפּגעלאָזן. זיי הייבן־אויף דאָס ברויט פון דער פּאָדלאָגע און גייען אין דער קאַלטער נאַכט אַריין.

איך דערטרינק נישט מיין טיי, גיב אַ וואָרף דאָס געלט דעם באַלעבאָס און זאָג: אַ שאָד, וואָס אַזעלכע יידן ווי איר האָט אַ באָמבע נישט געטראָפן... אויך איך גיי אַרויס אין דער פינסטערער שטאָט...

ס'האָט פּאַסירט אַ צופאַל און איך וועל אפשר באַקומען אַרבעט.

ס'איז פאַראַן אַ יתומים־הויז פאַר קריסטלעכע קינדער. די אָנפירערינס זע־נען מנישקעס. דאָרט האָט מען צוגעשיקט אַ גרופּע היימלאָזע יידישע קינ־דער־פּליטים. האָבן זיך די מנישקעס צעשריען, דערזעענדיק די שמוציקע יידישע עופהלעך, און אַרויסגעטריבן זיי צוזאַמען מיט די, וואָס האָבן זיי געבראַכט. באַטאַנט דערביי, אַז דאָס איז אַ הויז בלויז פאַר קריסטלעכע קינדער, און קיין יידן וועט מען נישט אַריינלאָזן. זענען געקומען זעלנער, אַרויסגעטריבן די מנישקעס און אַריינגעלאָזט די יידישע קינדער מיט אַ יידישער לערערין. די סאָוויעטישע זעלנער האָבן בשום אופן נישט געקענט באַנעמען, ווי קאָן מען עס מאַכן אַ חילוק צווישן קינדער: קריסטן, צי יידן — וואָס איז די נפקה מינה? זיי זענען דאָך ק י נ ד ע ר!

איך פאַרשרייב זיך אין ביוראָ פאַר אַרבעט אַלס לערערין, אָבער דעם פּאָסטן אין יתומים הויז האָב איך שוין פאַרשפּעטיקט.

איך הייב אָן זוכן אַ צימער, און מיט גרויס מי באַקום איך אַזאַ ביי אַן אַלטער קריסטין. דאָס צימער איז נישט שלעכט, אָבער דאָס בעט איז אָן בעטגעוואַנט; איך האָב אפילו נישט קיין קאָץ און קיין שווערן מאַנטל, איך זאָל זיך מיט אים קענען צודעקן. כאָטש דאָס צימער געפינט זיך אין מיטן שטאָט, זעט די געגנט דאָ אויס ווי אַ דאָטשע. די הייזלעך אַרום זענען גאַנץ קליינע, נידעריקע, דער שטח — באַפלאַנצט מיט גרינסן אוןביימער. אין שטוב איז שטיל. מיין באַלעבאָסטע זע איך נאָר צוויי מאָל אין טאָג, ווען זי דערלאַנגט מיר דאָס גלאָז הייסע וואַסער אָנשטאָט טיי.

בין איך דעם גאַנצן טאָג אַליין. אַרום איז אַלץ ווייס. אַזוי פיל שניי האָב איך אין מיין לעבן נישט געזען אין שטאָט. אַ דיקע שיכט שניי ליגט ביז אין די פענסטער־שויבן. קיין טראַמוויי גייט נישט. קיין אויטאָס זענען דאָך נישטאָ, ווייל זיי האָבן צוגענומען —צוערשט די פּאָליאַקן און די רעשט— די דייטשן, וועלכע זענען דאָ געווען אַכט טעג.

איז דאָ אַרום אַ טויטע שטילקייט. איך פרעג זיך אָפט: ווו זענען אהינגעקומען די שטענדיקע ביאַליסטאָקער איינוווינער? פּוסט איז אַרום. פון צייט צו צייט זע איך נאָר אַ פליט אדורכגיין. זיי דערקענט מען באַלד, אַ דאַנק זייער ספּעציפישן אויסזען...

איך האָב אַ סך צייט. איך זוך אַ בוך צום לייענען. ווייזט זיך אַרויס, אַז דאָס איז אַ גאַנץ שווערע זאַך איצט אין ביאַליסטאָק. די איינציקע

ג ע ו נ ד

„שלום עליכם״ ביבליאָטעק איז פֿאַרמאַכט דורך דער רוסישער מאַכט, ביז מען וועט די ביכער קאָנטראָלירן. דאָס זעלבע — די בוכהאנדלונגען. די איינוווינער האָבן באַגראָבן אָדער פֿארניכטעט די ביכער, אויס מורא פֿאַר די דייטשן. אזוי ווי די לאַגע איז נישט קיין קלאָרע, און מען ווייסט נאָך נישט אויף זיכער, ביי וועמען די שטאָט וועט בלייבן — איילט מען זיך נישט די ביכער אויפצופּאַקן. אפילו קיין געאָגראַפיע טאָר מען נישט פֿאַר־קויפֿן. די איינציקע ליטעראַטור, וועלכע מען באַקומט, איז די סטאַלין־קאָנסטיטוציע און נאָך א פּאָר בראָשורן — צוזאַמען 7 דינגע ביכלעך. זיי זענען פֿאַראַן אין אַלע שפּראַכן. איך שאַף מיר איין די בראָשורן, שטודיר זיי דורך און אָט האָב איך שוין ווידער פֿרייע צייט. וואָס טוט מען מיט איר? זיץ איך לאַנגע שעהן אליין און קוק דורכן פֿענסטער. ווען ס׳ווערט מיר קאַלט, ליג איך אויפֿן הארטן בעט אָן בעטגעוואַנט, צוגעדעקט מיט מיין איינציקן לייכטן מאַנטל.

נאָך לאַנגע שעהן זיצן אזוי ביים פֿענסטער פֿלעגט מיך פֿון דאָרט אוועקרופֿן דער גלאָק ביי דער טיר. דאָס האָבן זיך די פּליטים געפֿרעגט, צי איז דאָ א צימער צו פֿאַרדינגען אָדער אַן אָרט צום שלאָפֿן...

ברויט באַקומט מען נאָר אין די בעקערייען — צוויי מאָל אין טאָג. מוז מען אָבער שטיין אין דער ריי גאַנצע שעהן, ווייל בליץ־שנעל נאָכן אָפּבאַקן צעטיילט מען דאָס ברויט. מוז מען אויפשטיין אין מיטן דער נאַכט, כדי זיך צו שאַפֿן א ריי, אָדער שטיין פֿון 9 פֿרי ביז 4 נאָכמיטאָג. דאָס שוואַרצע ברויט איז זויער ווי עסיק. צוקער און זאַלץ באַקומט מען נישט, פּוטער איז טייער, טיי — נאָך טייערער. נאָר גרינע, וואַסערדיקע עפּל באַקומט מען אין א גענוגנדיקער מאָס. באַשטייט טאַקע די שפּייז פֿון אונדז, פּליטים, צו יענער צייט פֿון זויער ברויט מיט זויערע עפּל.

דערווייל האָט די אינטעליגענץ, ווי אדוואָקאַטן און לערער, אָנגע־הויבן באַקומען אומזיסטע מיטאָגן. דער לאָקאַל פֿון לערער־פֿאַראיין גע־פֿינט זיך אין א שול. אויף די בענק און אויף דער ערד זיצן נאָר־וואָס אָנ־געקומענע פֿון דער גרענעץ לערערינס מיט זייערע קליינע קינדער אויף די קני. ס׳איז שוין 8—9 ביינאַכט. און זיי האָבן נאָך נישט קיין ערטער, ווו צו שלאָפֿן. ווער ווייסט, צי זיי וועלן באַקומען; סיי ווי — דאָ טאָרן זיי נישט בלייבן אויף נאַכט.

אויפן טיש ליגן אַ פּאָר שווארצע ברויטן און יעדער מיטגליד באַקומט אַ האַלבן קילאָ ברויט אַ טאָג, אָן שטיין אין דער ריי. אויך איך באַקום אַ צעטעלע אויף אומזיסטע מיטאָגן, וועלכע באַשטייען פון אַ קאַרטאָפל־זופּ, קאַרטאָפל געשמאַלצן מיט ביליקן אייל. אַמאָל געפינט זיך אויך אַ שטיקל געמאָלן פלייש אין דער זופּ; דערצו באַקומט מען נאָך אַ שטיקל שוואַרץ ברויט. דאָס וואָלט גוט געווען, ווען מען קריגט דערצו כאָטש אַ ביסל זאַלץ, — דאָס עסן איז געקאָכט אָן זאַלץ. אָבער זאַלץ באַקומט מען נישט די גאַנצע צייט.

דערווייל איז שוין ווינטער. ס׳איז קאַלט אין מיינע לייכטע מלבושים; אַרויספאָרנדיק פון וואַרשע, האָב איך אפילו זיך נישט פאָרגעשטעלט, אַז אין ביאַליסטאָק וועל איך נישט באַקומען צו קויפן קיין שום זאַך. ביאַליסטאָק — די שטאָט פון טעקסטיל־פאַבריקן!...ליידער זענען אַלע געשעפטן געשלאָסן און די, וועלכע זענען אָפן — זענען ליידיק. די סוחרים האָבן, זעט אויס, וואָסערע אויסזיכטן, און זיי ווילן נאָך נישט אָפּגעבן זייערע קראָמען. ווען קריגן אַ נאָז־טיכל, זאָקן אָדער הענטשקעס קאָן מען נאָר חלומען...

קריכט אַ טאָג נאָך אַ טאָג; קיין אַרבעט באַקום איך נישט. מיין געלט גייט אויס און איך טראַכט זיך איבערטראָגן אין ליטעראַטן־הויז, וואָס איז איינגעאָרדנט געוואָרן דורך דער מאַכט. איך קום אַרויף אַהין. דאָס הויז מאַכט אויף מיר אַ שווידערלעכן איינדרוק. אין אַ גרויסן צימער שטייען בעטלעך, ענג איינס נעבן צווייטן; זיצן איז נישטאָ ווו. זיצן אָנגעלענט און ליגן אונדזערע וואַרשעווער ליטעראַטן אויף זייערע בעטלעך, צוגעדעקט מיט שוואַרצע קאָצן, און שרייבן...

אויבן־אָן, ביים פענסטער, איז אַ מין עסטראַדע, און אויף איר ליגן אַ פּאָר שוואַרצע ברויטן. דערנעבן שרייבן שטייענדיק און אָנגעשפּאַרט אַ פּאָר באַקאַנטע וואַרשעווער הומאָריסטן. זיי שרייבן געוויס לוסטיקע קאָמפּאָזיציעס פאַר דעם לוסטיקן אַקטיאָר ד ז ש י ג אַ ן, וועלכער איז טעטיק אינעם שוין געעפנטן יידישן קליין־קונסט־טעאַטער.

אַלע זענען מיך מקנא, וואָס איך האָב אַ באַזונדער צימער, און זיי ראָטן מיר דעם צימער נישט פאַרלאָזן, ווייל קיין אַנדערס וועל איך פאַר קיין שום פּרייז נישט באַקומען. עס איז שוין אַרויס אַ פאַרבאָט צו פאַר־

דינגען צימערן די פּליטים; צימערן באַקומען נאָר רעגירונגס־מיטאַרבעטער.

בלייב איך טאַקע אין מיין צימער ווייטער — און וואַרט אויף מיין צוגעזאָגטן פּאָסטן. די פעטע פּלעקן אויף די טאַפּעטן, דער ביליגער קריס־טוס אויף דער וואַנט קוקן אויף מיר מיט רחמנות און רויבן ביי מיר אַוועק דעם חשק צום לעבן.

דערווייל הער איך, אַז די רוסיש ליטווישע גרענעץ איז אָפן, און אַ סך מענטשן לויפן אַהין. איך וויל וועגן דעם נישט הערן; מיר זענען אַנטי־פּאַטיש די פּאָגראָמשטשיקעס; און ווען שוין יאָ גנבענען אַ גרענעץ, טראַכט איך מיר, איז שוין בעסער — די רומענישע; דאָרט וועל איך לפּחות האָבן אַ מעגלעכקייט פאָרן אַ ה יי ם. אָבער ביז וואָס ווען וואַרט איך נאָך, הגם מיינע באַדינגונגען ווערן פון טאָג צו טאָג ערגער. עס ווערט קעלטער, מיין האַרט געלעגער און דאָס שלעכטע עסן, בפרט די איינזאַמקייט אַ גאַנצן טאָג ווירקן אויף מיר שרעקלעך און רויבן ביי מיר צו מיין גלויבן אין אייגענע כוחות. איך הייב אָן צווייפלען, צי איך וועל נאָך ווען עס איז פּעאיק זיין צו אַרבעט — בפרט מיט קינדער.

אין מיר הייבט אָן אַלץ מער וואַקסן דער חשק אַהינבאַקומען זיך צו דער רומענישער גרענעץ: אפשר וועט מיר געלינגען אַריבערקריגן זיך צוריק אין ארץ ישראל.

XI

פון ביאַליסטאָק קיין לעמבערג

פון טאָג צו טאָג ווערט די צאָל פּליטים אין ביאַליסטאָק גרעסער. די שטאָט איז פול מיט זיי. זיי וווינען ממש אויף די גאַסן. איך האָב נאָך נישט קיין אַרבעט. דאָס געלט גייט מיר אויס און איך האָב מורא, אַז אָט־אָט וועל איך שוין שטיין צוזאַמען מיט די אַלע אויף דער גאַס.

דערווייל האָבן מיך אויפגעזוכט באַקאַנטע, און אין מיין צימער איז איצטער שטענדיק טומלדיק. איך בין שוין נישט איינזאַם. ס׳קומען כסדר מענטשן. אפילו קינדער פון 16־18 יאָר. דאָס זענען גאַנץ יונגע ברידער פון רייכע וואַרשעווער סוחרים, זיי צאָלן בלויז פאַר שלאָפן — מעגן זיי

אהיימקומען ערשט אַרום ניין אין אָוונט. דרייען זיי זיך אַרום דעם גאַנצן טאָג אין גאַס, אין רעגן און אין שניי. קומען זיי ווי אַ סך אַנדערע צו מיר איבערזיצן דעם טאָג.

איך האָב פאַרלוירן די איינזאַמקייט, אָבער צוזאַמען מיט איר אויך די שטילקייט און רואיקייט.

וואָס טוט מען אָן אַרבעט?

מען ראַט מיר פאָרן אין טיף רוסלאַנד. דאָרט איז דאָ אַרבעט פאַר אַלע. איך וויל פריער פּרובירן פאָרן אין לעמבערג, ס'איז אַ גרעסערער צענטער — אפשר וועל איך אויסגעפינען אַרבעט, אָדער גאָר דערוויסן זיך וועגן פאָרן צו דער גרענעץ. אַלס פליט קאָן איך באַקומען אַן אומזיסטן באַן־בילעט, גיי איך צו דעם צוועק אין לאָקאַל פון דער קהילה.

ערשט — אין גאַס רודערט זיך. עס איז היינט אַ גרויסער יום־טוב. היינט איז אַ פּאַראַד פונעם סאָוויעטישן מיליטער. ציען זיך פון פרימאָרגן לאַנגע, לאַנגע שורות מיט פאַרשידנפאַרביקע זעלנער. עס זענען געקומען פון טיף רוסלאַנד קאָזאַקן, געקליידט אין גאַנץ לאַנגע פּעץ־שוואַרצע פּעלערינעס, געפּוצט מיט בלוי און מיט זילבער, עס גייען אָן אַ צאָל פוסגייער, ס'פאָרן שווערע לאַסט־אויטאָס, געפּאַקט מיט זעלנער, ס'טראָגן זיך טאַנקן, אַזעלכע שווערע, אַז עס דאַכט זיך, דער קאָפּ וועט אָט־אָט פּלאַצן פון זייער האַקן איבער די שטיינער.

ווי אַנדערש זעט אויס דאָס רוסישע מיליטער אין פאַרגלייך מיט דעם דייטשן. יענע זענען לייכט געקליידט, עלאַסטיש, עלעגאַנט. געגוי אַזוי זעען אויס אויך זייערע לאַסט־אויטאָס און טאַנקן. דער רוסישער זעלנער טראָגט אַ גאַנץ לאַנגן כאַלאַט, וועלכער שלעפּט זיך אים נאָך אין שניי. דער טאַנק איז אַ שווערער, עפּעס פאַרמאָגט ער אַזעלכע מאָדנע קאָמפּליצירטע שרייפלעך און זיבן מענטשן מוזן אים באַדינען.

דער מוט פון דעם רוסישן זעלנער זעט אויס צו זיין אויך אַזאַ שווערער. קען ער נישט אונטערשיידן אַ יידיש קינד פון אַ נישט־יידיש. פאָרט טאַקע, בשעת דעם פּאַראַד, אַ קליינער אויטאָ און אין אים מיליטערלייט. אין דער זייט — ווי צוגעקלעפּט, זיצן צוויי יידישע יינגלעך מיט פּאות,ביידע שמוציקע, ביי ביידן זענען די זאָקן אַראָפּגעלאָזן. אָבער זייערע פּנימער שיינען פון פרייד.

נ ע ו נ ד

פאר דער קהילה שטייט א שרעקלעך לאנגע ריי. ווייזט זיך ארויס, אַז מען מוז קומען פאַרטאָג און פאַרנעמען אַן אָרט, אויב מען וויל האָבן אַ שאַנס צו קריגן אַן אומזיסטן בילעט. אויך דאָ איז די גאַנצע מויער און דאָס טויער פון דרויסן און אינעווייניק אויסגעקלעפּט מיט מודעות וועגן פאַרלוירענע. פון נעכטן אָן זענען דאָ מודעות פון דער רעגירונג, אַז די פּליטים מוזן זיך רעגיסטרירן. דאָס איינציקע אָרט פאַר רעגיסטראַציע איז היינט די יידישע קהילה.

שטיי איך צוויי טעג אין דער ריי. די קהילה געפינט זיך נעבן דער „האַלע" — אויפן פּלאַץ אַרום פאַרקויפט מען גרינע עפּל, גאַנץ אַלטע מלבושים. יעדע ווײַלע שרייט דיר ווער אין אויער אַריין: אפשר סאַכאַרין? שטייען הונדערטער מענטשן, וואָס ווילן און מוזן זיך רעגיסטרירן: בלויז דער איין־איינציקער אָרט איז דאָ צו דעם צוועק — שטייט מען גאַנצע טעג אין דער ריי.

אַ צווייטע ריי שטייט — צו קריגן אומזיסטע בילעטן. נאָך צוויי טעג שטופּעניש און מיט קונצן באַקום איך זיך אַריין אין דער קהילה. אינעווייניק זעט מען קיין מענטש, נישט פון מיטאַרבעטער, נישט פון פאַרוואַלטונג. ווייזט זיך ארויס, אַז נאָר דער לאָקאַל איז געבליבן.

דער קליינער לאָקאַל איז געפּאַקט מיט פּליטים. אויף דער ערד, אפילו אָן שטרוי, ליגן ענג געפּאַקט איינע אויף דער אַנדערער הונדערטער משפּחות, אַרויסגעטריבענע פון שטעטלעך. זיי זענען שמוציק און זעען אויס ווי ציגיינער, אַ שרעקלעכער ריח שפּירט זיך פון דאַנען אפילו פונדערווייטנס. ענדלעך באַקום איך אַ צעטעלע — דאָס איז דער אומזיסטער בילעט פון ביאַליסטאָק ביז לעמבערג, אָן אַ דאַטע.

אינמיטן דער נאַכט דאַרף אוועקגיין די באַן קיין לעמבערג. איך פּאַק מיין ביסל אָרימקייט, געזעגן זיך מיט באַקאַנטע; איך בין גרייט גלייך פון לעמבערג פאָרן צו דער גרענעץ. פיינט האָב איך ביאַליסטאָק. די גאַסן זענען בלאָטיקע, פינסטערע, און די שוואַרצע ווענט פון פּליטים, וואָס שטייען אָדער שאַרן זיך נאָכאַנאַנד אויף די גאַסן, יאָגן אָן אויף מיר אַ שוידער.

גוואַלד, טראַכט איך, צי דען וועלן זיי אַזוי שטענדיק שטיין? וועט

זיך דאָס קיינמאָל נישט ענדערן? אָט אַזעלכע ווי זיי זענען איצט, זע איך זיי שוין אַ פּאָר וואָכן. ווי לאַנג נאָך?

ס'איז האַלב איינס ביינאַכט. איך גיי צו דער באַן. אָנגעשפּאַרט אויף אַ סלופּ שטייט אַ פּליט און שלאָפט. זיין גרינעם רוקזאַק זע איך פונדער־ווייטנס. איך קום־צו, שטיי און קוק זיך איין אין דעם פּנים. ס'זעט־אויס אַ מענטש פון דער אינטעליגענץ. דאָס פּנים פון דעם פופציק־יעריקן מאַן שיינט מיר צו זיין באַקאַנט. יאָ! איך האָב אים געזען אין אַדוואָקאַטן־קלוב. די גאַסן זענען פּוסט, אָבער וווּ־נישט־וווּ שטעלן זיך שוין אויס רייען צו באַקומען אַרום ניין אינדערפרי ברויט אָדער צוקער.

אויף דער סטאַציע זאָגט מען מיר, אַז די באַן וועט ערשט אַוועק אינדערפרי. אויפן באַנהויף לאָזט מען שוין נישט זיצן — אַהיים איז ווייט, גיי איך אַרויס אין דרויסן, ווו די באַן דאַרף קומען, און זיץ־איבער די נאַכט אויף אַ פּיכטער באַנק.

איך פאָר אַריין אין איין שטאָט, אין אַ צווייטער, ווייטער — אין אַ דריטער. די אָרימע און אַרבעטנדיקע באַפעלקערונג אין די קליינע ער־טער איז גליקלעך, הגם קיין עסן איז נישטאָ. אפילו די אַלטע לייט זאָגן מיר: מען האָט זיך דען געקענט פאָרשטעלן אַזאַ גוטסקייט פון אַ רוסישן זעלנער? מען קען זיך דאָך מיט אים דורכשמועסן, ווי מיט אַן אייגענעם. היינט אונדזערע קינדער — זיי זענען באמת אויפגעריכט געוואָרן. זיי לערנען אין די שולן, גייען אָן מורא אין גאַס.

איך קום אין איין שטאָט. ס'איז שבת. אַלטע און יונגע יידן גייען פון שול. ס'רוב זעען אויס אומגעלומפּערט, אין גאַנץ לאַנגע קאַפּאָטעס מיט טליתים־זעקלעך אונטער די אָרעמס; ביי דער זייט גייען סטאַטעטש־נע קינדער מיט געשלענגלטע פּאותלעך. אַלע האָבן זיי אַזעלכע רואיקע פּנימער, גייען לאַנגזאַם און קוקן זיך נישט אום — זיי האָבן קיין מורא נישט. קיינער טשעפּעט זיי נישט איצטער. נישט דער נאַצי, נישט דער קריסטלעכער שייגעץ. קיין פּאָליציי איז נישטאָ. די יידישע יוגנט אַליין האַלט די אָרדענונג. חברה איז אָנגעטון ציוויל, טראָגט ביקסן אויף די אָרעמס. ס'רוב זענען עס געוועזענע פּאָליטישע אַרעסטאַנטן. ליידער האָט אַ טייל פון די דאָזיקע בחורימלעך געשפּילט אויך אַ פינסטערע ראָל: זיי האָבן עס אָנגעוויזן, וועמען מען זאָל אַרעסטירן פון קעגנערישע פּאַרטייען.

גאַנץ אָפּט האָט דעצידירט א קלײנלעכער געפּיל, וואָס זיי האָבן זיך גע־וואָלט „אָפּרעכענען" מיט עמיצן, אויף וועמען זיי האָבן געטראָגן הארץ...

אַנדערש האָבן זיך אויפגעפירט די ערנסטערע פּאָליטישע ארעס־טירטע: זיי האָבן באמת דערלעבט א נקמה אין זייערע פּײניקער. אין קאָ־וועל דערציילט מיר חבר חיים בראנד („מיטעק"), וואָס איז פּאַרן קריג געזעסן אין פּוילישן קאָנצענטראַציע־לאגער קארטוז־בערעזע, אז ער האָט שטאַרק חשק צו באזוכן דאָ זײנעם א „באַקאַנטן" פון יענער צייט. ס'איז דער פּאָליציאַנט, וואָס האָט אים אין קארטוז־בערעזע ספּעציעל דערגאַנגען די יאָרן. מיט אומגלויבלעכער אכזריות און סאַדיזם האָט ער אים דאָרט געשלאָגן מכות רצח. „ווי אָפּט האָב איך זיך אליין געפרעגט די פּשוטע פראגע: פאַרוואָס שלאָגט ער מיך אזוי מיט אזא רשעות? ווי קען עס בכלל איין מענטש אזוי שלאָגן דעם אנדערן, אויב ער האָט נישט צו אים קיין פּערזענלעכע שנאה?"

האָט זיך חבר חיים דערוווסט, אז יענעם חברה־מאַן האָבן מענטשן דערקענט אין שטאָט, בעת ער האָט זיך שפּאַצירט איבערגעטון ציוויל, און מען האָט אים ארעסטירט. האָט חיים חשק אומבאַדינגט גיין מיט א „ווי־זיט" צו יענעם פאַרשוין. „איך מוז אים כאָטש אָנשפּייען אין זיין טריפנעם פּרצוף". —

פאָר איך פון איין שטאָט אין דער צווייטער, און מיט באַוווּנדע־רונג זע איך, אז אין די קלײנע שטעטלעך הערשט אפילו א באגייסטערונג פאַר דעם רוסישן רעזשים; פאַרקערט, אין די גרויסע שטעט — פילט זיך א דערשלאָגנקייט, א פּחד...

די בורזשואזיע באַהאַלט אלץ, די סוחרים באהאַלטן די רעשט סחו־רות. די געשעפטן זענען פאַרמאַכט אָדער ליידיק.

איך קום ווידער קיין קאָוועל. מיט א וואָך צוריק האָב איך דאָ געזען פּוטער, קעז, צוקער, וואורשט. איצט איז אלץ פאַרשוואונדן. וואָס האָט פּאַ־סירט? די מאַכט האָט פעסטגעשטעלט ביליקע פּרייזן אויף אלע פּראָדוקטן, האָט מען אויפגעהערט ברענגען פון די ארומיקע דערפער.

די מאַכט זאָגט־צו עפענען קאָאָפּעראַטיוון פון די באַהאַלטענע זאַ־פּאַסן סחורות. דערווייל אָבער איז אלץ נעלם געוואָרן. מען מוז שטיין שעהן אין דער ריי, כדי צו באַקומען א פּערטל וואורשט, ביי דעם זעלבן

סוחר, ביי וועלכן מען האָט מיט אַ פּאָר טעג צוריק באַקומען אַן באַגרע־נעצונג און אַן אַ ריי, וויפל מען האָט געוואָלט.

איך האָב באַקומען אַ ביסל געלט ביי באַקאַנטע, אַרום טרעף איך נאָענטע — האָט זיך דער מוט ביי מיר געהויבן און איך פיל זיך שוין נישט אַזוי איינזאַם.

איך קום קיין לעמבערג. דאָ שפּירט מען אַ זאָרג פאַרן מאָרגן, הגם מען באַקומט נאָך דערוויילע וואָס צום עסן. די פרעסט ווערן גרעסער און אַ וועגעלע האָלץ, וואָס האָט געקאָסט 15־20 זלאָטעס, קאָסט איצט 75!

אין רומעניש קאָנסולאַט זאָגט מען מיר: האָסט פאַרשפּעטיקט! אַ פּאָר טעג איז די גרענעץ געווען אָפן און דו האָסט געקאָנט פאָרן; איצטער איז אַלץ פאַרמאַכט.

לעמבערג איז די איינציקע שטאָט, וואָס זעט אויס פ א ר ־ מלחמה־דיק. די הויפּט גאַסן זענען גוט באַלויכטן. די איינוווינער גייען אָנגעטון פיין, נישט ווי אין ביאַליסטאָק. מען באַקומט נאָך ברויט, פּוטער אַן שווע־ריקייטן. די קאַפע־הייזער זענען אָפן, עס שפּילט מוזיק. מען דערקענט באַלד, אַז די שולן זענען אָפן — די גאַסן זענען פול מיט קינדער אין די מיטאָג־שעהן.

מיצקעוויטשעס דענקמאָל איז פאַרפּוצט מיט לעבעדיקע כריזאַנטע־מעס און מיר דוכט, אַז נאָר די פּליטים פאַרפינסטערן די שטאָט און פאַר־אומערן איר אויסזען. אויך דאָ שטייען זיי, די פּליטים, אויף דער הויפּט־גאַס, לענגאויס דעם טראָטואַר, ווי אַ שווערע, שוואַרצע מויער. עפּעס רירן זיי זיך נישט, נאָר שטייען ענג, אומבאַוועגלעך, פאַרגליווערט, איינער אויפן צווייטן, אַזוי ווי זיי וואָלטן געוואַרט... טאָג־איין טאָג־אויס דאָס זעלבע בילד: די וואַנט פאַרקלענערט זיך נישט.

אין מיטן דער גאַס גייט אַ גרופּע פּליטים פון אַ מאַן 50, זיי גייען גאַנץ אָפּגעריסענע, פאַרשטויבטע מיט פּעקלעך אויף די פּלייצעס. זיי זעען אויס איינגאַנצן אַנדערש ווי די אַרומיקע פּליטים. קודם כל זענען דאָס מענטשן אין די מיטעלע און העכערע יאָרן, זיי פרעגן אויף דייטש: „וווּ געפינט זיך די יידישע געמיינדע?"

דאָס איז אַ נייַ אָנגעקומענע גרופּע פּליטים פון ווין, וועמען די נאַציס האָבן געיאָגט צו לובלין־צו... צו דעם „יידישן אויטאָנאָמען ראַיאָן".

XII

אין סאָוויעט־גאַליציע

אין לעמבערג געפינען זיך הונדערטער מענטשן, וועמען די מלחמה האָט געטראָפן ווי מיך. זיי זענען געקומען פון פארשידענע לענדער קיין פוילן צו גאסט — איצט קענען זיי נישט פאָרן צוריק. פאראן אויך אזעלכע, ביי וועמען עס זענען גרייט אלע פאפירן און וויזעס, — זיי מוזן אָבער וואַרטן. דער באאמטער אין „אָרבים" זאָגט מיר, אז אויף איינענער האנט רעגיסטרירן זיי די נעמען פון אלע, וואָס האָבן בדעה ארויסצופאָרן און שיקן־איבער צו די קאָנסולאטן פון פארשידענע לענדער די ווענדונגען וועגן דורכפאָר־וויזעס. די אלע פאפירן מוזן צוערשט גיין קיין מאָסקווע. דאָרט וועט אלץ אנטשידן ווערן.

אויך איך צאָל איין א פּאָר גילדן, מען פארצייכנט מיינע פערסאָנאַליען און מען הייסט מיך וואַרטן אויף אַן ענטפער. קיין שום קאָנסולאט איז דאָ דערווייל נישט פאראַן. הייב איך אָן שפּאַצירן פון איין סאָוויעטישן אמט אין צווייטן און בעטן, מען זאָל מיר דערמעגלעכן מיין אהיימפאָר. לויף איך ארום גאנצע טעג פון איין אמט אין אַנדערן און אין ערגעץ ווייסט מען מיר נישט צו זאָגן, ווי מען קען עפּעס וואָס דערליידיקן פאַר מיר.

טראכט איך: איידער וואַרטן א פּאָר וואָכן און דאָ, מעגלעך, קריגן אַן אָפּזאָג — וועל איך בעסער פּרובירן צופאָרן גלייך צו דער רומענישער גרענעץ. אפשר דאָך... פון באַקאַנטע באקום איך נעמען פון מענטשן, וועלכע וווינען אין די שטעטלעך הארט נעבן דער גרענעץ, און איך קלייב זיך אין וועג אריין.

דערווייל זיץ איך נאָך אין לעמבערג. איך זוך פולווער קעגן קאָפּשמערצן און א שטיקל וואַטע. גיי איך פון איין אפטייק אין דער צווייטער, אָבער אָן אַ רעצעפּט פון אַ דאָקטאָר באקומט מען גאָרנישט! עס דויערט אַ פּאָר טעג ביז איך באזאָרג זיך מיט א רעצעפּט פון אַ באַקאַנטן דאָקטאָר, אָבער דער קוואַנטום, וואָס מען באקומט, סטייעט קוים אויף איין מאָל באנוצן.

פון שעה צו שעה פילט זיך מער אין שטאָט דער מאַנגל אין לעבנס־מיטלען. קיין שום זאַך קריגט מען נישט. איך האָב מיט זיך געבראַכט שטאָף אויף אַ מאַנטל, וואָס האָט מיך געקאָסט 45 גילדן, אָבער לײַדער קען איך דעם מאַנטל נישט נייען — ווײַל די שניידערס באַקומען נישט קיין גאָרן און אַנדערע צודאַטן. פאַרקויף איך דעם שטאָף עמיצן. יענער — אַ דריטן, און דער לעצטער האָט שוין באַצאָלט פאַר דעם שטיקל שטאָף 300 גילדן: און ער פרייט זיך נאָך, וואָס ער האָט עס באַקומען: געפּאַקט אַזאַ מציאה!

איך לויף אַרום פון איין אַנשטאַלט אין צווייטן און זוך, מיט וועמען זיך פאַרשטענדיקן וועגן פאָרן אהיים דירעקט פון דאַנען, אויף אַ לעגאַלן אופן. אָבער קיינער ווייסט מיר נישט צו זאָגן אויך וועגן דעם.

איך וויל זיך אַרײַנבאַקומען צו אַ העכערן באַאַמטן, אָבער דאָס איז אַן אויסגעשלאָסענע זאַך. באַלד ביים אַרײַנגאַנג אין יעדן אַמט איז פאַראַן אַ קליין פענסטערל, ווו מען מוז זיך מעלדן: דאָ מוז מען אָנגעבן דעם נאָמען פון דעם באַאַמטן, מיט וועמען מען וויל רעדן. פרעגט זיך אָן דער זעלנער, צי זאָל ער אַרײַנלאָזן. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז קיין שום נאָמען האָב איך נישט געוווּסט, און ווען כ'האָב דערציילט, וועגן וואָס עס האַנדלט זיך, האָט מען מיך באַלד געהייסן גיין אין אַ צווייטן אַמט.

ענדלעך קום איך אַרײַן אין דעם אַלגעמיינעם אַמט פאַר פּליטים. דאָרט הייסט מען מיך וואַרטן אויף דעם חבר ג ע ל ע ר. די ריי איז אַ גרויסע. דער אַמט געפינט זיך אין אַ פּשוטער קליינער וווינונג אין אַ דריטן הויף. באַלד ביים אַרײַנגאַנג, אין אַ גאַנץ קליינעם פאָדער־צימערל, וואַרטן שוין אַ סך מענטשן. מען שרייט און מען שטופּט זיך. גיי איך דערווייל אַרײַן אין צווייטן צימער, אפשר וועל איך דאָרט וואָס געוווּיער ווערן. ערשט דאָ זע איך בלויז באַקאַנטע פּנימער. אַלע וואַרשעווער. אַרום די טישן, ביי וועלכע זיי שרײַבן, זענען געמאַכט מחיצות —די אינטערעסאַנטן זאָלן זיין אָפּגעזונדערט. איך גיב אַ קוק — הינטער אַזאַ אָפּצוימונג שטייט, אָנגעטון אין אַ מאַנטל, מײַנער אַ באַקאַנטער. ער איז אַ באַוווּסטער קאָמוניסט פון פּוילן — יוסף לעוואַרטאָווסקי (שפּעטער אומגעקומען אין וואַרשעווער געטאָ אַלס אויפשטענדלער). ער אַרבעט נישט, נאָר, ווי מען זאָגט, ער דרייט זיך נעבן די, וואָס אַרבעטן. איך דערפריי זיך האַרציק, וואָס

איך זע אים אויף דער פריי. ער איז געווען פון די שטענדיקע „זיצערס" אין תפיסה.

בליץ־שנעל דערמאָן איך זיך, אז ווען איך האָב אים געטראָפן דאָס לעצטע מאָל אין ווארשע מיט א פּאָר יאָר צוריק, האָט ער מיר געזאָגט:

—אָט בין איך נאָר וואָס ארויס פון תפיסה. איך בין געזעסן 6 יאָר, אָבער באמת האָב איך זיך נישט וואָס צו באַקלאָגן: דאָס איז מיר שטארק צו־נוץ געקומען. מיר דוכט זיך, אז איך האָב שטודירט אויף דער אוניווער־סיטעט — אזוי פיל האָב איך געלייענט און געלערנט.

איצט טרעף איך אים נאָר אין אזעלכע באדינגונגען. פרעג איך אים, צי ער האָט שוין ארבעט, ווייל איך זע, אז דערווייל דרייט ער זיך. מיר שמועסן א פּאָר מינוט; איך דערצייל אים וועגן וואָס איך בין געקומען. זאָגט ער מיר מיט א געלעכטערל:

—גייט שוין, גייט, מיט אייער פּאַלעסטינע, — גאַנץ גיך וועלן דאָרט די אראבער אלע יידן אויסשעכטן...

איך קוק אים אָן און זאָג: איר דארפט זיך שעמען, אויב דורך אייער נאנצער פּארטייאישער בילדונג קענט איר פאר דער יידנפראגע קיין אנ־דערע לייזונג נישט געפינען. יעדנפאלס, שעם איך זיך פאר אייך, — און אָן א געזעגן־וואָרט רוק איך זיך פון אים אָפּ און שטעל זיך ווארטן אין דער ריי.

עס קומט דער חבר ג ע ל ע ר. מען שטופּט זיך צו דער טיר. חבר געלער הייסט עפענען די טיר און רופט אלע, וואָס ווארטן אין דרויסן, צו־זאמען אריין אין קליינעם צימערל. קיינער וויל נישט צוגיין דער ערשטער, קיינער וויל נישט זאָגן, וועגן וואָס ער איז געקומען. עפּעס שעמט מען זיך איינער פארן צווייטן.

חבר געלער ווענדט זיך צו אונדז אלעמען אויף ר ו ס י ש: זייט וויסן, די אלע, וואָס ווילן גיין אין דייטשן געביט און ווידער צוריקקומען, אז אזעלכע „דורכגאנג־שיינען" גיב איך נישט, און ס'איז אומזיסט אייער שטיין דאָ. פארשטאנען?!

קיינער רירט זיך נישט, אלע שטייען ווייטער. מיינט ער, אז מיר פארשטייען נישט קיין רוסיש און הייסט מיר איבערזעצן זיינע ווערטער אויף פּ ו י ל י ש און י י ד י ש. דאַן פרעגט ער א יונג בחורל, וועל־

כער איז געשטאנען נאָענט ביים טיש, נאָך וואָס ער איז דאָ געקומען. דאָס בחורל ווערט רויט. ער אנטשולדיקט זיך, וואָס ער רעדט נ אָ ר יידיש. קיין אנדערע שפּראַך קען ער נישט. ער טענהט עפּעס שטיל. חבר געלער, וועלכער האָט פריער נישט געקענט אליין איבערזעצן זיינע אייגענע רייד אויף י י ד י ש , רעדט איצט שטיל אויף י י ד י ש מיט דעם יינגל און גיט אים עפּעס א בריוו...

ווען איך זאָג אים, נאָך וואָס איך בין געקומען, קוקט ער מיך אָן און קלערט מיר אויף מיט א גאנץ ערנסטער מינע:

—איך וויים טאקע נישט, פאַרוואָס דו האָסט נישט געקענט טרעפן אין דעם פּאסיקן אמט. אָט רוף איך אריין א חבר און ער וועט דיר געבן דעם אדרעס צו א חברטע, וועלכע וועט דיר דיין ענין וועגן אהיימפאָרן דערליידיקן.

א גליקלעכע, באדאנק איך און לויף גלייך אויף דעם אָנגעגעבענעם אדרעס. איך זוך ארום, אָבער דאָרט איז קיין שום אמט נישט פאַראַן. אין דעם הויז געפינען זיך א פּאָר פּריוואטע וווינונגען, אָבער קיין שום „ אַ מ ט ” נישט. זוך איך צוויי טעג. אויפן דריטן טאָג גיי איך נאָכאמאָל צום חבר געלער זיך אינפאָרמירן. געווים האָב איך נישט גענוי פאַרשריבן דעם אדרעס. ניין, זאָגט מען מיר, איר האָט שלעכט געזוכט. ס'איז א פּרי־וואטע וווינונג, און די חברטע וווינט אויסדריקלעך דאָרט, אויף דעם אָנ־געגעבענעם אדרעס.

א פאַרצווייפלטע לויף איך נאָכאמאָל זוכן, קום צו צום ווייפלטן מאָל אין דעם גאנץ אלטן, פינסטערן הויז. כ'בין זיכער, אז איך גיי אומזיסט — דאָ קאָן דאָך נישט וווינען אזא וויכטיקע פּערזאָן, וואָס הייסט נאָך דערצו אזא ווילקלינגענדיקן נאָמען, ווי „באַלקאַנסקאַיאַ־סיבירסקאַיאַ”. דאָך גיי איך ארויף אויף דעם צווייטן שטאָק, עפן־אויף די טיר. קעגנאיבער, אין צווייטן צימער, זיצט אַן עלטערער ייד מיט א קאפּעלע אויפן שפּיץ קאָפּ. ס'איז פּרייטיק נאָכמיטאָג, די שטוב איז שבתדיק. איך בלייב שטיין א פארקווענקלטע אין דער טיר און וויים נישט, וואָס ווייטער צו מאכן. איך פרעג גאנץ שטיל: אנטשולדיקט, אפשר ווייסט איר וועגן א רוסישער דאמע מיטן נאָמען... אין דעם מאָמענט רופט זיך אָפּ פון אַן אינעווייניקסטן צימער אַ שטים אויף י י ד י ש : ביטע.

נ ע ו כ ד

פאר מיר שטייט א גאנץ יונג סימפאטיש מיידל, מיט א טיפיש יידיש אויפגעשויבערטן קאפ האר — אויפן ארץ ישראלדיקן שטייגער. איך קוק אויף איר פארוואונדערט, אבער זי ציט אויס צו מיר איר האנט מיט א געלעכטער, בעט מיך זיצן און זאגט:

— געוויס האט אייך צו מיר געשיקט דער חבר געלער פון רוסישן פליטים־פאראיין. א שאד, זאגט זי, יענע וואך האב איך אוועקגעשיקט קיין מאסקווע א ביטע פון 40 מאן אזעלכע ווי איר. איך בין אויך איינע פון זיי. אט, זעט איר, בין איך גאר דא אהערגעקומען פון ארץ ישראל אויף א באזוך צו מיינע, קורץ פארן קריג, איצטער קען איך נישט צוריק. האב איך זיך געטראכט, ווען עס וועט זיך צונויפנעמען א גרעסערע צאל מענטשן, וועט אזא ביטע אפשר האבן א גרעסערע ווירקונג. האב איך צונויפגענומען 40 פארשוין און זיך געווענדט אין נאמען פון אלע. האט זיך וועגן דעם דערוווסט די מאכט, און איך בין שוין געווען ארעסטירט א פאר טעג. האט זיך וועגן דעם גאנצן ענין דערוווסט דער דירעקטאר פאר די ענינים פון „פליטים" און דער סוף איז, אז איצטער שיקט ער צו מיר אינטערעסאנטן...

זי לאכט, און ווייזט מיר א נייע רשימה פון מענטשן, וועלכע קומען פון פארשידענע שטעט, געשיקטע דורך דעם חבר געלער...

איך האב אין דאזיקן מערקווירדיקן „אמט" איבערגעלאזן מיינע פאטאגראפיעס. ווער ווייסט, אפשר וועט די ישועה קומען פון דער זייט?

מען לייגט מיר דערוויל פאר ארבעט, און ווען איך בלייב, וואלט איך עס, זעט אויס, באקומען. יידישע לערער זענען דא זייער אנגעזען. די פאלקסשול פאר דער יידישער מינדערהייט ווערט געפירט נאר אין דער יידישער שפראך, און די מאמעס זענען דערפון, נעבעך, גאנץ אומגליקלעך. זיי, די מאמעס, ווילן נישט און דארפן נישט קיין יידיש. זיי פילן זיך אויסגעצייכנט מיט דער פוילישער שפראך. צווינגט מען זיי אבער לערנען די קינדער יידיש. מוזן זיך די מאמעס מיטלערנען יידיש. פראפאנירט מען מיר קאר־רעפעטיציעס „אויף יידיש". איך נעם נישט אן. עס זענען דא פאראן אזוי פיל יידישע שרייבער. זיי שטארבן פון הונגער. קיין יידישע צייטונג, וווּ זיי זאלן פארדינען מיט דער פעדער, איז נישטא. איך מיין,

אז זיי װעלן זיך מוזן נעמען צו דער ארבעט פון געבן לעקציעס אויף יידיש. איך װעל סיי װי מוזן פֿאָרן װײַטער.

אָט האָב איך געטראָפֿן א יידישן שרייבער, דרייקורס, — ער האָט שרעקלעך אויסגעזען און זיך פאר מיר באַקלאָגט, אז זינט דעם, ווי ער האָט איינמאָל גערעדט אין ראַדיאָ איבער יידישער ליטעראַטור אין פּוילן, האָט ער מער גאָרנישט געטון. ביז ער איז צוריק געוואָרן אַן אַקטיאָר, ווי אין זיינע אַמאָליקע יונגנט־יאָרן. ער „שפּילט טרעיאַטער", אין דעם גאַנץ פּראָווינציעלן יידישן טעאַטער, וואָס איז שוין דעמאָלס געווען טעטיק אין לעמבערג.

א צווייטער יידישער שרייבער, בערלינסקי, דערציילט מיר, אַן אויפֿגעציטערטער, וועגן א מסיבה, וואָס דער יידיש־רוסישער שרייבער־קלוב האָט איינגעאָרדנט פאר די יידישע קאָלעגן „פּליטים" פון פּוילן. דעם אָוונט האָט געעפֿנט א יונגער רוסישער שרייבער מיט א קורצער באַגריסונג. נאָך אים האָט גערעדט א יידישער שרייבער פון ראַטנפּאַרבאַנד, שוין גאָר אַן „אויפקלערנדיקע" רעדע: ער האָט געוואונטשן זיינע יידישע קאָלעגן פּראָדוקטיווע ארבעט פאר דעם סאָוויעטישן לאַנד. אָבער פריער, האָט ער נעזאָגט, מוזט איר אויסמעקן אַלץ, וואָס איר האָט ביז איצט געשריבן, און אָנהייבן אויפסניי... געפּלעפּטע זענען געזעסן די יידישע שרייבער. עס האָבן געענטפֿערט די שרייבער קאַציזנע און מיין דערציילער, בערלינסקי. דער לעצטער האָט באַטאָנט, אז ער האָט גאָרנישט בדעה אויסצומעקן דאָס פון אים געשאַפֿענע ביז אהער; ער האָט זיך נישט, וואָס צו שעמען מיטן ביז איצטיקן שאַפֿן. דער קאָלעגע פונעם ראַטנפּאַרבאַנד איז, זעט אויס, קנאַפּ באַהאַוונט אין דער יידישער ליטעראַטור אין פּוילן.

פילט זיך מיין מיטשמועסער פֿאַרביטערט: וואָס וועט ער איצטער טון? ווי קאָן מען זיך דערלויבן אזוי צו רעדן צו אונדז, יידישע שרייבער פֿון פּוילן? צווישן אונדז זענען דאָך געזעסן מענטשן מיט א נאָמען און גאַנץ לינקע...

אַלטער קאַציזנע האָט זיך געווענדט וועגן אַ דערלויבעניש ארויסצוגעבן אַ וואָכנבלאַט אָדער א חודש־זשורנאַל אין יידיש, האָט מען אָפּגעזאָגט. דער ענטפֿער איז געווען: —לעמבערג דאַרף זיין אַן אוקראַינישע

שטאָט, איז דערווייל נישטאָ קיין פּלאַץ און צייט פאר יידישע צייטונגען; שפּעטער וועט מען זען.

ביי די איינוווינער ווערט די שטימונג פון טאָג צו טאָג ערגער. די אוקראַינער בונטעווען זיך צוליבן הונגער און זאָגן, אז אין דעם איז שולדיק די גרויסע צאָל פּליטים. — זיי דראָען, זיך א נעם־טון צו די יידן... ס'הערשט א פּאָגראָם־שטימונג. אינצווישן האָבן זיך אָנגעהויבן ארעסטן פון ציוניסטן. כ'הער אפילו וועגן ארעסט פון א פּועלי ציון חבר, שמוים...

אויף די הינטערגאסן אין לעמבערג טרעף איך עטלעכע מאָל קליינע גרופּן דעמאָנסטראנטן. דאָס זענען פּליטים, וואָס פאָרן ארבעטן אין טיף רוסלאנד. זיי זינגען לידער. ס'פעלט אָבער אין זייער זינגען התלהבות. זיי זעען אויס יונגע, אָבער די שטימען זענען מידע און זיי אליין מאכן אַן איינדרוק פון האָפענונגלאָזיקייט.

פון אָנהייב האָב איך נישט פארשטאנען די סיבה, פארוואָס די פּליטים ווילן בעסער בלייבן דאָ, אָדער גאָר לויפן צוריק צו די נאצים, איידער פאָרן אין טיף רוסלאנד. שפּעטער קלערן מיר אויף מיינע קרובים און באַקאנטע פּליטים:

— דאָ זענען מיר נאָענט צו אונדזערע משפחות, מיר שרייבן זיך מיט זיי איבער אויף א וועלכן ס'איז אופן, און מיר האָבן קעגנזייטיקע גרוסן דורך די פּליטים, וואָס לויפן אהין און צוריק. אחוץ דעם זענען מיר פארצווייפלט, וואָס מען זאָגט אונדז נישט צו קיין ארבעט אין אונדזערע שטענדיקע פאכן; אלעמען שיקט מען אין „דאָן־באס", ארבעטן אין די קוילן־גרובן. נישט אלע זענען מיר פעאיק צו אזא ארבעט. אגב, הייבן אָן קומען בריוו פון די, וואָס געפינען זיך שוין אין „דאָן־באס" און ארבעטן דאָרט. זיי בעטן די קרובים, מען זאָל זיי אהינשיקן וועש, ציגארעטן אד"גל. די אלע זאכן דעפּרימירן, און ס'הייבט זיך אָן דאָס לויפן צוריק אין ווארשע.

בעסער, זאָגן א סך, צו שטארבן מיט אונדזערע משפחות אין אַן אייגענער היים, איידער ווי א היימלאָזער הונט אין דער פרעמד, הינטער א פּלויט.

מען גיט איבער, אז איצטער איז זייער שטרענג אויף דער רוסיש־רומענישער גרענעץ. מען זאָגט, אז די שרייבער ב ע ר ה אָ ר אָ וו י ץ און

ש. א י מ ב ע ר זענען געשאָסן געוואָרן ביים אדורכגיין די גרענעץ. מען שמועסט, אז די רוסן לאָזן נישט אריין קיין פרעמדע אפילו אין די שטעטעלעך, וואָס ליגן נאָענט צו דער גרענעץ, אז די גרענעץ איז געצוימט מיט עלעקטרישן דראָט.

איך הער זיך נישט צו, זעץ זיך אריין אין צוג און פאָר ווייטער — אבי פאָראויס.

איך שטעל זיך ספּעציעל אָפּ, דורכפאָרנדיק, אין ס ט אַ נ י ס ל אַ וו אָ וו, כדי געזעגענען זיך און זען דאָס לעצטע מאָל מיינע א ליבע און לאַנגיעריקע נאָענטע חברטע.

ס'איז א פּשוטער וואָכן־טאָג — אָבער אין סטאַניסלאַוואָוו זעט אויס, ווי אין א יום־טוב. אלע געשעפטן זענען געשלאָסן. איבעראל איז זייער ריין און עס הערשט א מאָדנע שטילקייט. מען זעט נישט קיין מענטשן אין גאַס, כאָטש ס'איז אַן ערך 12 בייטאָג.

איך האָב אַן אַדרעס צו אַ דאָרטיקן אַדוואָקאַט מיט גרוסן פון זיינעם אַ נאָענטן חבר פון לעמבערג. אַ פאַרוואונדערטע בלייב איך שטיין אין פאָדערצימער. דאָ דערקענט מען דאָך נישט, אז עס איז קריג אויף דער וועלט. ס'איז דאָ זעלטן זויבער, די דינסט גייט אָנגעטון אין א שניי־ווייסן פאַרטעך... איך לייג אנידער מיין רוקזאַק. אַ פאַרשעמטע קוק איך אויף מיינע פאַרבלאָטיקטע שיך מיט מיינע פאַרשטויבטע מלבושים און איך גיי אריין אין אויפנאַם־צימער פון אַ קינדער־דאָקטאָר (דעם אַדוואָקאַטס פרוי איז אַ קינדער־דאָקטאָר). דאָ איז אַלץ בלאַנק ווייס און ריין. עס איז אָנגענעם וואַרעם און שיין. איך שטעל זיך פאָר, גיב איבער מיין גרוס. אָבער מיין אַדוואָקאַט נעמט זיך גאָר עפּעס לייענען און פרעגט מיך, נישט אויפהיירנדיק אויף מיר די אויגן:

— מיט וואָס קען איך אייך דינען?

איך פרעג אים, אפשר ווייסט ער דעם אדרעס פון מיין חברטע. ער איז דאָך א סטאַניסלאַווער.

ניין, ער ווייסט נישט, און הייסט מיך גיין אין אדרעסן־הויז, אָבער שוין, טאַקע איצטער, שנעל. דאָרט איז אָפן ביז 1. ער געזעגנט זיך מיט מיר, און לייגט מיר אפילו נישט פאָר, איך זאָל ארויפקומען צו זיי, אויב

איך וועל נישט געפינען דעם אדרעס. ער פרעגט מיך נישט אויס קיין וואָרט. אבי וואָס גיכער פּטור געוואָרן דעם פּליט...

אין קאנצעלאריע פון אדרעס־הויז זיצן צוויי יונגע קאָמוניסטן, א ייד און א קריסט. איך גיב־אָן דעם נאָמען פון מיין חברטע, וועלכע איך זוך.

—צאָל איין, זאָגט מיר דער יידישער בחור אויף פּויליש, צוויי גילדן, און ווייזט מיר די רעגיסטראציע־קארטע. אלס פּליט; אנדערש באקומסטו נישט קיין ענטפער.

איך בין שמוציק, מיד, הונגעריק און דענערווירט פון דעם שלעכטן אויפנעם ביי דעם אדוואָקאט, לאָז איך אויס דעם כעס צו דעם באאמטן:

—ווי קומסטו פון מיר פארלאנגען געלט און טראכטן גאָר, נישט צו געבן מיר דעם אדרעס, וואָס איך זוך. דאָס ביסטו אזא פאָרשטייער פון די סאָוויעטן אין סטאניסלאַוואָ? דו זעסט דאָך גוט, ווער איך בין. איז אָנשטאָט מיר העלפן, הייסן מיר אראָפּנעמען דעם רוקזאק און זיך זעצן — הייסטו מיר גאָר ווייזן די רעגיסטראציע־קארטע אלס פּליט. פאָר צו אין ביאליסטאָק, עפן־אויף נאָך א פּאָר רעגיסטראציע־ערטער, וועל איך דיר געבן אזא צעטעלע. איבעריקנס, זאָג איך, טו מיר נישט קיין טובה, ווייז מיר אָן א מענטשן פון א וועלכער עס איז אָרגאניזאציע, וועל איך שוין אליין געפינען דעם אדרעס. ווי איך זע, ביסטו דאָך א סטאניסלאַוועד.

מיין בחור קומט אריין אין גרימצאָרן:

—איך? — איך זאָל גאָר קענען בונדאָוועס, ציוניסטן אָדער אנ־דערע?! צייט איך לעב, האָב איך נאָך מיט אזעלכע מענטשן נישט גערעדט.

איך פּלאַץ־אויס אין א געלעכטער:

—פוי, ווי קליין דו ביסט. קאָנסט, נעבעך, קיינעם נישט?! ציטער נישט אזוי!

דער צווייטער, קריסטלעכער, באאמטער גיט אויף מיר א קוק מיט א פארהאלטענעם שמייכל.

דערוויל קומט אריין פון צווייטן צימער א ביוראליסטקע מיט דעם געזוכטן אדרעס. איך דערלאנג די צוויי גילדן, ווייז דערביי מיין אומזיסטן באן־בילעט, אלס סימן, אז איך בין א פּליט, און גיי צו מיין חברטע.

איך קום צו צו א מאָדערן עלעגאנט הויז. אויפן צווייטן שטאָק קלינג איך אָן. עס עפנט זיך א ביסל די טיר און איידער איך באַווייז צו

פרעגן, צי דאָ געפינט זיך מיין חברטע, פארקלאפט זיך די טיר צוריק. איך קלינג נאָכאמאָל. די טיר עפנט זיך קוים און דאָס מאָל רוף איך שנעל אָן דעם נאָמען פון מיין חברטע. די טיר עפנט זיך, און א גאנץ דיקע, אָנגעגעסענע אלטע קריסטלעכע דינסט קוקט מיך אָן מיט ביטול. פון צווייטן צימער דערקענט מיין פריינדין מיין שטים. א פארשעמטע פאר־ענטפערט זי זיך פאר מיר, אז לײדער הערשן דאָ אזעלכע פיינע באַצי־אונגען: מען האָט מורא פאר א פּליט.

—דו ווייסט דאָך, אז איך אליין, בין דאָ אויך נאָר א גאסט — א פליט ביי מיין שוועסטער...

מיר פרייען זיך, וואָס מיר זעען זיך נאָך אזא לאנגער הפסקה, זינט זי איז צוריקגעפאָרן פון ארץ ישראל מחמת אַרבעטסלאָזיקייט, און איך בלייב ביי איר א האלבן טאָג. בשעת דעם מיטאָג־עסן שמועסט מען וועגן מיין פאָרן צו דער גרענעץ. אויך מיין חברטע האָט געהערט וועגן אייניקע, וואָס ווילן דאָס זעלבע טון. אָבער די שטוביקע מישן זיך אריין אָנגע־שראָקענע:

—הערט־אויף! וואָס ווילט איר פון אונדז? איר קענט דאָך אונדז אומגליקלעך מאכן. רעדט נישט ביי אונדז אזעלכע זאכן.

ביי זיי וווינט א סאָוויעטישער אָפיציר. אויך ער קומט אריין און דערציילט, אז ביז די טעג איז ער געווען אויף זיין פּאָסטן אויף דער פּוי־ליש־רוסישער גרענעץ. איינמאָל ביינאכט הער איך, דערציילט ער, זינגען דעם אינטערנאציאָנאל. דאָס זינגען פרויען מיט מענער. א מאָדנער כאָר איז דאָס געווען. איך דערנענטער זיך צום אָרט, פון וואנען עס קומט דאָס געזאנג, און פאר מיר שטייט א גרויסע מחנה יידישע פּליטים, יונגע פרויען, מענער און קינדער. איך דערקלער זיי, אז לײדער איז שוין די גרענעץ פארמאכט און מיר לאָזן נישט אריין מער קיין פּליטים. אָבער זיי רירן זיך נישט פון אָרט. איך רעד צו זיי מיט גוטן און מיט בייזן. זיי שטייען ווי־טער ווי נישט זיי מיינט מען. בין איך איבערצייגט, אז זיי פארשטייען נישט קיין רוסיש. האָב איך זיי איבערגעזעצט מיין דערקלערונג אויף י י ד י ש. ווי, ווי!, דערציילט דער אָפיציר, ווען איר זעט, וואָס עס האָט פּאסירט, ווען איך האָב ארויסגעזאָגט די פּאָר ווערטער אויף י י ד י ש. מען האָט מיך געגומען האלדזן, קושן און בעטן: —אָט שטייען מיר שוין

דעם דריטן טאָג, די פיס זענען אונדז געשוואָלן פון קעלט און פון שטיין. ניין, מיר וועלן זיך נישט רירן פון דאנען. איר מעגט אונדז שיסן. אונדז איז סיי ווי אַלץ איינס. דאָ האָבן מיר אונדזערע מענער און ברידער, איר מוזט אונדז אריינלאָזן. און זיי האָבן אָנגעהויבן גיין פאָראויס. איך בין, זאָגט ער, געווען אזוי גערירט, און איך בין אוועק, כדי נישט צו זען, ווי זיי גייען פאָראויס.

דער אָפיציר איז פון פאך אַן אינזשיניער. פאר דער קורצער צייט, וואָס ער וווינט אינעם צימער ביי מיינע באקאנטע, האָט ער זיך מיט זיי זייער באפריינדט. מיר עסן צוזאמען מיטאָג, און ער דערציילט מיר אַן אינטערעסאנטן עפּיזאָד, ווייזנדיק אַ צייטונג מיט א פאָטאָגראפיע פון אַן אַלטן ייד. אָט קוקט אויף אים, זאָגט ער, און הערט. געווען איז דאָס אין א קליין שטעטעלע אין טאָג פון וואלן. איך זיץ אין קאנצעלאריע, ווו די וויילער קומען זיך פארשרייבן און אָפּגעבן זייער שטים. שטופּט זיך צו צום טיש דער אַלטיטשקער, וואָס אויפן בילד. א גליקלעכער גיט ער אָפּ זיין שטים, צולייגנדיק דערביי עפּעס אַ פּאפּיר. דאָרט איז געווען אָנגעשריבן א ליד אויף העברעאיש. ער בעט, מען זאָל עס איבערלייענען. אין דער קאָמיסיע זיצט א יידישער לערער פון שטעטל, ער לייענט איבער דאָס ליד און ברעכט־אויס אין א הילכיקן געלעכטער. דער לערער זעצט מיר איבער אויף יידיש — און איך זעץ עס איבער מיינע רוסישע קאָלעגן אויף רוסיש. א וואונדערבאר ליד איז דאָס געווען, דערציילט דער אָפּיציר. דער אַלטיטשקער שרייבט, אַז איצטער זענען נישט נאָר געקומען משיחס צייטן, נאָר משיח אליין איז געקומען.

אין דעם ליד באשרייבט ער דעם אייראָפּעאישן קריג און די צייטן, ווען די רוסישע קאָזאקן פלעגן דורכשטעכן אונדזערע יידישע עופהלעך און ארויפזעצן טויטע קערפּערלעך אויף די שפּיצן פון זייערע פּיקעס, ארוים מיט זיי אין מיטן דאָרף, אויפן מארק און געטאנצט זייער טאנץ. און איצט, שרייבט דער אַלטיטשקער, ווען איך זע פאר מיינע אויגן די זעלבע רוסישע קאָזאקן נעמען אונדזערע קינדער, שטופּן זיי שאָקאָלאד אין מויל, האלטן זיי אויף זייערע קני און פרייען זיך מיט זיי — איז דאָס נישט אנדערש, נאָר משיח איז געקומען, און זיין נאָמען איז סטאלין.

אָט זעט איר, זאָגט דער אָפּיציר, אין די קליינע שטעטלעך פרייט

מען זיך מיט אונדז, אָבער אייער אינטעליגענץ פון די גרויסע שטעט איז פארפוילט, זי איז פאלש, צו איר האָבן מיר נישט קיין צוטרוי...

איך פריי זיך אָפּ מיט מיין חברטע א קורצע צייט. קיין שום זאך האָב איך זיך אין סטאניסלאוואָוו נישט דערוווסט און איך רוק זיך ווייטער פאָראויס — כ'פאָר נענטער צו דער גרענעץ. אין אָוונט פאָר איך מיט דער באַן קיין קאָלאָמיי.

XIII

דער קאָשמאַר אין קאָלאָמיי

אין דער באַן, וואָס פאָרט פון סטאניסלאוואָוו קיין קאָלאָמיי, איז שטארק פינסטער, קיין בילעטן קאָנטראָלירט מען נישט, און אין דער פינסטער פארפירט זיך צווישן אונדז, פאַסאַזשירן, א געשפרעך. עס ווייזט זיך ארויס, אז איינער פון מיינע מיטרייזנדע איז א ברודער פון א חברטע אין קאָלאָמיי, צו וועלכער איך האָב א בריוו. ער פאָרט טאקע אהיים און זאָגט מיר:

— ביי אונדז איז א גאנץ קליינע וווינונג; איך צווייפל, צי עס וועט זיך געפינען דאָרט פלאץ פאר נאָך א מענטשן!

איך בין צופרידן, וואָס כ'האָב אים געטראָפן און ער האָט מיר דאָס געזאָגט, ווייל עס וואָלט מיר זייער פּײנלעך געווען קומען אין מיטן דער נאכט און שטערן די רו. איך האָב נאָך א צווייטן אדרעס, צו אַן אדוואָקאט. פונדעסטוועגן מאך איך ביי מיר אָפּ, נישט גיין צו קיינעם אין מיטן דער נאכט, נאָר איבערנעכטיקן ווו עס איז אין א האָטעל.

מיר קומען אָן אין קאָלאָמיי ארום 1 ביינאכט. פון מיין קופּע גייען ארויס 5 מענטשן. צווישן אונדז א גאנץ יונג וואַרשעווער מיידל. אירע שיך זענען אזוי צעריסן, אז די פינגער זעט מען ארויס; זי איז נאָר וואָס געקומען צו פוס פון ווארשע און פאָרט איצט אהיים צו אירע עלטערן. זי קען צוויי פון אונדזערע מיטרייזנדע אלס גאנץ אנשטענדיקע מענטשן — גייען מיר, זאלבע פינף, זוכן א האָטעל. נאָך לאנגע זוכענישן קומען מיר אריין אין א געוועזענעם גרויסן רעסטאָראַן. דער לאָקאל געפינט זיך אויף

א שטאָק, און זיין אויסזען „דערציילט״ וועגן אמאָליקע גוטע צייטן. דער גרויסער זאַל איז האַלב טונקל באַלויכטן דורך די גרויסע שיינע לאָמפּן, ס׳איז דושנע, אָנגערויכערט. אין א ווינקל הינטער א בופעט זיצט אן עלטערער ייד, דער אייגנטימער פון לאָקאַל. אויף רויטע, פּלושענע בענק, וואָס שטייען ארום די ווענט, שלאָפן פּליטים, צוגעדעקט מיט זייערע מאַנטלען. ארום דעם גרויסן זאַל זענען פאַראַן נאָך צימערן. ס׳איז שטיל, ווי אין מיטן דער נאַכט, און דאָך הערט זיך פון דאָרט א פאַרהאַלטענער און עפּעס א פאַרדעכטיקער טומל.

אונדז דערלויבט מען זיך צוזעצן צו א טישל. ס׳באַווייזן זיך ווייסע זעמל, וויין, בראָנפן, מאַרינירטע הערינג, סאַרדינען און שאָקאָלאַד. איך שטוין: געפינען זיך נאָך ביי היינטיקן טאָג אַזעלכע וווּנדערבאַרע מאכלים אויף דער וועלט?!...

חברה טרינקט. צו אונדזער טישל זעצט זיך צו א האַלב שיכורער קריסטלעכער פויער פון א יאָר 60. דאָס איז דער אַמאָליקער אויבער היטער פון די מלוכישע וועלדער. ער באַגריסט זיך חבריש מיט מיינע שכנים (זיי קענען זיך) און דערציילט אונדז, אז נאָר וואָס האָט מען אים באַפרייט פון דער סאָוויעטישער טורמע, וווּ ער איז געזעסן א פּאָר טעג — אַלס ענדעק. ער פאָרט צוריק אהיים אין זיין שטוב — נישט ווייט פון קוטי.

קוטי? דאָס איז דאָך מיין חלום, מיין ציל! קוטי — דאָס איז דאָך דאָס שטעטל אויפן גרענעץ־פּאַס צו רומעניע. דער אַלטער פויער איז גרייט מיך צופירן מיט זיין פור דאָרט אהין...

—די אוקראַאינער, זאָגט ער, ארעסטירן זיי נישט, די באָלשעוויקעס; פאַר די אוקראַאינער האָבן זיי מורא. פאַרקערט, זיי באַמיען זיך צו קויפן זייערע סימפּאַטיעס. אָבער צו אונדז, פּאָליאַקן, זאָגט ער, באַציען זיי זיך ערגער ווי צו הינט.

פון א דערבייאיקן צימער שפּאַנט ארויס א יונגער רוסישער קאָזאַק. ער טראָגט בלויז הויזן, אָן אָפּן, צעבראַסטעטע העמד. אויפן שפּיץ־קאָפּ א רוסישע פוטערנע פּאַפּאַכע מיטן סערפּ און האַמער. ער גייט צו צום בופעט. אין דעם זעלבן מאָמענט עפנט זיך די טיר פון דרויסן, עס קומט אריין א יונגער קריסט פון דער בירגער־מיליץ מיט א ביקס איבערן אַקסל און מיט א רויטן פּאַס איבערן אָרעם — מיט א „סערפּ און האַמער״־

צייכן אויף אים. זיי שטופּן זיךביידע און אמפּערן נעבן דעם פּארמאכטן צימער, וואָס ביי דעם בופעט. עס הערט זיך עפּעס א פּארשטיקטער פרויען־געשריי — און עס ווערט ווידער שטיל.

צו אונדזער טישל דערנענטערט זיך דער שיינער יונגער קאָזאַק. דאָס יונגע מיידל, וואָס זיצט נעבן מיר, ווערט א פּארציטערטע; ער שפּאַנט וווּנדערבאַר שיין אויף זיינע לאַנגע פיס. א האַלבער ארבל פון זיין העמד איז אָפּגעריסן. און פון א פרישער וווּנד, ווי פון א מעסער, גיסט זיך רויט בלוט. ער באַגריסט זיך מיט אונדז אויף רוסיש און זעצט זיך צו. ווען ער הערט רעדן פּויליש, גייט ער אויך איבער אויף פּויליש. ער איז שיכור. פּלוצים צעקושט ער זיך מיטן פּויער אויפן שטייגער פון פּוילישע שיכורים, און דער אַלטער וואַלד־שומר רופט אים שוין „זון מיינער", באַטש זיי האָבן זיך ערשט די רגע באַקענט.

דער יונגער קאָזאַק איז זיכער, אז אויך איך בין א קריסטין. — פּארטרויט ער מיר שטיל, אז ער שטאַמט פון ווילנע. ער איז אַלט 19 יאָר. ער איז א פּאָליאַק. די באָלשעוויקעס האָט ער פיינט, ווי די „שוואַבעס". ער איז נאָר וואָס געקומען פון ווילנע. מיט א ציניזם דערציילט ער מיר וועגן דעם דאָרטיקן פּאָגראָם אויף יידן. ער האָט איבערגעשמוגלט לעדער (אפשר יידישע). דאָס האָט ער זיך אזוי אָנגעטון, כדי מען זאָל אים אָננעמען פאר א רוסישן זעלנער.

— אָט זעסטו, דערציילט ער מיר, דעם פון דער מיליץ, וועלכער איז דאָ געווען מיט א ווײַלע צוריק און מיט וועמען מיר האָבן זיך צע־שלאָגן מיט א מעסער, — ער איז אויך פון אונדזערע... זאָלן נאָר קומען די פרעסט, און זאָל מען זיך נאָר קענען איבערטראָגן אויף גאַרטן פון אָרט צו אָרט, וועסטו זען, וואָס מיר וועלן באַווייזן. מיר וועלן זיך נוקם זיין פאר אונדזער סקאַליעטשעט פּאָטערלאַנד.

מיר ווערט גאַנץ ענג אין דער געזעלשאַפט. מיינע יידישע שכנים האָבן זיך צוגעלייגט אויף די שטולן און זיי מאכן זיך שלאָפנדיק, אָדער שלאָפן אויף אן אמת. דער אַלטער פּויער, וועלכער האָט מיך געזאָלט צו־פירן צו דער גרענעץ, האָט זיך אויך אויסגעצויגן אויף א באַנק; ער איז אזוי שיכור, אז איך מיט דעם כלומרשטן „קאָזאַק" לייגן אים אריין זיין געלט אין קעשענע און אָט שלאָפט ער, ווי א געהרגעטער, און כראָפּעט

הויך ווי א בער. איך ווארט מיט אומגעדולד, עס זאָל שוין ווערן טאָג, איך ווארט אויך, אז אָט־אָט עפנט זיך די טיר און מען ארעסטירט אונדז אלעמען.

דערווייל איז שוין 4.30 אזייגער. עס איז גאנץ פינסטער, ווי אין מיטן נאכט. עס ווערט א גערודער. די פּליטים גרייטן זיך אין וועג אריין. עפּעס אַן אויטאָבוס פירט ערגעץ. זיי לויפן שנעל, מיינע יידישע שכנים געזעגענען זיך מיט מיר און זאָגן מיר אָן, פאר קיין פּאַל נישט צו פאָרן אין קוטי אָן א דורכפאָר־צעטל. איינער פון מיינע באקאנטע גיט דערביי צו: דער אדוואָקאט, צו וועמען איר האָט א גרוס, קאָן אייך דאָס באזאָרגן; ער איז די לעצטע צייט א רויטער, ער געהערט צו דער מיליץ.

אין דעם רעסטאָראן־לאָקאל האָב איך מורא צו בלייבן — גיי איך אראָפּ אין גאס און וויים נישט, וואָס מיט זיך צו מאכן. איך וועל דאָך נישט אריין צו א פרעמדן מענטשן אינמיטן נאכט. שטעל איך זיך צו אין א ריי, אויף צו קריגן ברויט, אבי זיך נישט צו שלעפּן אליין איבער די גאסן. איך בין טויט מיד, די אויגן קלעפּן זיך ממש, די פיס טוען מיר וויי. ס'איז 7 אזייגער און איך בין אזוי מיד, אז איך באשליס סוף כל סוף, נישט קוקן אויף גאָרנישט, נאָר אריינגיין צו דעם אדוואָקאט און אויסרוען זיך כאָטש א שעה, בעטן אים, ער זאָל מיר העלפן קריגן די „פּושעפוסטקע" און פאָרן ווייטער. ווען עס איז ליכטיק געוואָרן, האָט זיך ארויסגעשטעלט, אז זיין וווינונג געפינט זיך פונקט קעגנאיבער דעם אָרט, וווּ איך בין געשטאנען די פּאָר שעה. איך בין אויף זיך אליין אין כעס, וואָס איך האָב זיך געשפּילט אין איידלקייט, נישט אָנגעקלונגען גלייך און נישט ארויפגעגאנגען און איבערגענעכטיקט דאָרט; אָבער — פארפאלן. סיי ווי סיי זיך איבערגעוואלגערט די נאכט, לוינט זיך נישט איצטער ארויפגיין. ווארט איך איבער נאָך א האלבע שעה און ערשט דאָן נעם איך קלינגען און קלאפּן ביים טויער. איך קלאפּ מיטן גאנצן כוח, אָבער קיינער עפנט נישט. דאָ איז א מנהג, אז יעדער פון די איינוווינער האָט א שליסל — עפנט קיינער נישט. איך רעזיגניר נישט. מיין מידקייט גייט איבער אלע גרענעצן. קלאפּ איך מיט די לעצטע כוחות און ענדלעך עפנט זיך דאָס טויער. עס באווייזט זיך א יידיש מיידל. מיט כעס, וואָס איך האָב זי אויפ־

געוועקט, גיט זי מיר א וואָרף אין פּנים אריין אן ענטפער, וויזנדיק מיט די אויגן די צווייטע זייט גאַס:

—אָט דאָרט וווינט דער ד״ר ב., — און גיט האַסטיק צוריק אַ פאַרהאַק דאָס טויער.

ס׳איז פאַראַן פאַרן טויער א שילדל, אַז דאָ וווינט דער ד״ר ב., אָבער איך גיי, ווי דאָס מיידל האָט מיר אָנגעוויזן. דאָרט איז קיין שום שילדל נישט פאַראַן, אַלע טויערן ארום זענען נאָך געשלאָסן, מען זעט גאַנץ ווייניק מענטשן, איך האָב זיך נישט ביי וועמען צו פרעגן. שטיי איך און וואַרט: דאָס איז אַן עק גאַס — אפשר וועט זיך ווו א געשעפט עפענען, אפשר א רעסטאָראַן, א קאַפע־הויז, א שפּייז־קראָם? — וועל איך דאָרט אָפּרוען און פרעגן. ליידער! אַלץ איז געשלאָסן. ס׳איז זונטיק פרי. אַזוי גייט אַוועק די צייט ביז ארום 9. איך דערפרעג זיך ענדלעך און קלינג אָן צו מיין ד״ר. עס עפנט מיר א יונגע דאַמע. איך פרעג אויף איר מאַן. ער שלאָפט נאָך. איך צי אראָפּ פון זיך דעם רוקזאַק, אַנטשולדיק זיך, וואָס איך וואַרט נישט אויף קיין איינלאַדונג, און זעץ זיך צו. איך זיץ אין וואַרט־צימער, באַלד ביים אריינגאַנג אין הויז. אויף א טיש ליגן אויסגעלייגט ווי אין א שוי־פענסטער נאָר־וואָס דערשינענע נייע ביכער, אַלע סאָוויעטישע בראַשורן אין פּוילישער שפּראַך. זיי ליגן נישט איינע אויף דער צווייטער, נאָר יעדע באַזונדער אויף דער גאַנצער ברייט פון טיש. אין א ווײַלע אַרום קומט אריין דער אַדוואָקאַט. איך שטעל זיך פאָר און באַגריס זיך. איך זע, אַז אויך דאָ האָט מיין נאָמען נישט געמאַכט קיין אַנגענעמען איינדרוק. גיב איך שנעל איבער די גרוסן, וועלכע איך האָב מיטגעבראַכט, פון דעם ד״ר וואַכמאַן, זיין קאָלעגע פון לעמבערג, פון זיין שוואָגער פון קאָסאָוו, פון אַנדערע אַמאָליקע חברים — און דאָס אַלץ העלפט נישט. דער ד״ר שטייט אין זיין מאַנטל, אָנגעשפּאַרט אויף דער וואַנט, קוקט אויף מיר דורך זיינע ברילן, שטיל, און זאָגט נאָך שטילער, אַזוי ווי ער וואָלט רעדן צו זיך:

—מיסטיפיקאַציע! ס׳קאָן דאָך נישט זיין, איר זאָלט האָבן פאַר מיר גרוסן, ס׳איז אַן אויסגעשלאָסענע זאַך!...

איך צעטומל זיך און פרעג, אפשר איז אין קאָלאָמיי פאַראַן נאָך א דאָקטאָר, צי אַן אַדוואָקאַט מיט דעם נאָמען.

אָבער ניין, זאָגט ער, און קיין שוואָגער אין קאָסאָוו האָט ער אי־בערהויפּט נישט. א צעטומלטע, שלעפּ איך שנעל ארוים מיינע ברילן און הייב אָן זוכן נערוועז אין מיין נאָטיץ־ביכל. ס׳איז אָבער פּאָרט אזוי אָנ־געגעבן. פאַרשטיי איך, אז דאָס איז נאָר א טריק, כדי מיך פּטור צו ווערן. זאָג איך: איבעריקנס איז דאָס אַלץ איינס — איך וויל פאָרן קיין קוטי. דאָרט האָב איך קרובים און איך וויל דאָרט איבערוואַרטן די מלחמה, ביז איך וועל קענען צוריק אהיים. זאָגט ער מיר ווייטער מיט דעם זעלבן טאָן, דער דאָקטאָר: ס׳איז אויסגעשלאָסן, איר קענט דאָרט נישט האָבן קיין קרובים! מיט דעם, הייסט עס, וויל ער מיר אונטערשטרייכן, אז ער פאַר־שטייט מיין כוונה. מיין גרימצאָרן איז גרויס, און איך זאָג אים פּראָסט און אָן קונצן:

—ווי שעמט איר אייך נישט? איך קום צו אייך, איר ווייסט אפילו נישט, וואָס איך וויל פון אייך און איר רעדט מיט מיר אזוי מאָדנע: אַלץ איז מיסטיפיקאציע. — מילא, פאַרפאַלן; איך זיץ נאָר א פּאָר מינוט און גיי פון דאַנען.

ער, מיין דאָקטאָר, פאַרענטפערט זיך פאַר מיר און זאָגט:

—מיט א וואָך צוריק האָט מען אונדז באַגנבעט, דערפאַר בין איך אזא צעשראָקענער.

כאָטש די ווערטער האָבן ביי מיר געוועקט געלעכטער, בין איך אָבער אזוי מיד און אומגליקלעך געווען אין דעם מאָמענט, אז איך בין נישט בכוח געווען אים עפּעס אָפּצוענטפערן און האָב זיך גענומען טרינקען די קאווע, וועלכע די פרוי האָט פאַר מיר אוועקגעשטעלט. מיין דאָקטאָר פרעגט מיך פּלוצים:

—ווייסט איר, אז דער חבר שמוים איז ארעסטירט?

—איז וואָס? —זאָגט איך אים. — דערפאַר דאַרף א מענטש אין אייערע יאָרן זיין אזא פּחדן?!

דער דאָקטאָר געזעגנט זיך מיט מיר. איך פרעג אים, וועגן א גאַס. איך קלייב זיך גיין צו מיין חברטע אָפּגעבן איר א בריוו, און דאָרט זיך אפשר וואָס דערוויסן. אָבער מיין אדוואָקאַט מאַכט אויך איצטער א מינע, און איך גיב אים שוין אליין צו:

—שוין ווידער מיסטיפיקאציע?

ער גייט אוועק און זיין פרוי שרייט אים נאָך:

—אַדאָלף, אַדאָלף, פארגעס נישט די קאָנסטיטוציע!

ווי א בלום זעצט ער אריין די בראָשור אין לאץ פון זיין מאנטל אזוי, אז מען זאָל אָנזען די אויפשריפט ס ט א ל י ן ־ ק אָ נ ס ט י ט ו ־ צ י ע, און גייט אוועק. איך טרינק אויס די קאווע, געזעגן זיך מיט דער דאמע; זי זאָגט מיר, אז זי איז א קאָסאָווערין און די גרוסן זענען פון אירע צוויי ברידער...

איך גיי זוכן די חברטע. איך שלעפ זיך אזוי א פאָר שעה. עפּעס זענען זיי, די קאָלאָמייער, אויף מיר בייז, און כאָטש כ'האָב דאָ נישט באגעגנט קיין פּליטים, ענטפערט מען מיר נישט, ווען איך פרעג אויף א גאס.

סוף כל סוף האָב איך זיך דערשלעפּט צו אזא קליין געסעלע מיט אזעלכע קליינע הייזעלעך, אז מיר האָט זיך געדוכט, איך טרוים. אלעס ארום האָט אויסגעזען ווי פון קאָרטן. און איך אליין האָב זיך דערפילט ווי א ריז. אינסטינקטיוו קוק איך פונדערווייטנס אויף אזא הייזעלע און טראכט דערביי: געוואלד! איך בין דאָך אזוי שווער, ווי געשוואָלן פון מידקייט. מיין מאנטל, מיינע באָטעס, דער רוקזאק — אלץ איז דורכגענעצט און אזוי שווער— ווי וועל איך זיך דורכשטופּן דורך אזא קליינער טיר?... אָבער מיין מורא איז געווען אַן איבעריקע: מיר קומט אנטקעגן א יונגע פרוי. זי, זעט אויס, האָט שוין געוווסט פון איר ברודער, אָדער מאַן, וועלכער איז געקומען צוזאמען מיט מיר דער באַן, אז איך וועל קומען. שטייט זי אין גאס פאר דער טיר און זאָגט:

—איר גייט געווים צו אונדז? אָבער ביי אונדז איז אזוי ענג, אז ס'איז אפילו נישטאָ קיין אָרט, ווו זיך צוצוזעצן.

א פארווונדערטע קוק איך אויף איר. זי האָט אַזאַ פיינעם צארטן אויסזען. זאָג איך איר:

—איך דארף נאָר אייער שוועסטער, די לערערין, אויף א ווייל.

—אך, זאָגט זי, זי איז אוועק שלאָפן צו שכנים, ווייל ביי אונדז איז נישטאָ קיין אָרט.

—אזוי? איז זי נאָך נישטאָ צוריק? אָדער אפשר ווייזט איר מיר, ביי וועלכע שכנים? איך האָב א בריוו פאר איר פון אירן א פריינט פון לעמבערג.

—אך, אזוי? זאָגט זי. ביטע, אנטשולדיקט, קומט אריין — און רוקט זיך אָפּ פון אריינגאנג, וועלכן זי האָט אזוי פעסט געהיטן.

איך בין אזוי בייז געוואָרן, אז איך וואָלט זי געקאָנט שלאָגן; אָבער אָנשטאָט דעם זאָג איך איר מיט דעם זעלבן פיינעם טאָן, ווי זי האָט מיר געזאָגט די לעצטע ווערטער:

—אך! אנטשולדיקט! דעם בריוו וועל איך נישט איבערלאָזן, און אייער שוועל וועל איך נישט איבערטרעטן, און אזעלכע פּרויען ווי איר צוזאמען מיט אייער קאָלאָמיי האָט געדאַרפט פארברענט ווערן צוזאמען מיט ווארשע.

מיין יידענע הייבט אויף א טומל. אלע שכנים זענען ארויס — און איך אליין, א דערשראָקענע פון דעם, וואָס מיין מויל האָט ארויסגעזאָגט, לויף מיט דעם רעשט כוחות פון דאנען אוועק צו דער באַן.

איך ווייס נישט, ווו דער באנהויף געפינט זיך און קיין אויטאָ אָדער דראָזשקע זע איך נישט. פון צייט צו צייט זע איך אַן אויטאָבוס, אָבער מיר איז שווער, אפילו אוממעגלעך צו רעדן צו א מענטשן. מיר איז שווע־רער דאָס פרעגן אויף דעם וועג, ווי דאָס שלעפּן זיך. די פיס טוען מיר אזוי וויי. פון די גרויסע בלאָטעס וועגן מיינע באָטעס, דוכט מיר, גאנצע פודן; איך טו זיי אויס און האלט זיי אין דער האנט. דאָס זעלבע טו איך מיט דעם רוקזאק. שלעפּ איך זיך אזוי. יעדע ווײַלע בלייב איך שטיין, לייג אוועק אויף דעם פארבלאָטיקטן טראָטואר די באָטעס מיטן רוקזאק אויף א ווייל, און גיי ווייטער.

ענדלעך! ענדלעך בין איך אויפן באן־הויף. דאָרט זאָגט מיר דער קאסירער, אז די באן צוריק אין לעמבערג וועט ערשט זיין אין 10 שעה ארום און קיין שום אנדערע באן וועט נישט זיין. ווען ער זעט, אז איך זעץ זיך צו ווארטן, פרעגט ער מיך, צי איך האָב נישט דאָ קיין באקאנטע?

—ווען דו ווילסט, זאָגט ער, קענסטו צוגיין צו מיין משפּחה —מיר וווינען נישט וויט— וועסט דאָך נישט זיצן דאָ דעם גאנצן טאָג.

איך באדאנק אים און גיי אוועק צוריק אין שטעטל. איך פּרוביר זוכן עפּעס אַן אָרט, ווו איך וועל קויפן עפּעס צום טרינקען, עסן, אָדער אָפּ־רוען. אָבער, ליידער. איך שלעפּ זיך אַזוי אַ גאַנצע שעה. אומעטום איז אַלץ ליידיק. אַזאַ אָרימקייט אַרום האָב איך נאָך אין ערגעץ נישט געטראָפן, און אַזאַ שלעכטס — אויך נישט. איך שלעפּ זיך פון איין שפּייז־קראָם אין דער צווייטער. די סוחרים זיצן אין די ליידיקע קראָמען אַן ארבעט. ס'איז נישטאָ קיין סחורה און נישט קיין קונים. קיינער זאָגט נישט: אַ גלאָז טיי קענט איר ביי מיר פּריוואַט באקומען! און זייערע גלייכגילטיקע פּנימער נעמען ביי מיר צו דעם חשק צו בעטן אפילו. שלעפּ איך זיך צוריק צו דער באַן. מיינע פיס זאָגן מיר אָבער אָפּ צו גיין. איך זעץ זיך צו ערגעץ אויף אַ שטיגל, וואַרט איבער אַ 10 מינוט, און גיי ווייטער.

ענדלעך בין איך צוריק אויפן באַן־הויף. די קאַסע איז שוין אויך געשלאָסן. אויך דאָסמאָל זאָגט מיר עפּעס אַ באַן־באַאַמטער, אַז די באַן גייט ערשט אָפּ ביינאַכט, אָבער איך זעץ זיך צו. אין אַ פּאָר שעה אַרום גיב איך זיך אַ כאַפּ, אַז איך האָב פאַרגעסן מיינע ברילן ביי דעם דאָקטאָר.

גוואַלד, גוואַלד. פון וואַנען וועל איך איצטער נעמען אַנדערע? און ווי וועל איך זיך איצטער פּילן אָן זיי?

אָבער צוריקגיין? בררר! — ניין! דאָס טו איך נישט.

אַזוי האָב איך פאַרלאָזט קאַלאָמיי.

ווער ווייסט: ווען נישט מיינע אַדרעסן צו די מענטשן מיט די גרוסן פון באַקאַנטע, וואָלט איך געוויס זיך אַן עצה געגעבן, זיך צוזאַמענגערעדט מיט די מענטשן, מיט וועלכע איך בין געפאָרן אין באַן, און אפשר, וואָלט איך עפּעס דערגאַנגען. יעדנפאַלס וואָלט איך זיך איינגעברענגט דעם טאָג פון פיין, וועלכער האָט ביי מיר צוגערויבט אויף אַ לענגערער צייט יעדן גלויבן אין מענטשן.

גליקלעך וואָלט איך געווען, ווען איך קען אויסמעקן פון מיין זכרון דעם נאָמען „קאָלאָמיי", וועלכער איז ביי מיר געבליבן אַ סימבאָל פון שלעכטס. מיר דוכט, אַז איך וועל פאַרזאָגן, ווי אַלטע לייט זאָגן, מיינע קינדס־קינדער, מיט קיין קאָלאָמייער נישט צו פאַרקערן, הגם מען האָט מיר שפּעטער איבערגעגעבן, אַז פון דער געשיכטע זענען געוויער געוואָרן

אנדערע קאַלאַמייער חברים, און זי האָט זייער ווײ־געטון פאַר דעם, וואָס מיר האָט פּאַסירט ביי זיי.

XIV

איך „שוואַרץ" די גרענעץ קיין ליטע

איך פאָר צוריק פון קאַלאָמיי אַ דערשעפּטע פון כוחות, און מיין אידעאַל איז, געפינען זיך צוריק אין מיין צימער אין ביאַליסטאָק. פריער מוז איך אָבער זיין אין לעמבערג און קאָוועל, איך מוז דאָרט צוווּיסן געבן חברים, וואָס איך האָב אויפגעטון, מ'שטיינס געזאָגט.

דער צוג קומט אָן אין לעמבערג אין מיטן דער נאכט. אַלץ איז, נאַטירלעך, געשלאָסן, און איך קריג זיך אַריין אין אַ הויז ערשט נאָך אַ פּאָר שעה קלאַפּן אין פאַרשידענע טויערן, אויף פאַרשידענע אדרעסן. ענדלעך האָב איך זיך דערשלאָגן צו חברים. איך באַקום אַ געלעגער, און באַוויז קוים צו זאָגן די פּאָר ווערטער: „איך האָב גאָרנישט אויפגעטון אין קאָלאָמיי, ווייל זיי זענען שלעכטע" — איך ווער גלייך איינגעשלאָפן.

ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט גאַנץ פרי, איז שוין אין שטוב קיי־נער נישט געווען; איך בין אַזוי שטאַרק געשלאָפן, אַז כאָטש מיר אַלע זענען געוווען צוזאַמען אין גאַנץ ענגן צימער — האָב איך נישט געהערט, ווען זיי זענען אַוועק.

איך עס־אָפּ פרישטיק און אייל זיך אויף דער פּאָסט; מען שמועסט, אַז פון לעמבערג גייען שוין דעפּעשן קיין אויסלאַנד. ווייל איך געבן כאָטש אַ צייכן צו מיינע אין ארץ ישראל. אויך דאָ, אויף דער פּאָסט, שיקט מיך איין באַאַמטער צום צווייטן. איך גיי צו צו אַ באַאַמטין — אַן עלטערע קריסטין, און בעט זי, זי זאָל מיך ריכטיק אינפאָרמירן, ווייל איך דאַרף אָפּשיקן אַ גאַנץ דרינגענדע דעפּעשע. זי זאָגט מיר דערויף: אין אמתן גייען, ליידער, נאָך נישט קיין דעפּעשן, אָבער — מען קען! — דו גיי אַריין אין דער צווייטער אָפּטיילונג, דורך דעם צווייטן אַריינגאַנג, באַלד אויפן דריטן שטאָק, פרעג נישט ביי די וועכטערס, וואָס שטייען, נאָר גיי

גלייך אריין אין צימער פון דעם הויפּט־דירעקטאָר. „אָבער נעדענק, —בעט זי מיך,— זאָג נישט, אז איך האָב דיר נעהייסן".

פאר דער טיר פונעם דירעקטאָר שטייט אַ זעלנער מיט אַ ביקס. איך מאַך זיך פון אים נאַרנישט, קלאַפּ אָן אין טיר, אָבער מען עפנט מיר נישט. פון אינעווייניק דערגייען צו מיר גאנץ הויכע שטימען. ווארט איך אַ מי־נוט 10, שטייענדיק ווי אויף שפּילקעס. איך האָב מורא, דער זעלנער זאָל מיך משלח זיין. איך קלאַפּ־אָן נאָכאמאָל. עפן־אויף אַ ביסל די טיר און שטעק אריין דעם קאָפּ: דאָרט זיצן אַ פּאָר מענטשן, זיי זעען מיך, און אזוי ווי זיי זאָגן מיר גאָרנישט, — מאַך איך זיך „נאפּעוואטע", ווארט נישט אויף קיין איינלאַדונג, גיי אריין, באַגריס זיך, און זעץ זיך אנידער אויף אַ שטול. זיי ענטפערן מיר מיט אַ שאָקל מיט די קעפּ און פירן ווייטער גאנץ הייס זייער געשפּרעך.

דאָס איז געקומען צום הויפּט־דירעקטאָר אַ דעלעגאַציע פון פּאָסט־באַאמטע מיט אַ פּראָטעסט, פארוואָס מען זאָגט זיי נישט קלאָר, צי עס וועלן גיין דעפּעשן אין אויסלאַנד, אָדער נישט; איינער פון די דעלעגאַטן שרייט גאנץ הויך צו דעם דירעקטאָר:

—דו ווילסט ווייזן, אז ביי דיר גייט אַלעס, ווי אויף רעדער, לאָזסט נישט אראָפּנעמען די צעטעלעך, אז די דעפּעשן גייען. אָבער אונדז רייסן די נאָכפרעגערס אראָפּ דעם קאָפּ, און מיר ווייסן נישט, וואָס צו זאָגן: יאָ, צי ניין! מיר וועלן פון דאנען זיך נישט רירן, ביז וואנען מיר וועלן נישט באַקומען קיין קלאָרע אינסטרוקציע.

זיי צעווערטלען זיך אויף אַ הויכן שטיינער.

סוף כל סוף קלינגט־אָן דער הויפּט־דירעקטאָר אין טעלעפאָן ערגעץ אין אַ דרוקעריי, און שפּעטער זאָגט ער דער דעלעגאַציע:

—נו, איצטער ווייסט איר שוין דעם גאנצן אמת, יאָ?! איך האָב באַשטעלט בלאַנקעטן, אָן וועלכע מען קאָן דאָך נישט שיקן קיין דעפּעשן; זיי האָבן שוין געדאַרפט לאנג פארטיק ווערן; אָבער אזוי ווי עס זענען איצטער פאראן גרויסע שוועריקייטן ביים אויספארטיקן עפּעס, פארציט זיך די ארבעט, און די בלאַנקעטן זעט מען נישט. עס פעלט פּאַפּיר און אנדערע מאַטעריאַלן. מען האָט מיך פארזיכערט, אז אין אַ פּאָר טעג ארום וועט שוין אַלעס זיין פארטיק!...

נ ע ו ג ד

נאָך לאַנגע דיסקוסיעס איז דער דירעקטאָר איינגעגאַנגען, אַז די באַאמטע פון דער הויפּט־פּאָסט זאָלן אַרויסהענגען פאַר זייערע פענסטער־לעך צעטעלעך, אַז „דאָס שיקן דעפּעשן פון לעמבערג איז דערווייל אָפּגע־שטעלט — ביזן אָפּרופן”. די דעלעגאַציע געזעגנט זיך און גייט אַוועק. איך, אייגנטלעך, האָב שוין אויך געהאַט דעם ענטפער, אָבער איך בין צו־געגאַנגען צום דירעקטאָר, ווי איך וואָלט גאָרנישט פאַרשטאַנען, און פאַר־געשטעלט מיין בקשה אויף פּויליש. איך באַקום אַן ענטפער: —ליידער גייען נאָך נישט פון דאַנען קיין דעפּעשן. פּריוואַט קען איך פאַר דיר גאָר־נישט טון, אָבער איך פאַרזיכער דיך, אַז אין אַ פּאָר טעג אַרום וועלן גיין דעפּעשן נישט בלויז פון לעמבערג, נאָר פונעם גאַנצן פאַרנומענעם דורך אונדז שטח.

איך געזעגן זיך און לאָז זיך גלייך צו דער הויפּט־סטאַציע, כדי צו פאָרן אין קאָוועל. ערשט די אומגעהויער גרויסע הויפּט־סטאַציע פון לעמ־בערג איז איבערפולט מיט מענטשן. אין משך פון דעם טאָג, וואָס איך שטיי דאָרט און וואַרט אויף דעם צוג, שטייען דאָרט בפירוש אין די טויז־זנטער מענטשן. דער צוג האָט געזאָלט קומען אַרום 11; איצט איז שוין ווייט נאָך מיטאָג, און מען זעט דעם צוג נישט. נאַטירלעך, אַז אויך דאָ ווייסט קיינער נישט, ווען דער צוג וועט קומען, און אויף וועלכע שינעס ער וועט דורכפאָרן; איז, אַז עס קומט אָן אַ צוג, לויפט מען פון אומעטום דערוויסן זיך ביי די פאָרנדיקע פּאַסאַזשירן, וווהין די באַן פאָרט. אַזוי לויפט מען נאָכאַנאַנד דורך די באַן־פּאַסן, צוזאַמען מיט די פּעק, צענדלי־קער מאָל אַהין און צוריק. די געשרייען דערגייען ביזן הימל אַריין. קיינער זיצט נישט, נאָר מען שטייט, און מ'איז גרייט צום לויפן, ווייל אָט־אָט פאָרט דער צוג.

עס פאַלט אַ דראָבנער רעגן דעם גאַנצן טאָג, זענען די פּעקלעך דורכ־גענעצט געוואָרן, און אויף דער סטאַציע וואַלגערן זיך זאַכן און עסנווארג, וואָס די פּאַסאַזשירן פאַרלירן, לויפנדיק פון איין אָרט אויף אַ צווייטן. איינער הייסט וואַרטן אויף דער ערשטער ליניע — דער צווייטער — אויף דער זיבעטער אא"וו.

דער עולם איז אַזאַ פאַרשידנפאַרביקער, אַז עס שווינדלט ממש אין די אויגן. דאָ שטייען טויזנטער פּויערים, — זיי פאָרן געוויס ערגעץ אויף

א פויערים־צוזאמענפאר. זיי זענען אנגעטון אין זייערע נאציאנאלע קליי־דער: פעלערינעס און קורטקעס, מיט פעדערן און בענדער, פאסן, קראטן און בלומען. זיי רעדן אויף פארשידענע דיאלעקטן, און ווען נישט זייער קליידונג, וואלט זיך מיר געדוכט, אז איך בין גאר אין תל אביב...

איך פרעג ביי אן אלטן באן־ארבעטער, פארוואס ס'איז דא אזא אומארדענונג. עס זענען דאך פאראן אויף זייערע פאסטנס א סך אלטע באן־ארבעטער. יא, זאגט ער מיר, אבער די דירעקציע איז א נייע. זי ווייסט נישט, וואס עס טוט זיך, און מיר באן־ארבעטער האבן פארלוירן די קעפ צוזאמען מיט איר. וואלטן מיר לפחות, זאגט מיר דער באן־ארבעטער, נישט פארקויפט אזויפיל בילעטן, — קען דען די באן אויפנעמען אזוי פיל מענטשן, וויפל עס בארן איצטער? (איצטער צאלט מען שוין פאר בי־לעטן. און אין א פאר טעג שפעטער האט מען שוין באקומען בילעטן נאר אויף 8 טעג פאראוים.)

איך שטיי אויף דער סטאציע ביז פארנאכט. א חבר דערציילט מיר, אז מיט צוויי טעג צוריק איז ער אויך אזוי געשטאנען. ער איז אזוי מיד געווארן און געזען, אז ער וועט נישט האבן קיין כוח זיך ארייננצושטופן אין וואגאן, ווען דער צוג וועט שוין קומען, האט ער באשלאסן אריין אין דעם ערשטן בעסטן צוג, וואס וועט זיך אונטעררוקן. דער בילעטאר האט אים געזאגט, אז אויף דער ליניע פארט מען אין באראנאוויטש, בעת ער האט גאר געדארפט קיין ביאליסטאק. אבער אים איז אין דעם מאמענט געווען אלץ איינס, אבי זיך צוזעצן: ער האט מער נישט געקאנט זיך האלטן אויף די פיס. היינט, ווי גרויס, זאגט ער, איז געווען מיין פארוווּנדערונג, ווען איך בין גאר אנגעקומען מיט א צופעליקער באן טאקע אין ביא־ליסטאק...

ענדלעך קומט א צוג. איך שטופ זיך צו די פארנדיקע פאסאזשירן, כדי צו אינפארמירן זיך, צי איז דאס דער צוג, אויף וועלכן איך ווארט. אויך אנדערע שטופן זיך צו. מ'שרייט, מ'ספאזמירט. א רויט־ארמייער שטייט אויף דעם העכסטן טרעפל ביים ארייננגאנג אין וואגאן און לאזט נישט צו די מענער. ער שלאגט זיי, כאפט אראפ די היטלען פון זייערע קעפ און פארווארפט זיי ווייט. ער מאכט א פרייען דורכגאנג פאר די פרויען,

וועלכע ער טראָגט ממש אריין אינעווייניק. אויך מיר העלפט ער אריינ־באקומען זיך, און ענדלעך פאַרן מיר.

איך קום צו מיינע באקאנטע פאיע און יצחק לעוו אין קאָוועל. דאָס אויסזען פון דער שטאָט האָט זיך איינגאנצן געביטן. די שפּייז־קראָמען, וווּ איך האָב מיט א וואָך צוריק געזען שפּייז, זענען פּוסט, און אלעס ארום איז ווי אָפּגעשטאָרבן.

מיינע פריינט האָבן באשלאָסן אהינקריגן זיך אין ווילנע, וועלכע געהער איצט צו ליטע.

מיר ווערט קאלעמוטנע אויפן הארצן: אויך זיי, די נאָענטסטע באַ־קאנטע מיינע, פאָרן אוועק — וואָס זשע זאָל איך טון? איך בין טויט מיד און דערשלאָגן. מיר איז איצטער בכלל שווער וואָס עס איז דעצידירן. איבערהויפּט — צו טראכטן. מיר דוכט אין דעם מאָמענט, אז צוזאמען מיטן אוועקפאָרן פון אָט די אלע פריינט מיינע פארליר איך אלע, אלע מעגלעכקייטן צום לעבן. די שטימונג איז ביי אונדז אלעמען א געדריקטע. איך בלייב דאָרט א פּאָר טעג. איך דעצידיר זיך מיטפאָרן. מיר זוכן אינ־פאָרמאציעס, מיר הערן, אז דער ענין איז נישט קיין לייכטער. פאראן די מורא, מען זאָל אונדז ארעסטירן אויף דער גרענעץ, וועט אונדז שפּעטער נאָך שווערער זיין. אפשר וועלן מיר דערפאר שפּעטער קיין ארבעט נישט באקומען?...

דער ענין ווערט קאָמפּליצירטער. די בשותפותדיקע רייזע איז נישט צושטאנד געקומען, און איך האָב באשלאָסן אליין, באזונדער פאר זיך, לאָזן זיך צו דער גרענעץ.

איך פאָר אין א דאָרף, כדי פון דאָרט איבערגיין די גרענעץ. צוזאַ־מען מיט מיר זעצן זיך אריין אין צוג צוויי יידישע פרומע קליינהענדלער, און קוקנדיק אויף מיר, ווענדן זיי זיך צו מיר באלד:

—איר פאָרט דאָך צו דער גרענעץ, יאָ? איז מיט וועמען?

ווען איך זאָג זיי, אז איך האָב נישט קיינע פארבינדונגען, נאָר איך רעכן ערשט אין דעם דאָרף זיך וואָס עס איז דערוויסן, שרייען זיי אויס:

—חלילה! וואָס טוט איר?! דאָרט ארעסטירט מען דאָך באלד ביים אראָפּגיין פון דער באן. מיר זענען דאָרטיקע און מיר ווייסן עס גענוי. מיר וועלן אייך בעסער עצהן: איר גייט אראָפּ אויף א פריערדיקער סטאַ־

ציִע; דאָרט וועט איר גלייך אריינגיין אין דער דאָרטיקער שול און בעטן, מען זאָל אייך צושיקן א קריסטלעכן פויער מיטן נאָמען סימאָן, און ווען ער וועט מיט אייך גיין — דעמאָלט קאָנט איר זיין גאנץ רואיק און זיכער. ער איז די ערלעכקייט אליין. ווען ער וועט נישט האָבן קיין צייט, וועט ער אייך יעדנפאלס העלפן. מיר זענען, זאָגן זיי ווייטער, פאראינטערעסירט בלויז אייך צו העלפן. טוט אזוי ווי מיר ראטן אייך!

און הלוואי, הלוואי, וואָלט איך אזוי געטון...

אָבער אין לעצטן מאָמענט, איידער די באן רירט זיך, קומט אריין אין וואגאָן איינער פון די, מיט וועלכע מיינע פריינט האָבן פארהאנדלט. ער דערציילט מיר, אז ער האָט מיך געזוכט אין האָטעל. ער וויל מיר העלפן, און ער פאָרט איצט ספּעציעל צוליב מיר. פארגעס איך די עצה פון יענע יידן, האָבנדיק צוטרוי צו א... חבר. א צופרידענע און בארואיקטע פאָרן מיר אין א דאָרף אריין. מיר קומען אָן פארנאכט. דער „חבר" גייט פאָראויס און מיר הייסט ער נאָכגיין נאָך אים, נישט אומקוקנדיק זיך, כדי מען זאָל נישט באמערקן, אז מיר זענען דאָ פרעמדע.

אויפן ברייטן שליאך פאָרט א פויעריש וועגעלע מיט ווארשעווער פּליטים צו דער גרענעץ. צווישן זיי — א מזרחיסטישער פירער מיט זיין פאמיליע. די קינדער זיצן אויפן וועגעלע און ער לויפט־נאָך, די קאפּאָטע צעבלאָזן, די באָרד זיינע, דוכט זיך, שרייט: געוואלד! לאָזט מיך ארויף...

דורך אונטערוועגן קומען מיר אריין אין אָן אָרימער שוסטער־דירה. מיין וועגווייזער ווערט תיכף נעלם, כלומרשט אויף א רגע; עס ווערט פינ־סטער. איך זיץ אינעם גאנץ אָרימען און קליינעם צימערל אָן ליכט. א מאָדנע מרה שחורה וועקט ביי מיר דאָס אומעטיקע צימערל מיט די פאַ־פירענע ארץ־ישראל־בילדער אויף די ווענט, צוזאמען מיט די אויסגעשני־טענע פאָטאָגראפיעס פון סטאַלינען, מאָלאָטאָוו און אנדערע גדולים.

פון דער שכנותדיקער שטוב דערגייט צו מיר דאָס קלאפּן פונעם שוסטער־העמערל, צוזאמען מיט געשפּרעכן. איך זיץ איינע אליין אויף דער זייער צעבראָכענער קאנאַפּע, ביז כ'ווער אנדרימלט.

עס קומען אריין צוויי יונגע בחורים, אנטשולדיקן זיך, פארוואָס זיי שטערן מיר. אָבער זיי שלאָפן שוין נישט עטלעכע וואָכן. היינט, זאָגן זיי, האָבן זיי א שווערע נאכט־ארבעט און זיי האָבן נישט קיין אנדער אָרט,

זוו זיך צוליגן. איך זעץ זיך איבער אויף א שטול און טרעט זיי אָפּ מיין אָרט. זיי ליגן זיך צו אין זייערע הויכע שטיוול און לעדערנע קורטקעס. ביידע זענען זיי זייער יונגע, איינער א גאנץ בלייכער, כמעט נאָך גאָר א יינגל. איך בין זיכער, אז דאָס זענען עס די, וועלכע וועלן מיך פירן איבער דער גרענעץ. ס'פאַרבינדט זיך א שמועס, און זיי זאָגן מיר: א שאָד, וואָס איר האָט זיך פאַרבונדן מיט דעם „ליטעראַט", מיט וועלכן איר זענט געקומען. אָט האָט ער איצטער אוועקגעשיקט א גאנץ גרויסע גרופּע מענטשן און אייך האָט ער געלאָזן. דאָס איבערגיין די גרענעץ ווערט פון מינוט צו מינוט מער קאָמפּליצירט, שווערער.

מיר צוויי קענען אייך לײדער נישט העלפן, ווייל מיר, חלוצים, האָבן זיך אונדזערע גאנץ אנדערע וועגן, און מיר פירן אדורך אונדזערע חברים, נאַטירלעך אָן געלט. אויך היינט וועלן מיר דורכפירן א גרויסע ארבעט. די נאכט איז אזא פינסטערע, אז מיר מוזן זי גוט אויסנוצן.

פון דעם שוסטער־צימער קומט אריין א פרוי, זי מאכט פּאַרזיכטיק צו די טיר, פאַרהענגט דאָס פענצטער און זאָגט שטיל: געקומען א קאָמיסאַר באַשטעלן א פּאָר שטיוול. זי גייט ארויס, די יינגלעך פאַרמאַכן די טיר אויף א ריגעלע, שוויגן און ווערן אנטשלאָפן. איך זיץ און וואַרט.

א ביסל שפּעטער קומט מיין „וועג־פירער" און דערקלערט מיר: גיט מיר 400 זלאָטעס, גייט איר שוין דורך דעם וועג. אין דער פינסטער זעט ער נישט מיין פּנים און איך זאָג אים: מאַכט נישט קיין אָנשטעל, איר ווייסט דאָך גאַנץ גוט, אז איך האָב נישט אזא סומע, און די גרופּע מענטשן האָט איר דאָך שוין דערליידיקט. ס'איז געווען א שווייגעריי פון אייער זייט, מיך דאָ אהערצוברענגען, און מיר זאָגן, אז איר זענט געפאָרן נאָר צוליב מיר. איך וואָלט זיך דאָך אויסגעזוכט מיין וועג — און געוויס אויך דערליידיקט. און איר דעקלאַמירט נאָך, אז איר טוט דאָס אַלץ, נאָר כדי צו ראַטעווען יידן.

אָבער איך האָב קיין ברירה נישט. ער האָט שוין פאַר מיר באַזאָרגט אַן אָרט, ווו איך זאָל וואַרטן, ביז זיי וועלן צונויפשטעלן א פרישע גרופּע „דורכגייער". מיר קומען אריין אין דער פרישער דירה, שטעלט מיך מיין באַגלייטער פאַר מיט גרויס פּאָמפּע פאַר א שווייגנדיק פאַרכמורעט יינגל, וואָס זיצט א מידער ביים טיש: —געדענק, דו מוזט די פרוי פרידע וואָס

אמשנעלסטן דערלײדיקן! די באַלעבאַטים פון דער דירה און דאָס ײנגל — זײ זענען דאָס די אמתע איבערשמוגלער. זײ זענען אַלע יונגע מענטשן און דער עלטערער פון זײ האָט א פנים פון א באַנדיט. איך בלײב דאָרט שלאָפן, בלײב דעם מאָרגנדיקן טאָג. דער באַלעבאָס דערצײלט מיר װעגן זײנע הײסע סימפּאַטיעס פאַרן ציוניזם, װעגן די גרױסע מענטשן אונדזער־רע, ציוניסטן, װעלכע ער אלײן טאַקע האָט געהאָלפן גנבענען די גרענעץ. אָבער מיט מיר װײסט ער באמת נישט װאָס צו טון: פאַר אַזאַ קלײנער סומע געלט איז ער נישט געװױנט צו אַרבעטן. נאָר דאָך, דאָך װעט ער זיך באַמיען מיך צוװאַרפן צו א גרעסערער גרופּע.

אין משך פון טאָג האָב איך דערװײלע זיך באַקענט מיט אַנדערע מענטשן, און איך באַשליס, נישט צו װאַרטן ביז מאָרגן. װען נישט הײנט מיט מײנע, גײ איך מיט זײ טאַקע נאָך הײנט בײנאַכט. אָבער פאַרנאַכט קומט אַרײן צו אונדז אין דירה א פּאָרל, װאָס איז געשיקט געװאָרן דורך דעם „ליטעראַט" — די פרוי איז שװאַנגער. אין די הױכע חדשים. הײסט עס, אַז א גרופּע שאַפט זיך, איך רעזיגניר פון יענער גרופּע, שלעפּ נאָך צו פון יענע א פּאָר מענטשן און בלײב װאַרטן. װען עס װערט פינסטער, װײזט זיך אַרױס, אַז מיר גײען מיט א „גױ". יענעם, דעם „ציוניסט", לױנט נישט צו גײן מיט אַזאַ גרופּע. ער פאַרשװינדט, איבערגעבנדיק אונדז אין רשות פון דעם פּױער מיט דעם קלײנעם שװײגנדיקן ײנגל.

די נאַכט איז אַזאַ פינסטערע, אַז זיצנדיק אױף דער פור, זעען מיר נישט אײנער דעם צװײטן. דער בעל עגלה פאָרט גאַנץ לאַנגזאַם, מען זאָל אונדז נישט הערן — מיר טאָרן נישט רעדן. אָבער פּלוצים בלײבט די פור שטײן און דער יונגער פּױער, אונדזער „פירער", זאָגט: —ער אַנט־לױפט יעדע װײלע, דער קלײנער „זשידעק". ער װעט אַנטלױפן אין דער פינסטער. דאָס געלט האָבן זײ צוגענומען, און אונדז װעלן זײ געבן א קרענק.

ער לױפט זוכן אין דער פינסטער דעם שװײגנדן ײנגל, פּאַקט אים, זעצט אים אַרױף אױף דער פור און הײסט אונדז אים היטן. נאָך א צײט פאָרן בלײבן מיר שטײן אין א פּױערישן הױף. עס איז אין מיטן דער נאַכט. װען מיר קומען אַרײן אין דער אַזױ גערופענער „הינער־כאַטע" — א שטוב אָן פענסטער — באַלײכט מען אונדז מיט אָנגעצונדענע לאַנגע

דינע שטיקער אויסגעטרוקנטע האַלץ. פון דעם גאַנץ גרויסן פּיעקעליק און פון אַלע ווינקלען שטעקן צו אונדז אַרויס די קעפּ פּרצופים פון פאַרברע־כער. מיר ווערן פאַרציטערט און ווייסן נישט, נאָך וואָס מען האָט אונדז דאָ אהערגעבראכט. אָבער דער עלטערער פורמאַן זאָגט, אַז ער האָט זיך דעם פּוס צעקלאַפּט און קען נישט מיט אונדז גיין. דער יונגער פויער איז, אַלזאָ, געקומען נעמען צו הילף אַ פאַרטרעטער. דערווײַלע הייסן זיי זיך שוין איצט אויפן אָרט באַצאָלן פאַר זייער טירחה. מיר האָבן אונדזער געלט באַצאָלט דעם יידן, ביי וועלכן איך האָב געוווינט, און האָבן קיין אנדער געלט נישט. ווערט אַ קריגערײַ. עס באַווייזט זיך אַ רעוואָלווער. מיר בעטן, מיר שרייען אויף דעם בחורל, ער זאָל זיי געבן זייער חלק. ער שווייגט ווי די וואַנט. קוים, קוים געפּועלט, און אַלץ טאַקע שווײַגנדיק, גיט ער זיי עפּעס אַ סומע געלט.

מיר גייען איצטער צו פוס. דער וועג איז אַ שווערער, ווײַל ס'איז פינסטער. מיר גייען אין אַ קייט, איינער נאָכן צווייטן. רעדן טאָרן מיר נישט, און אין דער פינסטער זעען מיר אפילו נישט איינער דעם אַנדערן. יענע לויפן שנעל, און מיר יאָגן זיך נאָך זיי, כדי זיי נישט פאַרלירן. זיי טראָגן הויכע שטיוול און קורטקעס. מיר — לאַנגע מאַנטלען מיט שיך אָדער גאָר פּאַנטאָפל. יעדע ווײַלע הערט זיך אַ שטאַרקער כלושטש וואַ־סער — אַ סימן, אַז עס איז ווער געפאַלן. אָבער מען וואַרט נישט, קיינער קוקט זיך נישט אום, מורא האָבנדיק פאַרלירן די גרופּע אין דער פינסטער.

פּלוצים בלײַבן מיר שטיין, און די צוויי פויערים זאָגן אונדז שטיל: זעצט אייך דאָ צו, ענג איינער נעבן דעם צווייטן, איר זאָלט נישט רעדן צווישן זיך און וואַרטן אויף אונדז. מיר גייען אויסשפּירן די גרענעץ־וואַך, און ווען מען וועט דאַרפן, ווייסט איר דאָך, אַז מיר האָבן מיט זיך געוועהר.

אַזוי וואַרטן מיר אַ גוטע האַלבע שעה. מען זעט נישט אפילו פאַר זיך דעם נאָענטן שכן. פון צייט צו צייט הערן מיר עפּעס אַ גערויש. אָבער מיר ווייסן נישט: זענען דאָס ביימער, אָדער טריט פון מענטשן: מיר רע־כענען, אַז יענע האָבן אונדז פאַרלוירן, אָבער אָנרופן טאָר מען זיך נישט. סוף כל סוף קומען יענע צוריק. זיי האָבן געוויס אויסגענוצט די פינסטער־ניש, געזעסן נעבן אונדז, נאָר מיר האָבן זיי נישט געזען.

איצטער זאָגן זיי צו אונדז:

—נו, מיר האָבן אונדזערס געטון. פון דאנען האָט איר איינגאנצן א 20 מינוט צו דער כאַלופּע פון אונדזער ברודער. דאָס איז שוין אויף דער ליטווישער זייט. דאָרט וועט איר אַלע איבערנעכטיקן — און איינדערפרי וועט איר אייך גיין פריי אייער וועג. דאָס שטיקל וועג וועט אייך צופירן דער „זשידעק".

אונדזער שווייגנדיקער בחורל רופט זיך נישט אָפּ. זיי גיבן אים אָנווייזונגען, דורך וואנען ער זאָל גיין, כדי נישט אריינפאַלן אין די טיפע וואסערן, וועלכע זענען דאָ צעשפּרייט. מיר ווילן נישט בלייבן מיט דעם בחורל; מיר ליינן זיי פּאָר, צוצאָלן פאר דעם וועג, אָבער יענע פּויערים ווילן נישט און ווערן פארשוואונדן. איצטער הייבט זיך אָן דער אמתער וועג. איצטער פארשטייען מיר פארוואָס זיי זענען אוועק. יעדע ווייל פאַלן מיר אין א וואסער ביז איבערן האלדז. ענדלעך קומען מיר ארויס אויף א גלייכן וועג. אָבער איצטער פאַלן מיר יעדע ווייל איבער די גרויסע שטיינער, וועלכע ליגן, דוכט זיך, צעוואָרפן, ספּעציעל פאר אונדז, און — אָט זענען מיר אריינגעפאַלן גלייך די וועכטערס אין די אָרעמס. מיר זעען זיי נישט, נאָר מיר הערן אין רוסיש:

— ליגן זיך, די הענט אין דער הויך, גיט־אָפּ דאָס געווער!

ער באַקוקט אונדז ביים ליכט פון זיין אָנגעשטעלטן לאַמטערנדל:

—צום טייוול, איר שלעפּט זיך ארום אָן א צאָל, אַלע נאכט די זעלבע געשיכטע! וועט זיך שוין אייער אומלויפן אמאָל ענדיקן? אָבער מיר האָבן דאָך נישט אייך אָפּגעוואַרט, נאָר די באנדע שמוגלערס — אויף זיי וואַרטן מיר. אייך דאַרפן מיר נישט! בירגער, וועלכע ווילן נישט ביי אונדז און מיט אונדז זיין — דאַרפן מיר נישט! גייט אייך אַלע אייער וועג. מיר וועלן אייך אַלעמען לאָזן. זאָל נאָר אדורך א געוויסע צייט, כדי עס זאָל זיך באַרואיקן מיט דעם לויפן.

אזוי טענהט צו אונדז דער רוסישער זעלנער, וואָס איז אומצופרידן מיט אונדזער באַזוך. ער טראַכט א רגע און גיט צו:

—אָבער איך מוז אייך סיי ווי סיי אָפּפירן אויף דעם פּאָליציי־פּאָסטן. פון דאָרט וועט איר ערשט אריבער די גרענעץ. אך —זיפצט ער— נאָך וואָס זענט איר מיר געקומען גלייך אין די הענט אריין! דער וועג איז א

שלעכטער און פון דאנען ביז דעם נאָענטסטן פּאָליציי־פּונקט זענען א היפּש ביסל קילאָמעטער. צווישן אייך זענען דאָ אויך פרויען — וואָס זאָל איך מיט אייך מאכן?

ער גיט א פייף, עס קומט צו לויפן א צווייטער זעלנער. ער שרייט הויך און פּאָדערט, מיר זאָלן אָנווייזן דעם „שווארצער", וואָס האָט אונדז דאָ אהערגעבראכט. מיר, נאטירלעך, ווייזן נישט אָן אויף אונדזער שוויי־גנדיקן באגלייטער, נאָר פארזיכערן, אז אונדזער „פירער" איז אנטלאָפן און אונדז איבערגעלאָזן.

די צוויי זעלנער בעראטן זיך, וועלכער וועג וועט זיין דער קירצסטער און באקוועמסטער פאר די פרויען.

מיר זענען מיד פון דעם פריערדיקן לויפן, מיר גייען צוריק דורך די זומפּן, איבער בריקלעך, וואָס באשטייען פון גאנץ שמאָלע ברעטלעך. יעדע ווײַלע פאלט ווער. די בלאָטע גיט א שפּריץ גלייך אין פּנים אריין. מען זעט נישט אין דער פינסטערניש, ווו א פוס אוועקשטעלן.

איך פאל אריין אין א וואסער ביז איבערן האלדז, און צעקאלעטשע זיך דערביי שטארק די האנט ביים שטעכעדיקן דראָט. דער זעלנער העלפט מיר זאָרגפעליק פארבינדן די האנט. ער פרעגט אונדז, צי מיר ווילן רוען א ביסל. ער נעמט מיך פארן אָרעם, איך זאָל מער נישט פאלן, און מיר גייען איצטער לאנגזאם און פאָרזיכטיק.

נאָך א פּאָר שעה גיין קומען מיר צו צו א קליין, הילצערן הייזל. מען פירט אונדז אהין אריין און מיר בלייבן דאָרט ביז אינדערפרי. אין גאנץ קליינעם פּאָדער־צימערל שטייט אויף דער וואך א זעלנער. אין צווייטן, גרויסן צימער, ליגן אויסגעלייגט אויף שטרוי צענדליקער ארעסטירטע. ערגעץ אין א ווינקל קאָפּטשעט א קליינינקער נאפט־לעמפּעלע אָן א גלעזל. די לופט איז אָן עיפּושדיקע.

איך בעט דעם זעלנער, דערלויבן מיר זיך צוזעצן אין פּאָדערצימערל אויפן קליינעם פארמאכטן פענסטערל מיט די אויסגעהאקטע שויבן.

ס'איז זייער קאלט און פייכט. דער זעלנער, וואָס שטייט אויף דער וואך, שפּייט נאָכאנאנד נעבן זיך און ווישט די נאָז מיטן ארבל. אינדער־פרי איז פון זיין שפּייען געוואָרן א גליטש א האלב רונדער.

ס'איז ארום 9 פרי. מען שטעלט אונדז אויס, אלע ארעסטירטע, א

מאן 150 צו 4 אין א ריי און מען הייסט גיין פאַראויס — דאָס פירט מען אונדז אין שטאַב אריין, א 24 קילאָמעטער פון דאנען. פּאָר אונדז פאָרט א פור, איינגעשפּאַנט אין א קליאטשע. דאָרט ליגן אונדזערע וואַליזקעס און פּעק. אויך א פּאָר אַלטע לייט און קאַליקעס, וועלכע קענען נישט גיין צופוס, זיצן אויף דער פור.

אונדז פירט איין זעלנער. די גרופּע ארעסטירטע איז א פאַרשידנ־אַרטיקע. צווישן אונדז געפינען זיך פּויערישע קינדער פון 10 יאָר, וועלכע זענען געגאַנגען פון זייער דאָרף אין א צווייטן אויסטוישן פּראָדוקטן ביי זייערע קרובים. מען האָט זיי ארעסטירט אלס „שמוגלער". עס זענען פאַראַן אויך אמתע שמוגלער. עס שלעפּן זיך מיט אונדז דורכן שניי גאַנץ באָר־וועסע אַלטע פּויערים און פּויערטעס, דאָ זענען פאַראַן חלוצים און אַנ־דערע. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אז דורכמאַרשירן מיט אַזאַ גרופּע אין שניי 24 קילאָמעטער איז נישט פון די לייכטע זאַכן, און איך האָב דעם גאַנצן טאָג נישט איין מאָל באַוואונדערט די גוטמוטיקייט און געדולד פון דעם רוסישן זעלנער. פרישטיק האָט ער אפשר געגעסן, אָבער קיין מיטאָג האָט ער נישט, פּונקט ווי מיר אַלע.

די פּויערים פון די דערפער, דורך וועלכע מיר שפּאַנען, רוקן זיך ארויס פון זייערע כאַלופּעס, קוקן אונדז נאָך מיט רחמנות און שאָקלען מיט די קעפּ. די אַלטע פּויערטעס ווייזן אויף זייערע באָרוועסע פיס און וויינען הויך, וואָס מען שלעפּט זיי אַזוי ווייט פאַר גאָרנישט.

—ווי וועלן מיר, וויינען זיי, שפּעטער קומען צוריק אהיים? מיר קענען דעם וועג נישט, און מיר האָבן דאָך נישט ביי זיך קיין פּרוטה צוריק צו פאָרן. איר זעט דען נישט, אז מיר זענען ארויס פון אונדזערע היימען נאָר אויף א ווײַלע?!

ערשט ביינאַכט קומען מיר צו צום שטאַב, וועלכער געפינט זיך אין דעם פריערדיקן פּאַלאַץ פון דעם רייכן יידישן פּריץ וואַגנער.

מיר קומען אריין אין א קליין, פיין צימערל, דער זעלנער הייצט אָן דעם אויוון, עס ווערט וואַרעם. די ארעסטירטע זעצן זיך אוים אויף בענקלעך, די פּויערים שלעפּן אראָפּ זייערע שטיוול, ציען אויס זייערע שמוציקע, נישט געוואַשענע פיס און באַלד כראָפּען זיי.

איינער פון די ארעסטירטע —א יונגער ציוניסטישער אינזשעניער—

האָט מיט זיך א פידל; ער דערציילט מיר, אז ער קען נישט לעבן אָן איי־גענער מוזיק. לויפנדיק דורך די וועגן פון פוילן, האָט ער געקויפט אָט די פידל ביי א בעטלער, וואָס איז געלעגן פארן קאָשטשיאָל. דווקא דאָ איז אים באפאלן די מוזע און ער מוז איצטער אויספּרוווון די פידל. דער זעל־נער דערלויבט אים, און ער נעמט זיך שפּילן. די פויערים עפענען אויף מיילער און אויגן. חברה הייבט אָן זינגען — און פארגעסט זיך, ווו זי געפינט זיך. „אונדזער" זעלנער באגלייטער איז לכתחילה געגאנגען ברענ־גען ברויט מיט טיי פאר אונדז; אָבער אזוי ווי דאָ איז געוואָרן אזא פריי־לעכע שטימונג, הייסט עס, אז אונדז איז גוט אויפן הארצן — באקומען מיר שוין גאָרנישט. מען פירט אונדז אַלעמען איבער אין אַן אלגעמיינער, אויך צייטווייליקער תפיסה, ווו מיר טרעפן שוין הונדערטער ארעסטירטע.

דאָ בלייבן מיר א גאנצע נאכט. אין משך פון דער נאכט רופט מען ארויס די ארעסטירטע גרופּנווייז צו דער אויספאָרשונג. איך ווייס נישט, וואָס צו זאָגן. צווישן די ארעסטירטע געפינען זיך אזעלכע, וואָס זענען דאָ שוין נישט דאָס ערשטע מאָל, און זיי ראטן מיר צו זאָגן, אז איך בין גאָר געגאנגען פון ליטע קיין רוסלאנד; ממילא וועלן מיך די רוסן שיקן צוריק אין ליטע. אזוי זאָגן זיי, האָבן מיר זיך שוין א סך מאָל גערא־טעוועט.

איך פרעג ביי דעם שוויינדיקן בחור, אָבער פון אים באקום איך נישט קיין ענטפער. אָט איז צוריקגעקומען פון דער אויספאָרשונג דער ציוניסט מיט זיין שוואנגער ווייבל, דער, וואָס האָט זיך מיט מיר אזוי דערפרייט, ווען ער האָט מיך דערזען דאָס ערשטע מאָל. איך וויל זיך ביי אים דערוויסן, ווי עס זעט דאָרט אויס. אָבער ער שאָקלט זיך אָפּ פון מיר:

—דאָ קען איך אייך נישט. איך האָב א שוואנגערע פרוי. איך האָב זיך פאָרגעשטעלט. מען האָט ביי אונדז קיין געלט נישט צוגענומען, אונדז וועט מען געווים ארייַנלאָזן אין ליטע.

אזוי מורמלט ער אָפּ און ער רוקט זיך פון מיר אָפּ ווייט, מיט גאווה. אוי, האָב איך דעמאָלט באדויערט, וואָס איך בין נישט שוואנגער; דאָס פּאָרל נוצט טאקע אוים אויף יעדן שריט און טריט די שוואנגערשאפט. וויצלען זיך דערווייל די ארעסטירטע און שמועסן צווישן זיך, אז דער יונגערמאן מאכט א „קאריערע" מיט דעם ווייבס שוואנגערשאפט...

איך גיי אויף דער אויספאָרשונג דורך דעם וווּנדערבאַר שיינעם פּאַלאַץ, ווו יעדער ווינקל דערציילט וועגן עסטעטיק און זאָרגפולער באַ־קוועמלעכקייט. איך קום אַריין אין אַ קאַנצעלאַריע, באַגריס זיך, ווייז מיין פּאַס, און דערצייל דעם אמת, אַז איך מוז זיין אין ליטע, ווייל פון דאַנען האָב איך נישט קיין מעגלעכקייט אַהיימצופאָרן; איך קען זיך אַפילו נישט צונויפשרייבן. איך בעט דערביי העלפעד, נישט שווערער מאַכן מיר דעם וועג.

דער אָפיציר הערט מיך מיט געדולד אויס, הייסט מיך ווייזן מיין געלט, און ווען איך לייג אַנידער מיין ביסל קליין־געלט מיט אַ האַלבן ענג־לישן פונט, פרעגט ער מיך, צי איך האָב נישט ווו באַהאַלטן נאָך געלט.

אַ פאַרוווּנדערטע פרעג איך:

—פאַר אַיִיך באַהאַלטן? פאַר די דייטשן האָב איך עס געטון, ווייל יענע גנבענען; אָבער פאַר אייך? וואָס האָב איך דען פאַר אייך מורא צו האָבן?

איך האָב בפירוש געגלויבט אין דעם, וואָס איך האָב געזאָגט.

אָבער צו מיין פאַרוווּנדערונג נעמט ער דעם האַלבן פונט, און אַ פאַרשעמטער מאַכט ער צו מיר: ליידער מוז איך ביי דיר דעם האַלבן פונט קאָנפיסקירן, ווייל קיין אויסלענדישע וואַליוטע טאָר מען נישט אַרויספירן.

איך בעט אים, ער זאָל מיר לאָזן די נישטיקע סומע, ווייל איך האָב דאָך מער קיין געלט נישט. ער גייט אַריין אין דערבייאיקן צימער. איך הער, אַז ער באַראַט זיך מיט וועמען און קומט צוריק:

—ליידער, ס'איז ביי אונדז אַזאַ פאַראָרדענונג!

דער זעלנער עפנט מיין וואַליזע, נעמט אַרויס פון דאָרט מיצקיע־וויטשעס אַ בוך, באַקוקט עס לייענענדיק, לייגט עס צוריק, און אָן אַ רע־וויזיע גיי איך צוריק צו דעם רעשט אַרעסטירטע.

צווישן די אַרעסטירטע איז פאַראַן אַ היבש ביסל קריסטלעכע און יידישע בורזשויען. זיי זיצן אויף נאַנצע הויפנס זעק, פעק, צוזאַמען מיט זייערע משפּחות, און נעבן זיי, — די פּויערים, וועלכע האָבן זיי געפירט אויף זייערע וועגענער. איין יידיש פאַרפאַלק דערציילט מיר, אַז מען האָט ביי זיי צוגענומען בעת דער אויספאָרשונג אַ פּאָר הונדערט דאָלאַר, ווייל

מען טאָר נישט פירן קיין פרעמדע וואַליוטע; אנדערע דערציילן, אז מען האָט ביי זיי צוגענומען די זייגערלעך, וואָס זיי האָבן געטראָגן אויף די הענט, ווי אויך די בריליאַנטענע פינגערלעך. ווייזט זיך ארויס, אז די בור־זשויען האָבן פּאָרט פאַרהאַנדלט ביי דער אויספאָרשונג, אוועקגעגעבן פּריי־וויליק א טייל פון זייער געלט און צירונג, — דערפאַר לאָזט מען זיי פריי, דערלויבט אפילו צו דינגען פורלעך, זיי זאָלן קענען מיטנעמען זייערע שווערע פּעק.

ביי איין פרוי האָט מען קאָנפיסקירט א גרויסע סומע דאָלארן. ווען זי האָט אָנגעהויבן וויינען, אז זי איז מיט א קינד, האָט מען איר אומגע־קערט א גרויסן טייל און צוגעגעבן א ביסל ליטוויש קליינגעלט, זי זאָל האָבן ביי דער גרענעץ. ביי א שיינעץ האָט מען צוגענומען 400 זלאָטעס, ווייל ער האָט זיי געהאַלטן פאַרשטעקט. אזוי האָט מען אַלעמען אויסגע־לײדיקט, יעדן — מיט אַן אנדער תירוץ. אזוי איז אדורך א גאַנצע נאַכט. צומאָרגנס פרי בעטן די ארעסטירטע עפּעס עסן, און ווען דער זעלנער הערט, אז א סך פון אונדז ווילן באַצאָלן, לאָזט ער אריין א פּויער מיט פרישער מילך, זויער־מילך, מיר זאָלן קויפן. דער פּויער גייט צוריק מיט ליידיקע בלעכן, אָבער א היבש ביסל ארעסטירטע זענען געבליבן הונגעריק. די בורזשואזע משפחות האָבן אויסגעלייגט אויף די בענק ווייס ברויט, סאַרדינען, ווורשט, אויסגעקויפט די בלעכן מילך. די רעשט איז געזעסן און צוגעקוקט...

איז דער וועכטער אוועק, געבראַכט מיט זיך שוואַרץ ברויט, טיי אָן צוקער, און זאָרגפעליק צעטיילט די, וואָס האָבן קיין אייגן עסן נישט פאַר־מאָגט.

שפּעטער־צו רופט מען אויס א גרויסע גרופּע, צווישן זיי — דאָס פּאָרל מיט דער שוואַנגערער פרוי און אויך מיך. מען שטעלט אונדז אַלע־מען אוועק אויף א הויף, דערנעבן צוויי וועגעלעך, אָנגעלאָדן מיט די בורזשואזע פּעק. אונדז, קבצנים, זאָגט מען בפירוש: איר קענט שלעפּן אייערע פּעק אָדער וואַליזעס, ווי איר האָט זיי געשלעפּט ביז אהער. און אַן אָפיציר — טאַקע דער, וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער אויספאָרשונג, זאָגט אונדז מיט א גוט געלעכטערל:

—נו, איצטער קענט איר אייך אַלע, וואָס ווילן גיין אין ווילנע, גיין

אייער וועג. איך וועל אייך, נישט נאָר נישט שטערן, נאָר, אדרבא, געבן אָנווייזונגען. אונדז איז דערעסן אייער שלעפּן זיך אין די פינסטערע נעכט. א סך פון אייך זענען שוין דאָ דאָס ווּיפלטע מאָל, און איך וואָרן אייך: צוריק אריין אין רוסלאנד וועל איך אייך נישט לאָזן. איך וועל אייך יעדעס מאָל צוריקשטופּן.

אזוי ווי ער רעדט, קומען צו לויפן פון וועג א יונג מיידל מיט א יינגל, „חלוצים", זייערע האָר זענען צעשויבערט, זייערע פּנימער פאַרשוויצט, און עס גיסט זיך פון זייערע מלבושים וואסער, ממש ווי פון א קראַן. דער אָפיציר כאַפּט זיי ביי די הענט, זאָגנדיק צו אונדז:

—אָט לויפן זיי שוין אהין און צוריק דאָס פערטע מאָל, די ליטווינער לאָזן זיי נישט אריין און אויך איך לאָז זיי נישט צוריק. היט אייך, ווענדט ער זיך צו אונדז, און זאָל אייך געלינגען דאָס מאָל אדורכגיין — איך וויל אייך העלפן און איינברענגען דאָס לויפן אהין און צוריק. הערט זיך איין: קוקט זיך איין אין דעם טיפן וואלד, וואָס שטייט אנטקעגן דעם ברייטן וועג. איר דאַרפט נאָר איבערלויפן לענג־אויס דעם וואלד א 15 מינוט — זענט איר שוין ביי אייער ציל.

מיר, רוסן, האָבן באמערקט, אז די ליטווינער היטן שטארק נאָר פאַרנאכט און פאַרטאָג. האָבן מיר באשלאָסן איבערשיקן אייך איצטער; ס'איז ארום צוועלף, און זיי זענען געווים געגאנגען עסן מיטאָג.

ער קוקט דורך א לאָרנעטע, זאָגנדיק:

—נו, רירט אייך. ער שטעלט אויס די ערשטע גרופּע, דאָס זענען פינף פּוילישע זעלנער, וואָס זענען געווען פאַרוואונדעט אין קריג, זיי זענען נאָר וואָס ארויס פון שפּיטאָל. אלע זענען זיי גאנץ יונגע, איינער איז אָן א פוס, מען האָט אים נאָר וואָס אראָפּגענומען פון דעם פּויערישן פורל, ווו ער איז געלעגן אויף שטרוי; ער שפּארט זיך אונטער אויף צוויי פּשוטע שטעקנס, קוים וואָס ער האלט זיך אויפן פוס, און ביי יעדן טריט ווערט זיין פּנים אויסגעקרימט, און ער זעט אויס ווי א קליין קינד פאַרן וויינען. נאָך אים קומען די אנדערע פיר זעלנער.

—מיר וועלן זען, זאָגט דער אָפיציר, צי די וועכטער וועלן שיסן אויף א קאַליקע.

מיר אַלע שטייען, קוקן זיך איין און זעען, אַז די ערשטע גרופּע גע־פינט זיך שוין אין וואַלד. דערנאָך גייט אַרויס די צווייטע גרופּע — דאָס נאָר־וואָס צוריקגעקומענע פּאָרל, נאָך אַ פיר יונגוואַרג און איך. דער אָפי־ציר זאָגט אונדז נאָכאַמאָל אָן, נישט רעדן צווישן זיך און זיך שטיל באַוועגן.

מיר לויפן שנעל אַדורך דעם ברייטן וועג, קומען אַריין אין וואַלד. עס דאַכט זיך אונדז, אַז אויפן וועג שטייט אַ וועכטער, לויפן מיר טיף אין וואַלד. יעדער לויפט באַזונדער. אין פינף מינוט שפּעטער, האָב איך שוין פאַר זיך נישט קיין שום מענטשלעך געשטאַלט; איך געפין זיך אַליין אין דעם ריזן־וואַלד. איך לויף פאָראויס; אָבער דאָס איז פאַר מיר אַ שווע־רע זאַך. דער וואַלד איז אַ גאַנץ אַלטער און אַזאַ געדיכטער, אַז ס׳איז שווער זיך צו באַוועגן אין אים. איך מוז זיך העלפן מיט הענט אָוועקשטופּן די ברייטע צווייגן וואָס הענגען אַראָפּ פון די ביימער ביז דער ערד. אונטער די פיס ליגן דערנער, בלעטער אַ פּאָר איילן הויך. אַלעס איז דורכגענעצט, און ווען איך באַוועג זיך, שטעכן מיר די צווייגן די אויגן, פּאַרטשעפּען און רייסן מיין וואָלן טיכעלע פון קאָפּ, די בלעטער און שטעכערס כאַפּן מיך אַרום און עס ווערט אַזאַ רעש, אַז מיר דוכט, מען הערט אויף מיילן.

איך בין אויסגעמאַטערט און שרעקלעך מיד פון די שלאָפלאָזע נעכט,די וואַליזע איז דורכגענעצט און איז דערפאַר שווערער; איין האַנט איז אינגאַנצן צעקאַליעטשעט, די ווונדן אויף איר ברענען שטאַרק, און איך מוז זיך מיט איר פאַרשטעלן פון די שטעכעדיקע צווייגן; קען איך דערפאַר די וואַליזע טראָגן נאָר מיט איין האַנט די גאַנצע צייט. איז כאָטש איך הער זיך איין אין דעם רויש, כדי צו וויסן, ווו מיין חברה געפינט זיך, אָבער נאָכיאָגן זיי קען איך נישט. די וואַליזע פאַלט מיר יעדע ווײַלע פון דער האַנט און איך מוז זיך אָפּרוען. מיר דוכט, אַז איך לויף שוין אַזוי שעהן, דער וואַלד איז אַלץ טיף און פינסטער, און מיר שיינט, אַז אָט־אָט פאַלט־צו די נאַכט און איך וועל בלייבן אַליין. וואָלט איך זיך כאָטש געקענט צוזעצן. אָבער אַלעס אַרום איז נאַס. לויף איך ווייטער און אין לויף שפּריצט אויף מיר יעדע ווײַלע בלאָטע, ווי פון אַ זומפּ, אָדער עס פּלאַצט אונטער די פיס די דינע שיכט אייז, וואָס זעט־אויס ווי דין גלאָז.

פאַרזיכטיק דערנענטער איך זיך צום וועג, א קוק טון, ווו איך גע־פין זיך. דער וועג איז א פוסטער, נאָר איין דאָרפיש הייזל שטייט. טראכט איך, וווינט דאָ דער וועכטער? מיך באמערקט א דאָרפיש שיקסל, זי ניט א לאַך און רופט איר חזיר: א טשו! א טשו! איך באהאלט זיך שנעל אין וואלד אריין. די פליטים האָבן זיך אזויפיל אָנדערציילט וועגן די פויערים, וועלכע גיבן־איבער מענטשן די וועכטער אין די הענט, באקומענדיק דער־פאַר פון יענע א באלוינונג. דאָס שיקסל קען, זעט אויס, גוט דעם וואלד; אָט איז זי שוין ווידער נעבן מיר, איך אנטלויף פון איר, זי — נאָך מיר. איך זע קיין חזיר נישט, אָבער זי מאכט אַן אָנשטעל און שרייט נאָכאנאנד, נאָכלויפנדיק מיר: א טשו! א טשו!

נאָך א פאַר מינוט יאָגן זיך, רופט זי זיך אָן צו מיר אויף פויליש:

—נע! א שיינע זאך. איין פרוי זאָל גאָר אנטלויפן פון א צווייטער. וואָס האָסטו מורא פאר מיר? קום אריין צו מיר אין דער כאלופע, וועסטו זיך א ביסל אויסרוען און גיין דיין וועג ווייטער.

איך פרעג זי, ווו מיר געפינען זיך. זי זאָגט מיר, אז דאָס איז שוין די ליטווישע זייט. זי איז א פוילישע. איך ווייס סיי ווי סיי ניט, וואָס מיט זיך צו מאכן, ווו זיך צו ווענדן — גיי איך מיט איר. ביי זיי איז היימיש, ווארעם און שמוציק. אין דעם איינעם גרויסן צימער וווינט אַן אלטע מאמע מיט אירע צוויי זין.ביידע האָבן ווייבער און קינדער. איך האָב ביי זיך נאָר א פּאָר גראָשן, האָב איך מורא, וואָס עס איז ביי זיי צו בעטן. איך בין זיכער, אז זיי זענען גאַנץ אָרים. אָבער די יונגע שיינע פויערטעס שטעלן פאר מיר אנידער קוכן, פוטער, קעז, טיי מיט צוקער. איך זאָג זיי טאקע באלד, אז איך האָב קיין געלט נישט, אז זיי זאָלן מיר עצהן, וואָס צו טון, ווייל איך וויל נישט ווארטן, ביז די נאכט וועט צופאלן; איך זע, אז עס איז שוין 4 נאָכמיטאָג, און ארום 6 איז נאכט.

זיי לאַכן אלע: איז דען מעגלעך, אז א דאמע מיט אזא שיינער וואַ־ליזע און אָנגעטון שטאָטיש זאָל קיין געלט נישט האָבן?

ביי איינער פון די פויערטעס האָב איך געפונען חן, און זי זאָגט מיר:

—ווען עס איז אמת, אז דו האָסט קיין געלט נישט, וואָלט איך דיר נעראָטן ארויסגיין פון דאנען, אפשר וועסטו זען וועמען פון דיינע באַ־קאנטע. זיי לויפן דאָ נאָכאנאנד, — וועסטו גיין מיט זיי צוזאמען.

מיר געפּעלט די עצה. כ'נעם די וואַליזע. אין דעם מאָמענט עפנט זיך די טיר און עס קומט אַריין זייערער אַ זון, אַ פּויער פון אַ יאָר 30. ער איז אָנגעטון ווי אויף אַ חתונה, מיט אַ זיידענעם קראַוואַט. אויף דער האַנט טראָגט ער אַ שיינעם גאָלדענעם זייגער. ער גיט אויף מיר אַ קוק. זיי זאָגן אים עפּעס אויפן אויער, און ער זאָגט מיר: אַט קודם וועל איך דיר העלפן זוכן דיינע. די וואַליזע לאָז דערווייל, דו וועסט קומען נאָך איר שפּעטער.

מיר גייען אַרויס. מען זעט קיינעם נישט אַרום. דער פּויער זאָגט מיר: —מיר מוזן זיין פאָרזיכטיק, דער פאַרשאָלטענער וועכטער זאָל אונדז נישט פּאַקן, ווייל דעמאָלט באַקום איך מיין חלק.

ער שלעפּט מיך דורך זומפּן און וואַסערן, ביז איבערן קאָפּ. פּלוצים פאַלט מיר איין, אַז ער פאַרפירט מיך ספּעציעל, כדי מיך פּטור צו ווערן. און אפשר שלעפּט ער מיך גאָר צו דער וואַך? איך לויף אַרויס פון וואַסער.

— ניין! איך גיי צוריק. איך וועל ליבער קוקן דורך אייער פענסטער.

מיר קומען צוריק אין דער כאַלופּע. די קינדער שפּילן זיך מיט מיין וואַליזע און זיי אַלע קוקן אויף איר מיט נייגיר. זיי ווילן זען די וווּנדערבאַר שיינע זאַכן, וואָס אַזאַ גרויסשטאָטישע פרוי פירט מיט זיך. איך עפן־אויף די וואַליזע. זייער אַנטוישונג איז גרויס. איך גיב זיי אַוועק אַלעס, וואָס איך פאַרמאָג, אַלעס איז פאַר זיי אַ נייעס. אַלעס האָט אַ ווערט.

עס לויפט אַדורך אַ שעה. איך זע קיינעם פון די, וועלכע זענען מיט מיר געזעסן אין אַרעסט, און כ'ווייס נישט, וואָס מיט זיך צו טון. ווען דו האָסט צו באַצאָלן, זאָגט מיר דער פּויער, וואָלט איך פאַרטאָג געשפּאַנט דאָס פערד און דיך צוגעפירט צו דער באַן־סטאַציע, וואָס פירט קיין ווילנע. אָבער אָן געלט קען איך דאָך מיין צייט נישט פּטרן. די אַלע, וואָס קומען צו אונדז צו לויפן, באַצאָלן זייער שיין דערפאַר.

זיי ווייזן מיר זייגערלעך, זיידענע וועש, זיידענע זאָקן און אַנדערע זאַכן, וואָס זיי האָבן באַקומען.

דערווייל ווערט פינסטער און זיי זאָגן מיר: פאַרפאַלן, דו מוזט דאָך ביי אונדז בלייבן נעכטיקן, מיר ווילן דיך נישט לאָזן אַליין אין דער פינסטערער נאַכט, פאַרטאָג וועסטו דיר גיין. מען מאַכט מיר אַ גאַנץ גוט

געלענער, אָבער מיר שלאָפט זיך נישט די נאכט. אויך זיי שלאָפן נישט, און א גאנצע נאכט דרייען זיי זיך ארום. זיי האָבן אָנגעצונדן א קליין ליכטל, איך ניב א קוק, עס איז ערשט פיר אזייגער. זיי פרעגן מיך, צי איך גיי שוין. איך גיי ארויס פאר דער טיר, אָבער איך זע איצט אפילו נישט, ווו א פוס צו שטעלן און קוים איך טרעף צוריק אין שטוב. אזוי פינסטער איז נאָך. צו דער נאָענטסטער באן־סטאציע, וואָס פירט קיין ווילנע, איז 27 קילאָמעטער. איך בין באמת פארצווייפלט. די הענט ברענען מיר פון שלעפן די נאסע וואליזע. די סקאלעטשעטע האנט טוט ווי. קיין ליטוויש געלט האָב איך נישט. ביים אָנטון זע איך, אז זיי האָבן ביי מיר צוגע־שלעפט טיילן פון מיין אָנטון: א פאסעק, א קראוואט. איך מאך זיך נישט וויסן. כ׳בעט זיי, זיי זאָלן מיר כאָטש ווייזן דעם וועג. אלע שווייגן. עס הייבט זיך אויף די אלטיטשקע מוטער און זאָגט:

—ווען איר האָט נישט גאָט אין הארצן, מוז איך דאָך פאר אייך בעסער זיין.

זיי שטעלן פאר מיר אנידער מילך, ברויט, פוטער, זיי לאָזן מיך נישט אוועק, ביז איך עס נישט. זיי ווינטשן מיר א גוטן וועג. די אלטיטשקע נעמט מיין וואליזע אויף אירע אלטע פלייצעס, צוהאלטנדיק זי מיט א שטריק, ווי א טרעגער, און מיר שפאנען. עס איז נאָך כמעט פינסטער, די נאכט טוישט זיך מיטן טאָג. ארום זעט מען קיינעם נישט. דער וועג איז א שווערער, ווייל ס׳איז שרעקלעך נאס. די אלטע גייט ווי א יונגע, און איך שלעפ זיך נאָך איר, ווי אַן אלטיטשקע, קוים איך הייב די פיס. פוסט איז דער וועג, דורך וועלכן מיר גייען, מען זעט נישט קיין הויז ארום. ענדלעך בלייבט די אלטיטשקע שטיין:

— אָט בין איך מיט דיר געגאנגען א גרויס שטיק וועג. איך האָב דיך שוין ארויסגעפירט אויפן שליאך, און איצט וועסטו אזוי גיין גלייך ווייטער מיטן שליאך, שפעטער וועסטו עמיצן פרעגן.

איך דאנק איר פאר איר גוט הארץ און בלייב אליין.

איך שלעפ זיך א צייט. איך זע קיין מענטש נישט פאר זיך. איך פיל, אז דאָ ענדיקט זיך פאר מיר שוין אלץ. ווייטער גיי איך נישט. איך בלייב שטיין. עס פאָרט דורך א פויער און ווענדט זיך צו מיר:

—נאָך וואָס שלעפסטו זיך? צו דער באן קיין ווילנע וועסטו שוין

נישט באווייזן; גיי אריין צו מיר אין דער כאַלופּע, אַט דאָ אנטקעגן, וועסט איבערוואַרטן. ביי מיר זענען פאַראַן נאָך אנדערע אזעלכע ווי דו, און איך וועל דיך צופירן צו דער מאָרגנדיקער באַן צוזאַמען מיט יענע. די באַן גייט־אָפּ פאַרטאָג.

ער פאָרט ווייטער.

איך בין זיכער, אַז ביי אים אין שטוב וועל איך טרעפן וועמען פון די, וועלכע זענען מיט מיר צוזאַמען געזעסן. אָבער דאָרט געפין איך ליי־דער א גרופּע קריסטן, וועלכע ליגן אין די פּויערישע בעטן. אַלע קרעכצן, און זייערע פּנימער זעען אויס גאַנץ אומהיימלעך. אין בעט ליגט א יונגער קריסט, וועלכן זיי רופן „פּאַניע אינזשיניעזשע". ער קרעכצט שטאַרק. ער האָט דעם פוס שטאַרק צעקלאַפּט ביים לויפן. ליגט ער און קען זיך נישט רירן.

איך זעץ זיך אויף א באַנק. אויף דער צווייטער באַנק ליגט א יונ־גער שייגעץ. ס'איז דער, ביי וועמען מען האָט צוגענומען די 400 זלאָטעס און וואָס איך האָב אים געגעבן א פּאָר גילדן. די שטוביקע קוקן אויף מיר און זאָגן:

—מיר האָבן געזען דורכן פענסטער, ווי דו שלעפּסט זיך קוים, האָבן מיר טאַקע ארויסגעשיקט צו דיר דעם פּויער און געהייסן דיר דאָ אריינ־קומען. דו ווילסט דאָך געווים קיין ווילנע?

איך שאָקל מיטן קאָפּ אויף יאָ, דאַנק זיי. זייערע פּנימער זעען מיר אויס צו זיין אזעלכע פּראָסטע, און איך בין זיכער, אַז ווען זיי וועלן זיך דערוויסן, אַז איך האָב קיין געלט נישט, וועלן זיי מיך באַלד צוריק ארויסבעטן.

דער יונגער שייגעץ דערציילט זיי, אַז איך האָב אים ממש געראַ־טעוועט, מיט די נישטיקע פּאָר גילדן, וואָס איך האָב אים געגעבן. אויך ער איז געבליבן אליין לויפנדיק. און אים האָט א שייגעצל צוגעפירט ערגעץ פאַר דעם געלט.

עס ווערט פאַרנאַכט, עס קומט דער באַלעבאָס פון דער דירה, טאַקע דער, וואָס האָט מיך איינגעלאַדן צו זיך. זיי הייבן אָן פאַרהאַנדלען וועגן דער ווייטערדיקער נסיעה. איך הער, אַז דאָס דאַרף קאָסטן א פּאָר הונ־דערט גילדן. איך ווענדע זיך צו דעם קריסט, וועלכער ליגט אין בעט מיטן

קראנקן פוס, און איך זאָג אים: הער זיך איין, איך האָב צו דיר א ביטע. איך האָב ביי זיך קיין געלט נישט, נאָר א גאָלדן זייגערל און אנדערע קלייניקייטן. איך וועל דיר דאָס אוועקגעבן. דו ליג פאר מיר אוים, און אין ווילנע וועל איך דיר צוריקגעבן מיט דאנק. ער קוקט אויף מיר פאר־וואונדערט.

— אך! וואָס רעדסטו? איך וואָלט ביי דיר גענומען א משכון? אָבער אָט אָ די דאמע איז אונדזער קאַסירשע, — ווענד זיך צו איר.

אויך איר ליג איך פאָר דאָס זעלבע. זי הייבט־אָן לאַכן:

—דו לאכסט פון אונדז?! זענען מיר דען יידן, מיר זאָלן נעמען משכנות? פאָרסט מיט אונדז! מיר זענען זעקס, וועסטו זיין די זיבעטע. וועסט ווע לן און וועסט האָבן, וועסטו אונדז צוריקגעבן. אויב נישט — דארף מען נישט. אָט דעם יונגן מענטשן, וועלכער איז געווען מיט דיר ארעסטירט, האָבן מיר דאָך אויך גענומען אויף אונדזער חשבון. אים האָבן מיר צו פארדאנקען דאָס לעבן פון דעם אינזשעניער. ווען דו וואָלסט געזען, ווי אזוי ער האָט אים געטראָגן אויף זיינע פּלייצעס אין די זומפּן, ווי ער האָט געשלעפּט אונדזערע שווערע וואַליזעס...

פאר מיינע אויגן גייען אדורך די סילוועטקעס פון ציוניסט מיט זיין שוואנגערער פרוי, וועלכע האָבן געוווסט, אז איך האָב קיין געלט נישט, און מיך געלאָזט אויף גאָטס באַראָט; פון דעם „ליטעראַט", וואָס האָט מיך אזוי גלענצנד „איינגעאָרדנט" ביים אדורכגיין די גרענעץ, פון דעם שוויי־גנדיקן יידישן בחורל. איך שעם זיך און פריי זיך, אז ז יי, די קריסטן, ווייסן דאָס נישט, אז זיי קענען יענע נישט.

די באַן גייט־אָפּ ארום 5 פארטאָג. מיר דארפן ארויספאָרן פון דאַ־נען אינמיטן דער נאכט. מיר עסן אָוונט־ברויט: קאַרטאָפל מיט פּוטער מיט זויער־מילך. זיי באַצאָלן פאָראויס פאר אלעם. מען מאכט אונדז א נעלע־גער פון שטרוי אויף דער ערד.

אלע לייגן זיך, איינער נעבן דעם צווייטן, ווי איינענע שוועסטער און ברידער אין א צרה. מען באָרגט זיך מאַנטלען, קאָצן. מיר געזעגענען זיך הארציק מיט די אמת טייערע דאָרפישע מענטשן און אינמיטן דער נאכט לאָזן מיר זיך אין וועג. דאָס איז געווען דער ערשטער פראָסט אין ליטע. אונדזערע פּיס פרירן. דער אינזשעניער מיטן קראנקן פוס קרעכצט

שטאַרק, אז ער וועט נישט דערפֿאַרן. קיינער איז נישט געווען צוגעגרייט צו אזא קעלט. מיר קריכן אַראָפּ פֿונעם וואָגן און לויפֿן, כדי זיך אָנצוווארעמען. אייניקע וויינען פֿאַר קעלט. זיי זענען אָנגעטון אין טייערע רייכע פֿוטערס, איך — אין א דינעם מאַנטל. דער גאַנצער וועג גייט דורך אין שרעק און אין פּיין. דער פֿויער פֿאָרט שטיל און פֿאַרזיכטיק, ער האָט מורא אפילו דאָ, מען זאָל אונדז נישט פּאַקן, און ראַט אונדז צו קומען צו דער באַן דירעקט פֿאַר איר אוועקגיין — מען זאָל אונדז פֿריער נישט באַמערקן. איך זיץ נעבן דעם פֿויער, ער דערציילט מיר שטיל, וואָס פֿאַר א גוטע צייטן עס זענען דורך. אָט זעסטו, זאָגט ער, איך בין געווען צענדליקער יאָר דער פֿורמאַן ביי דעם רייכן פּריץ וואַגנער. ווי גוט איז מיר דאַן געווען. אוועק יענע טעג. איך דערמאָן זיך, זאָגט ער, ווינטער, ווען אין פּאַלאַץ פֿלעגן קומען געסט, יונגע חברה, פֿאַרברענגען זייערע ווינטער־וואַקאַציעס. דער פּראָסט האָט געקנאַקט. דער שליטן איז געפֿאָרן, ווי אויף גלאָז, קיינער האָט זיך נישט געקענט פֿאַרגלייכן מיט מיר ביים פֿירן די פֿערד. חברה האָט זיך טאַקע דערויף געקענט. מיין פֿערד איז געלאָפֿן, ווי אויף פֿליגלען, און יעדער פֿון די געסט פֿלעגט א וואָרף טון מיר פֿאַרן פֿאָרן א גאָלדענעם 5־רובל. אָט זעט איר, זיי האָבן מיר געהאָלפֿן אויפֿשטעלן אַן אייגן הייזל, אייגן גרינס, א קו און הינער. איך האָב שוין אויסגעגעבן א פּאָר קינדער, ביז איצט בין איך מיר א פֿרייער מענטש געווען. און איצטער קומען גאָר די באָלשעוויקעס, זיי רעדן וועגן באַפֿרייאונג פֿונעם פֿויער און אין אמתן ווילן זיי גאָר ביי מיר דאָס אַלץ צונעמען. ניין! א פֿויער קען באַארבעטן טריי נאָר זיין גאַנץ אייגן פֿאַרמעג, דאָס וועט זיי קיינמאָל נישט געלינגען.

ענדלעך קומען מיר צו צו דעם באַן־הויף. אָבער דער איז פֿינסטער, געשלאָסן. וואָס טוט מען? מיר האָבן מורא דאָ צו בלייבן, מיר זענען געפֿרוירן, און אונדזער קראַנקער שרייט גוואַלד, אז די קעלט נעמט אים דעם קראַנקן פֿוס אַראָפּ. דער פֿויער דערמאָנט זיך, אז דאָ דאַרף זיין א יידישע קרעטשמע. מיר פֿאָרן צו. דער פֿויער לאָזט שטיין זיין פֿערד און פֿורל אויפֿן הויף און מיר אַלע בלייבן אויפֿן גאַנעק. מיר האַקן אין דער פֿינסטער אין די טירן, קלאַפּן מיט די פֿיס, כדי זיך דערוואַרעמען, אָבער קיינער עפֿנט נישט. ענדלעך, נאָך א לאַנגן וואַרטן, עפֿנט זיך די טיר. מען זעט,

אז אַלע האָבן זיך אין שרעק אָנגעטון, זיי פאַרענטפערן זיך, אז מיר האָבן אַזוי שטאַרק געקלאַפּט מיט די פּיס, האָבן זיי מורא געקראָגן, געמיינט, אז עס איז געקומען עפּעס אַ באַנדע. שנעל מאַכן די יידן פאַר אונדז הייסע טיי, מילך, ווייסע זעמל. זיי הייסן זיך דערפאַר זייער שיין באַצאָלן. גרויס איז זייער פאַרוווּנדערונג, ווען זיי דערוויסן זיך, אז איך בין אַ יידישע. זיי באַציִען זיך איצט צו מיר גאַנץ אַנדערש — ווי צו אייגענע.

מיר בלייבן דאָ ביז די באַן קומט. איינער פון די זין טראָגט מיר צו מיין וואַליזע ביז דער סטאַציע, גיט מיר אָנווייזונגען, צו וועמען איך זאָל זיך ווענדן אין ווילנע, מיט וועלכן טראַמוויי איך זאָל פאָרן, און טוישט מיר דאָס ביסל רוסיש געלט אויף ליטוויש געלט.

מיר געזעגענען זיך, און איך מיט מיין האַרציקער פּוילישער חברה זיצן שוין אין דער באַן. מיר אַלע פאָרן אין ווילנע. עס קומט דער קאָנ־טראָלער, צייכנט די בילעטן און גייט ווייטער.

ענדלעך בין איך פריי! קיינער יאָגט מיך נישט, קיינער שטערט מיר נישט. מיין וואַרשע — פאַרברענט, מיינע נאָענטע — געבליבן אָן היימען, נאַקעט און באָרוועס אויף הפקר ביי די נאַציס, און איך פאָר צו אַ נייעם לעבן.

איך קוק דורך די באַן־פענסטער אויף די וועגן, וואָס פירן אין דער שטאָט ווילנע. ווילנע! אַ נאָמען, וואָס איך פלעג תמיד אַרויסזאָגן מיט אַ געפיל פון דרך־ארץ און אומרו. כאָטש פון אונדזערע פּוילישע יידן פלעג איך נאָך קינדווייז הערן פאַרשידענע ווערטלעך וועגן די „קאַרגע ליטוואַ־קעס", האָט זיך מיר תמיד געדאַכט, אז דווקא די ווילנער יידן זענען שע־נערע, בעסערע, מוטיקערע אין פאַרגלייך מיט אונדזערע פּוילישע יידן. און דאָך איז אין דעם מאָמענט ביי מיר נישטאָ קיין געפיל פון פרייד, וואָס איך דערנענטער זיך צו ווילנע — די שטאָט פון אַנטיסעמיטיזם און פּאָגראָמען.

איך בין אויפן שוועל פון אַ ניי לעבן; וואָס דערוואַרט מיך דאָ? עפּעס איז ביי מיר, צוזאַמען מיטן פאַרלאָזן רוסלאַנד פאַרלוירן געגאַנגען אַ גרויסער שיינער חלום. דאָרט האָב איך אַלץ געוואַרט, געהאָפט אויף עפּעס, אפילו פערזענלעך האָב איך דאָך דאָרט געהאָפט באַקומען אַרבעט, און וואָלט זי סוף כל סוף זיכער באַקומען. דאָ —וואַרט מיך שנאָרעריי

פון פּליטים־פּאַראיין, דזשאָינט... ווי פֿיינט האָב איך דאָס אַלץ! די איינ־ציקע פֿרייד און האָפֿענונג, וואָס איז ביי מיר גראָד פֿאַרשטאַרקט געוואָרן: אפשר דאָך וועל איך זיך קאָנען פֿון דאַנען צונויפֿשרייבן מיט מיינע איי־נגנע אין ארץ ישראל. וועגן דעם, אַז עס וועט מיר אָפּגליקן און אין משך פֿון אַ פּאָר חדשים וועל איך פֿון ווילנע אַרויספֿאָרן אַהיים — האָב איך צומאָל נישט געוואָגט אפילו צו טרוימען.

איך קום אָן אין ווילנע אין אַ ליכטיקן ווינטער־פֿרימאָרגן. אויף דער סטאַציע זע איך צו מיין פֿאַרוווּנדערונג נישט קיין פּליטים; אַלע גע־שעפֿטן אין שטאָט זענען אָפֿן און אָנגעפּראָפּט מיט פֿאַרשידענע סחורות. פֿאַר מיר שטייט די פּרעכטיקע העלזוניקע הייליקע קאַטעדרע, ווי זי וואָלט וואַרטן, איך זאָל זי באַוווּנדערן.

איך לאָז זיך אויפֿזוכן דעם יידישן פּליטים פּאַראיין.

XV

ווילנע

איך קום אָן אין ווילנע אין חודש דעצעמבער, אין אַ ליכטיקן, קאַלטן פֿרימאָרגן. אַלץ אַרום איז ווייס, ליכטיק, קיין פּליטים זעט מען נישט, און נאָך ביאַליסטאָק, קאָוועל, וווּ אַלעס אַרום איז געווען ווי אָפּגעשטאָרבן, אָפּגעלאָזט און פֿינסטער — דוכט מיר אין ערשטן מאָמענט, אַז איך האָב אַריינגעטראָפֿן אין אַ גן־עדן. מיין אויג קאָן זיך נישט אָפּרייסן פֿון די שויפֿענסטער, געפּאַקטע מיט זאַכן און עסנוואַרג.

איך איל אין פּליטים פּאַראיין, וועלכער געפֿינט זיך אויף דער הויפּט־גאַס: מיצקיעוויטשאַ (שפּעטער האָבן זי די ליטווינער איבערגע־מאַכט אויף גידימינאַ). אויף די טרעפּ פֿון פּליטים־פּאַראיין טרעף איך שוין אָן אַלט באַקאַנט בילד: הונדערטער פּליטים. מען שטופּט זיך, מען שרייט און מ'האַקט מיט די פֿויסטן אין דער פֿאַרשלאָסענער טיר.

קום איך שטופּ זיך צו צו דער פֿאַרשלאָסענער טיר. איך שריי אַריין דעם נאָמען פֿון איינעם פֿון די אָנפֿירנדיקע טוער פֿון פּליטים־פּאַראיין, און ווי מיט אַ צויבער־שטעקעלע מאַכט זיך אַ ביסל אויף די

טיר און איך שטופּ זיך אריין אינעווייניק, באַגלייט מיט זידלערייען פון די, וואָס בלייבן ווייטער שטיין אינדרויסן.

פון אַלע צימערן קומען אַרויס פרײַנט, מיך צו באַגריסן: איך בין די ערשטע פרוי פון די שרייבער משפּחות, וועלכע ברענגט לעבעדיקע גרוסן פון אייגענע אינעם נאַצישן גיהנום; ס'זענען דערווײַלע מערסטנס יענע, וואָס האָבן פאַרלאָזט וואַרשע דעם 6טן סעפּטעמבער 1939.

דער פּליטים־פאַראיין האָט איינגעאָרדנט די פּליטים לויט זייער אייגענעם פאַרלאַנג, אַזוי, למשל, האָבן זיך די ציוניסטן, פּועלי ציון, בונד און אומפּאַרטייאישע געהאַט זייערע באַזונדערע פיין איינגעאָרדנטע היימען, ווו זיי האָבן געוווינט. באַזונדער זענען געווען איינגעאָרדנט פאַר די גרופּן אויך קיכן אויף מיטאָגן. ס'איז געווען אַ באַזונדערע קיך אויך פאַר ליטעראַטן־משפּחות. דער פּליטים־פאַראיין האָט געמאַכט די גרעסטע אָנשטרענגונגען צו פאַרלייכטערן דעם גורל פונעם פּליט. און פונדעסטוועגן פלעגט דאָס בלוט פאַרגליווערט ווערן, הערנדיק די געשרייען ביים פאַרטיילן מלבושים, אָדער פון די, וואָס פלעגן נאָכאַנאַנד שטיין אויף די טרעפּ.

אַ סך פון אונדז האָבן זיך איינגעאָרדנט פּריוואַט ביי ווילנער פאַמיליעס. דאָס דירה־געלט האָט געצאָלט דער פאַראיין.

אונדז פּליטים האָט זיך שטאַרק געבענקט נאָך אַ היים, און מיר האָבן אויף פאַרשידענע אופנים פּרובירט זיך שאַפן אַזאַ היים־אילוזיע. מיר פלעגן אָפט עסן אָוונטברויט צוזאַמען און פאַרברענגען די צייט ביי די פאַמיליעס, וועלכע זענען געווען גרעסערע און געהאַט פּריוואַט איינגעאָרדנטע וווינונגען; ס'האָט זיך געוואָלט אַנטלויפן פון זיך אַליין — פאַרגעסן וועגן דעם אייגענעם נומער „פּליט".

אין ווילנע האָב איך געטראָפן אַ סך נאָענטע און פרײַנט פון וואַרשע. אָט זענען צוויי משפּחות גרויסע סוחרים פון נאַלעווקעס. מיט די פרויען האָב איך געלערנט אין איין גימנאַזיע. שפּעטער האָבן מיר איבערגעריסן די באַציאונגען, אָבער געבליבן פרײַנט. זיי אַלע זענען הויכע, גלייכע, שיינע, און ווען זיי פלעגן שבת נאָכמיטאָג שפּאַצירן אין וואַרשע, האָט מען געמוזט אויף זיי קוקן. דאָ אין ווילנע האָב איך זיי געטראָפן עסן מיטאָג אין דער אַלגעמיינער קיך פאַר פּליטים. ווי זיי האָבן זיך געענדערט! איינגעקאָרטשעטע, קליינע, אַפּגעלאָזענע. כאָטש עס קומען אָן

בריוו פון א סך, ווייסן די מענער גאַרנישט וועגן זייערע, און ווען איך פאַרזיכער זיי, אז איך האָב זייערע אייגענע געזען נ אָ ך דער באָמבאַרדירונג, באַקומען זיי ספּאַזמען פאַר פרייד.

אָט איז מיין פריינט, גוטגעשטאַלט, דער בונדיסט וואָס האָט זיך אַזוי דענערווירט אין ווארשע ביים מיטאָג, בעת ס'איז געקומען די מעלדונג וועגן דער מאָביליזאַציע. מיט זיין שוועסטער טאָקע בין איך אריבער די גרענעץ פון נאַצי־פּוילן קיין רוסלאַנד. אין זיין שטוב אין ווארשע האָב איך פאַרבראַכט נאָך דער באָמבאַרדירונג און פון מיר קריגט ער איצט דעם אמת׳ן לעבעדיקן גרוס פון זיין ווייב און זון.

באַלד געפין איך זיך אין א האַרציקער וואַרעמער סביבה. ווי טייערער, האַרציקער און ליבער איז זי מיר נאָך איצטער געוואָרן! איך וועל די געהויבענע שטימונג, די וואַרעמע באַציאונג צווישן אונדז, ווילנער פּליטים, אַלע מאָל געדענקען און קיינמאָל נישט פאַרגעסן די שיינקייט, וואָס איינער האָט דעם צווייטן דאָרט געשאַפן. איך ווייס נישט, ווי ביי אַנדערע, אָבער אַזוי איז עס געווען אין מיין קרייז. און מיר זענען דאָך געווען א מאן 20; ליטעראַטן, כלל־טוער, לערערס; אַלע — פון פאַרשידענע פּאַרטייען און ריכטונגען.

ווען איינער האָט באַקומען א בריוו פון אייגענע, איז דער בריוו איבערגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט; און לייענענדיק די בריוו פון די 9־10 יעריקע וואַרשעווער קינדער צו זייערע פּאַטערס, פלעגן מיר אַלע צוזאַמען אויפנעמען דעם צער פון צווייטן ממש ווי אַן אייגענעם צער.

אין די בונדישע קרייזן האָט געהערשט א געדריקטע שטימונג צוליב די אַרעסטן פון זייערע חברים. איינמאָל גיי איך מיט א בונדישן חבר איבער דער גאַס, שטעלט אונדז אָפּ עפּעס א יונגער בחור, אויך א פּליט, און זאָגט צו מיין באַגלייטער: אָ! חבר ג., איר זענט דאָ? זייער גוט... זאָלן נאָר קומען די באָלשעוויקעס, וועל איך שוין זען, מען זאָל אייך אַרעסטירן. איר געדענקט, ווי איר האָט מיך אויסגעלאַכט בעת א דיסקוסיע?

און אַזוי איז עס שפּעטער געווען.

הגם די ליטווישע מאַכט האָט אָנגעהויבן שטאַרק ליטוויניזירן די שטאָט, איבעראַנדערשן די נעמען פון די גאַסן, די שילדן פון פּויליש אויף ליטוויש, און הגם דאָס ליטווישע מיליטער האָט נאָכאַנאַנד מאַרשירט אי־

בער דער שטאַט, האָט זיך נישט נעגלויבט אין זייער קיום, און זייער זעלבשטענדיקייט און הערשאַפט. דאָס סאָוויעטישע מיליטער האָט מען גאַנץ ווייניק אַנגעזען. דאָ איז עס געווען שיין געקליידט און ווו נישט ווו האָט מען זיי באַמערקט ארומגיין פריי, ווי טוריסטן; דער דורכשניט־מענטש האָט זיי אינגאַנצן נישט באַמערקט. ווען ס'איז אויסגעבראָכן דער רוסיש־פינישער קריג, האָט אין ווילנע געזאָלט פאַרקומען אַן אויסטויש פון דעם סאָוויעטישן מיליטער. א גרויסער פחד איז דעמאָלט באַפאַלן ווילנע. מענטשן האָבן מורא געהאַט פאַר דעם טאָג. א סך האָבן פאַראויס־געזאָגט, אז דאָס איז נאָר א פּרעטעקסט מצד די סאָוויעטן. אין אמתן וועט דאָס זיין אַן אריינמארש פון די רוסן.

די בונדישע חברים האָבן זיך דענערווירט, מורא האָבנדיק, אז עס וועלן זיך באַנייען די ארעסטן. איינער פון זייערע חברים האָט פאַר מיר אויסגעגאָסן זיין פאַרביטערונג: מיר זענען ארויס פון וואַרשע א גרויסע, קאָמפּאַקטע מאַסע, א גרופּע פון א פּאָר הונדערט חברים. מיר האָבן זיך געלאָזט צום רוסישן געביט מיט צוטרוי צו די באָלשעוויקעס, און זיי האָבן אונדז אויפגענומען מיט ארעסטן. ווער ווייסט, צי ווען מיר קומען אזוי צו די נאַציס און פּראָקלאַמירן אונדזער לאָיאַליטעט, — צי זיי וואָלטן אזוי געהאַנדלט קעגן אונדז...

ביסלעכווייז הייבן אָן אָנקומען איינצלנע מענטשן פון די דורך די נאַציס פאַרנומענע שטעט און שטעטלעך. מען דערציילט זיך אָן די שרעק־לעכסטע זאַכן, מען ברענגט מיט זיך אלס זכר די געלע לאַטע...

די אינטעליגענץ ווערט א פאַרציטערטע און עס הערן זיך אָפּט חרטה־שטימען: וואָס האָבן מיר געטון, וואָס מיר האָבן פאַרלאָזט פּוילן? מיר האָבן נישט געהאַט קיין שום רעכט אזוי צו האַנדלען. אליין זיך ארויס־ראַטעווען און די ברייטע מאַסן איבערלאָזן, זיי זאָלן עס אויסשטיין און איבערטראָגן אליין אלע צרות.

מיט גרויס דרך ארץ און באַוווּנדערונג האָט מען גערעדט וועגן דעם חסיד, דעם פרומען פּוילישן ייד, וועלכער איז געבליבן אין זיין קאַפּאָטע, באָרד און פּאות מיטן נאַציישן תלין אויג אויף אויג. מ'האָט פּלוצים דערשפּירט, ווי פון יענעם פּשוטן „עמך"־עולם שפּאַרט מיט העלדישקייט

פון פארוואָרצלטע פּאָלקס־מענטשן... און מ'האָט זיך געשעמט פאר זיך אַליין, פאר די היינטוועלטיקע, נ יי ע יידן...

נישט געקוקט אויף דער געשלאָסענער און שטארק באוואכטער גרענ־עץ, ווערט ביסלעכווייז אונדזער פּליטים־משפּחה גרעסער. מיר צעשיידן זיך און פארברענגען נישט די גאנצע צייט פאר זיך. א טייל פון די פּלי־טים איז טעטיק אין פּליטים־פאראיין, אָבער אויך זיי זענען מיט אונדז אין דער פרייער צייט.

דערווייל ווערן די פרעסט גאנץ שטאַרק. אויפן גרענעץ־פּאַס געפינען זיך הונדערטער משפּחות. אויך פרויען מיט קינדער פון די מענער, וואָס זענען שוין לאנג אין ווילנע. די פרויען מיט קינדער געפינען זיך אויפן גרענעץ־פּאַס אין „קיינעמס לאנד" — אויף די וועגן אין קליינע דערפער און שטעטלעך, א פּאָר שעה פאר ווילנע. זיי קענען נישט אריין אין ווילנע. זיצן זיי אין שרעק, פול פּחד, מען זאָל זיי נישט ארעסטירן און צוריק־שיקן צו די נאַצים. יעדן טאָג געפינט מען אויף די וועגן טויטע, פארפרוי־רענע קערפּערס. יעדע ווייל קומען־אָן פארשטעלטע דעפּעשן פון באַקאַנ־טע משפּחות, וואָס געפינען זיך אויף די וועגן, אז זיי האָבן נאָך נישט קיין גוטע אויסזיכטן אריבערצוגיין די גרענעץ, אז עס פעלט זיי געלט, אז אָט גייען זיי ארויס, אז יענע האָט מען ארעסטירט... אָט איז דער פראָסט דערגאנגען ביז 38 גראד צעלזיוס און מען מוז איבערוואַרטן.

און דאָך, נישט געקוקט אויף די אַלע שטערונגען פון מענטש און נאַטור, קומען דאָך אָן איינצלנע מענטשן, קליינע גרופּן; מערסטנס קו־מען זיי מיט אָפּגעפרוירענע נעז, הענט, פיס.

איך באַזוך א חבר אין יידישן שפּיטאָל, וועלכער איז נאָר וואָס אדורך די גרענעץ. ער ליגט מיט אָן אָפּגעפרוירענעם פוס. זיין בעטל געפינט זיך צוזאמען מיט נאָך דריי אין א גאנץ קליין צימערל. די בעטן שטייען ענג, איינס אויפן צווייטן. דער חבר ליגט א רואיקער, פרייט זיך מיט מיין באזוך. דאָ ערשט האָבן מיר זיך געטראָפן אין לעמבערג, און אָט איז אונדז געלונגען און מיר זעען זיך אין ווילנע. ער ווייזט מיר אויף זיינע קראנקע שכנים: אָט דעם ווארשעווער אינזשעניער, א מאן פון א יאָר 40, האָט מען אראָפּגענומען א פוס, דעם צווייטן, דעם דריטן פאציענט ווארט דאָס זעלבע. א י ם, דעם חבר, דראָט, ווי ער פארזי־

בערט מיך, קיין שלעכטס. מאָרגן, איבערמאָרגן פאַרלאָזט ער דאָס שפּי־טאָל. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אויף צו מאָרגנס, האָט מען אים גע־מוזט אַראָפּנעמען צוויי פינגער פון אַ פוס און ער איז געבליבן נאָך וואָכן לאַנג אין שפּיטאָל.

דער גאַנצער שפּיטאָל איז פול מיט די אָפּגעפרוירענע פּליטים. פון אַלע צימערן דערגייען צו מיר שטאַרקע קרעכצן.

ס'איז געוואָרן אַזוי שטאַרק קאַלט, אַז עס הערן שוין אויף קומען פּליטים. די זאָרג פאַר די באַקאַנטע, וואָס געפינען זיך אויפן גרענעץ פּאַס, ווערט שטאַרקער און די שטימונג ביי אונדז ווערט אומעטיקער, שווערער. איך עס מיטאָג אין דער קיך פאַר ליטעראַטן און זייערע פאַמיליעס. דער לאָקאַל איז אַ שיינער, זויבערער און מיר, פרויען, באַמיען זיך אים צו־געבן אַ וואַרעמערע, היימישערע אַטמאָספער. מיר באַמיען זיך גרייטן פיין דעם טיש, באַדינען זיך אליין לויט דיזשורן. מיר אָרדענען איין טיי מיט קוכן (באַצאָלטע דורך אונדז פּליטים), כדי מיר זאָלן נישט גיין אין קאַפע, נאָר זיצן אין לאָקאַל אַלע צוזאַמען. אַזוי אַרום פלעגן מיר זיך אויפהאַלטן פון 1 ביי־טאָג ביזן אָוונט.

אין ווילנע האָבן מיר נישט געוווּסט, וואָס עס מיינט הונגער, די מיטאָגן זענען געווען גוטע, נאַרהאַפטע; מיר האָבן באַקומען פּראָדוקטן אויך אַהיים אויף פרישטיק און אָוונט־ברויט. מיר האָבן באַקומען אויך אַ ביסל באַקליידונג. זעלבסטפאַרשטענדלעך זענען געווען אויך פּליטים, וועלכע האָבן זיך געפונען אין אַן ערגערער לאַגע. די שרייבער־משפּחות זענען געווען, ווי מען זאָגט, פּריווילעגירט. דער פּליטים־פאַראיין האָט זיך אָבער באַמיט צו טון פאַר אַלע דאָס מעגלעכע; מען האָט דערנאָך גע־עפנט ספּעציעלע קיכן פאַר שוואַכע, וועלכע האָבן נישט געקענט געניסן פון די געוויינלעכע קיכן; מען האָט געעפנט ספּעציעלע „דיעטע־קיכן".

אויף מיר האָבן זייער שלעכט געווירקט די פרעסט. מיין צימער, וועלכן איך האָב אויפגעזוכט ביי אַ ווילנער קליינבירגערלעכער משפּחה, האָט געקאָסט אַ סך געלט. און דאָך איז עס געווען אַ קאַלטס, אַ פייכטס, אַן אָפּגעלאָזנס און אין די פרעסט זענען דער שניי און שימל געזעסן אויף אים נאָכאַנאַנד ביז 2 איילן אין דער הויך פון דיל. מיינע פריינט האָבן

מיך כסדר אָפּגעהיטן, ווי אייגענע שוועסטער און ברידער. ליגנדיק דעם ערשטן טאָג אין בעט, ווען מיינע פריינט האָבן נאָך נישט געוווּסט, אַז איך בין קראַנק, איז צו מיר געקומען עפּעס א בחור פון סוחרים־קרייזן בעטן פון מיר א טובה. קוקט ער זיך אום און זאָגט:

—איר דאַרפט אפשר עפּעס? מיר זענען דאָך פּליטים! אַז מיר אליין וועלן זיך נישט העלפן איינער דעם צווייטן, טאָ ווער וועט אונדז העלפן?! לויט דעם אויסזען פון אייער צימער, לויט דער קעלט, וואָס הערשט דאָ ביי אייך, און לויט דעם ליידיקן טיש, זע איך, אַז איר זענט אַליין.

און ער האָט מיר טאַקע געשיקט א דאָקטאָר פון פּליטים פאַראיין. קוים געפּועלט ביי מיינע ווילנער באַלעבאַטים, מען זאָל בעסער איינהייצן, גע־שאַפן א מיטאָג, א צייטונג, און יעדן טאָג געקומען פרעגן, צי איך דאַרף עפּעס. זיין הארציקייט האָט מיין חברה אזוי גערירט, אַז ער איז געוואָרן אונדזערס א פריינט. זעלבסטפאַרשטענדלעך, איז אזא באַציאונג געווען נישט נאָר צו מיר. ווען די פרוי און טעכטערל פון דעם בונדיסט בוים־גאַרטן זענען געווען א ו י פ ן ג ר ע נ ע ץ ־ פּ א ס, — האָבן מיר פּשוט אָפּגעראַטעוועט דעם חבר פון זעלבסטמאָרד, אָדער פון משוגע ווערן; מיר האָבן אים נישט געלאָזט אליין און נאָכאַנאַנד געזאָרגט פאַר אים. מיר, ווילנער פּליטים, האָבן געהאַט אונדזער אייגן לעבן. מיר טרעפן זיך נישט מיט קיין אייננטלעכע ווילנער. אונדז דאַכט, אַז דאָס איז גאָר א שטאָט ספּעציעל, ווי פאַר אונדז געשאַפן. גייט א טאָג נאָך א טאָג. איך ליג קראַנק א וואָך, לייג זיך ווידער. עס גייען דורך וואָכן, און איך ליג אַלץ אין בעט; מען לאָזט מיך נישט אין איינזאַמקייט, און ביי מיר איז געוואָרן דער טרעף־פּונקט פון אונדזערע באַקאַנטע. איינמאָל לייען איך אין דער צייטונג, אַז עס איז פּלוצים געשטאָרבן א פּליט, מיינער א יונגער קוזין. איך שטיי אויף פון בעט, און גיי צו דער לויה. דער פראָסט איז אזוי שטאַרק, אַז מיר שטאַרבן אָפּ די פינגער פון די הענט און פיס. איך רעזיגניר און גיי צוריק אהיים. עס גייט פאַרביי א לויה און איך פרעג, ווער עס איז געשטאָרבן. די פרוי, וואָס איך האָב געפרעגט, קוועטשט מיט די פּלייצעס, זאָגנדיק: „ע, קיינער, עפּעס א פּליט".

מיך האָט גערירט ביז טרערן דער ענטפער פון דער ווילנער יידענע. א גאַנצן טאָג בין איך געווען אונטער דעם איינדרוק פון די ווערטער: „ע,

קיינער, עפּעס אַ פּליט״. און אין אָוונט, ווען ביי מיר האָבן זיך צוזאַמענ־געקליבן מיינע פריינט האָב איך זיי איבערגעגעבן וועגן מיין באַגעגעניש.

— יאָ, יאָ! — רופט זיך אָן איינער, מאָזעס פון „יטא״, ווער ווייסט, צי מיר וועלן גאָר דערלעבן אויפהערן זיין פּליטים, און צוריק ווערן אַמאָל מענטשן. מיר זענען דאָך שוין אינגאַנצן אויס מענטשן מיט נעמען, נאָר נומערירטע פּליטים. למשל, ווער בין איך? ווער בין איך איצטער? — פּליט נומער 867. דאָס אַלץ. מער קיין פּרטים זענען נישט נויטיק. און ווו געפין איך זיך? איך פאַרגעס אָפט, אַז איך בין אין ווילנע. מיר דוכט גאָר, אַז איך געפין זיך אויף אַן אינדזל פאַר פּליטים. לויט מיין רעפּרעזענטאַטיוון אמט, וועלכן איך האָב פאַר־נומען (איידער איך בין געוואָרן פּליט) — פּלעגט מען מיך אומעטום זייער שיין אויפנעמען; ווען איך פּלעג קומען ערגעץ, פּלעגן מיך באַגריסן און אָפּוואַרטן יידישע און נישט יידישע שרייבער דעלעגאַציעס. פאַר־שטייער פון רעגירונגען, אַזוי איז עס געווען נישט נאָר אין אייראָפּע, נאָר אומעטום. און איצטער זיץ איך דאָ צוזאַמען מיט מיינע קאָלעגן, וויכ־טיקע שרייבער, זשורנאַליסטן, טוער, און קיין ווילנער וויל אונדז נישט קענען און זען... האָבן דען ווילנער יידן, זאָגט ער, געקענט אַמאָל טראַכטן, אַז ביי זיי אין שטאָט וועט זיך געפינען די גרעסטע טייל יידישע אינטעל־ליגענץ פון פּוילן? אָבער איצטער דאַרף אונדז נישט ווילנע, זי וויל אונדז איצטער נישט קענען. — —

די טעג קריכן. די צייט לויפט. עס זענען שוין פאַרביי וואָכן, און איך זיץ אַלץ אין ווילנע. איך ווייס, אַז מיין מאַן האָט דאָ אַ סך באַקאַנ־טע, איך טרעף אָבער קיינעם נישט פון זיי, און זע זיי נישט.

איך באַקום די ערשטע דעפּעשע פון מיינע אין ארץ ישראל באַלד נאָך מיין קומען אין ווילנע. די דעפּעשע זאָגט: „מיר לעבן און זענען גע־זונט״. אין ערשטן מאָמענט האָב איך זיך שטאַרק דערפרייט מיט דער ערשטער, אַזוי לאַנג דערוואַרטער ידיעה. אָבער ווען עס גייט אַדורך אַ וואָך און קיין בריוו קומט נישט, ווער איך אומרואיק און איך הער־אויף צו גלויבן אין דעם אמת פון דער דעפּעשע. ענדלעך, נאָך וואָכן אָנגע־שטרענגטן וואַרטן, באַקום איך דעם ערשטן בריוו. איך ליג דאָס מאָל אַ קראַנקע אין בעט. ביי מיר זיצט אַ באַקאַנטע און וווּנדערט זיך, וואָס איך

עפּן נישט באַלד דעם בריוו; אָבער איך קען עס נישט טון. מיך האָט אַרומגענומען עפּעס אַ שרעק, אַ מורא און איך וויל נישט, זי זאָל זען דעם איינדרוק, וואָס דער בריוו וועט אויף מיר מאַכן. איך רייס פּאַמעלעך דעם ברעגעלע קאָנווערט און כ'עפן פאָרזיכטיק דעם בריוו, קוק שנעל, צי א ל ע האָבן געשריבן. יאָ! צום גליק, יאָ! אַלע — אַלע לעבן. מיינע קינדער שרייבן מיר אַ גענויעם בריוו וועגן אַלעם, וואָס עס טוט זיך אין שטוב. זיי בענקען נאָך מיר, זיי האָבן זיך איינגעאָרדנט, זיי לעבן גוט און זיי פעלט גאָרנישט. דער בריוו האָט מיך דערפרייט, דערמונטערט, באַרואיקט. אָבער, ווען ס'גייט אַדורך אַ וואָך נאָך אַ וואָך און איך זיץ נאָך אַלץ אין ווילנע אָן אויסזיכטן אַהיימצופאָרן און דערצו אַ קראַנקע, הייבט זיך אָן ביי מיר צו וועקן עפּעס אַ פרעמדע אומהיימלעכע שלעכטע סטרונע — אַ געפיל פון פאַרדרוס. יאָ! — פאַרדרוס אויף מיינע קינדער, פאַרוואָס זיי איז גוט און באַקוועם אויך אָ ן מיר. איך וואָלט דעמאָלט אפשר גאָר געווען צופרידן, ווען זיי שרייבן מיר, אַז זיי איז שווער און אַז זיי קענען זיך אָן מיר קיין עצה נישט געבן. מיר דוכט, אַז זיי טראַכטן וועגן מיר, ווי פון אַ לאַנג פאַרשטאָרבענער, און זיי דאַרפן מיך שוין נישט... פאַרשטענדלעך, זענען עס געווען נאָר אימאַזשינאַציעס, איינרעדענישן פון אַ קראַנקן מענטשן, אָבער אין אמתן האָב איך נישט געגלויבט, אַז זיי איז אַזוי באַקוועם, און נאָכאַנאַנד געזאָרגט וועגן זיי, געזען זיי אָפּגעלאָזענע, הונגעריקע...

די בריוו צו מיר פון ארץ ישראל פלעגן קומען אויף אַן אַדרעס פון אַ ווילנער חבר, מיט וועלכן איך פלעג זיך אָפט באַגעגענען; ער פלעגט מיר די בריוו איבערגעבן פערזענלעך, אָדער איבערשיקן, און איך האָב אפילו נישט געוווסט, אַז דאָס איז טאַקע ער גופא דער אַדרעסאַט, וואָס צו אים קומען די בריוו פאַר מיר. איך האָב געמיינט, אַז ער גיט זיי מיר נאָר איבער. מיין מאַן שרייבט מיר אין איין בריוו: איצטער, ווען איך ווייס, אַז דו ביסט אין ווילנע, בין איך רואיק פאַר דיר: דו וווינסט דאָך געוויס ביי מיינע פריינט און חברים און פילסט זיך ביי זיי גוט און היימיש, ווי ביי זיך אינדערהיים. פרעג איך טאַקע איינמאָל די חברטע: —איך בעט אייך, זייט איר דאָס די חברטע „איקס”, די פריינדין פון מיין מאַן?

—יאָ! אוודאי, זאָגט זי; אייער מאַן איז דאָך אונדזערער אַן אייגע־

נער מענטש, און וויפל מאָל ער איז געווען אין ווילנע, איז ער שטענדיק געווען אונדזער גאסט, ביי אונדז געוווינט.

איך קוק זי אָן און טראכט דערביי: אזוי פרעמד זיך באציען צו א גוטן חבֿרס א פרוי קען מען נאָר, ווען יענע איז א „ פּ ל י ט ". יאָ, טראכט איך, איך פיל זיך דאָ „גוט און היימיש". די היימישקייט אין מיין געדונגענעם צימערל איז אזוי שטארק, אז דער דאָקטאָר זאָגט זיך אָפּ צו מיר צו קומען, אויב איך וועל נישט פארלאָזן דעם צימער, ווייל אין די באַדינגונגען וועל איך נישט געזונט ווערן.

די ליטווישע מאכט האָט זיך אין אלגעמיין גאנץ טאָלעראנט באַצויגן צו די יידישע פּליטים. אָבער די פּליטים האָבן זיך נישט געטאָרט פארנעמען מיט קיין פּראָפעסיאָנעלער ארבעט — דאָס הייסט, זיי איז געווען פארבאָטן צו פאַרדינען געלט, כדי נישט צוצונעמען די פּרנסה ביי די דאָרטיקע. זיי האָט נאָר געמוזט אויסהאלטן דער פּליטים פאראיין. זענען דאָך דאָרט געווען פעאיקע יונגע יידישע סוחרים, וועלכע וואָלטן אפילו אין יענע באדינגונגען געקענט פאַרדינען געלט. האָט אָבער די מאכט יעדעם מאָל געשאפן נייע גזירות און אזוי ארום פּאַראַליזירט יעטוועדע געלעגנהייט און איניציאַטיוו. אָט האָט מען נאָר געמוזט, ביים איבערפאָרן פון איין שטאָט אין א צווייטער, פארשאפן זיך א ספּעציעלן „שיין", אזא ציינגניש־פּאפּירל, וועלכע מען האָט געקענט באקומען פאר א ספּעציעלן אָפּצאָל, און צוליב דעם געמוזט שטיין לאנגע שעהן אין דער ריי, און אחרי ככלות הכל, איז דאָס פּאפּירל געווען אָן איינמאָליקס, אויף דריי טעג. יעדע רגע נייע צרות, יעדע מינוט — נייע גזירות. אָט מוז מען זיך אויפסניי רעגיסטרירן. מען שטייט גאנצע טעג אין דער ריי. ביי דער רעגיסטראַציע. דער ליטווישער זעלנער און באאמטער איז נישט קיין באַלשעוויסטישער. דער ליטווישער זעלנער רעדט נישט; ער שרייט, שטופּט און שלאָגט... נאָך דער רעגיסטראַציע האָט זיך ארויסגעוויזן, אז דאָס גייט מען באזעצן א טייל פּליטים אין דער פּראָווינץ; אזוי ארום גייט מען פארבעסערן די לאגע אין די דערפער... און אלעם ווערט געטון פּלוצים און אין א מאָדנער אָרדענונג: איין ראיאָן (רעוויר) האָט אלעמען געגעבן די דערלויבעניש צו בלייבן אין ווילנע; דער צווייטער — אויף דער פּראָווינץ. גאנץ אָפט איז דאָס געווען אָפּהענגיק פּשוט פון דעם באאמטן, וועלכער

האָט קוואַליפיצירט לויט זיין פּערזענלעכער סימפּאַטיע אָדער אַנטיפּאַטיע פאַר דעם פּליט, בעת יענער איז פאַר אים געשטאַנען און אַלץ ווערט געטון פּראָסט, גראָב. אָט הערט מען, אַז די מאַכט וועט דעם פּליטים־פּאַראַיין צוזאַמענגיסן מיט דעם קריסטלעכן רויטן קרייז, ווייל די פּוילישע פּליטים האָבן אַ קנאַפּע שטיצע...

וואַרט מען אַלע טאָג אויף אַ נייער גזירה...

XVI

צוליב אַ סערטיפיקאַט

ארום איז מען מיך מקנא צוליב דעם, וואָס איך בין אַ שטענדיקע איינוווינערין פון ארץ ישראל און איך האָב די צוריקפאָר־וויזעס. איך בין אָבער געווען ביי די פאַרשידענע קאָנסולאַטן און האָב זיך איבערצייגט, אַז דערווייל איז נאָך מיין צוריקרייזע — אַן אידעאַל, און מיין פאַרצווייפלונג האָט דערפאַר קיין גרענעץ נישט געהאַט.

עס דערגייען צו אונדז אין ווילנע קלאַנגען, אַז עטלעכע פון די אַנפירנדע עסקנים פון קאָוונער פּאַלעסטינע אמט —אויך פּליטים פון פּוילן— האָבן פּרובירט מאַכן די רייזע מיטן עראָפּלאַן דורך שטאָקהאָלם, אָבער שוין פון ריגע (לאַטוויע) האָט מען זיי צוריקגעשיקט; זיי האָבן נישט באַקומען די ווייטערדיקע רייזע־דערלויבענישן.

מען שמועסט, אַז פאָרן וועלן קענען נאָר פרויען מיט קינדער און מענער איבער 50 יאָר. פאַראַן קלאַנגען, אַז דער פּאַלעסטינע־אמט אונטערהאַנדלט מיט סאָוויעט־רוסלאַנד וועגן אַדורכלאָזן די עולים קיין ארץ ישראל דורך אָדעס. עס צייכענען זיך פאָרט אָן אויסזיכטן צו דערגרייכן ארץ ישראל.

וויי, ווי עס האָט גענומען קאָכן אין אונדזער פּליטים־משפחה... ס'האָט זיך אָנגעהויבן רודערן און טומלען, ווי אין אַ בינענשטאָק סוף זומער: הימל און ערד און — סערטיפיקאַטן! יעדער איינער האָט געזוכט אַ וועג צום סערטיפיקאַט: אַ מעגלעכקייט אויף אייגענער האַנט, דורך פּראָטעקציע אא"וו. מענטשן האָבן זיך ביז בושה נאַקעט געמאַכט, פאַר־

נעסן און אויסגעזאָגט זאַכן, וואָס מען האָט געוועלט און שטענדיק באַ־גראָבן טיף אין דער נשמה. מענטשן, וואָס זענען זיך דאָס גאַנצע לעבן געווען נאָענטע פריינט, חברים, האָבן זיך פּלוצים פיינט געקראָגן, גענומען איינער דעם צווייטן באַרעדן, אונטערגראָבן, אונטערשטעלן אַ פיסל מיט דער כוונה, יענעם מכשיל זיין. און אַלץ — צוליבן סערטיפיקאַט.

ווען די אַנפיר־חברים פון פּאַלעסטינע אַמט זענען צוריקגעקומען פון ריגע, מחמת זיי האָבן נישט געהאַט קיין זיכערן וועג פאַר זייער ווייטערדיקער רייזע קיין ארץ ישראל, האָט זיך געהערט פון אומעטום אַ שטילער צופרידענער געמורמל:

—גוט, וואָס מען האָט זיי צוריקגעשיקט! קאַפּיטאַנען, וואָס פאַר־לאָזן די ערשטע די ברענענדיקע שיף, זענען ווערט אַזאַ סוף!...

אָבער דאָס איז געווען נישט נאָר צוליב אָט דעם מ אַ ר אַ ל י ש ן מאָטיוו; מער האָט דאָ געווירקט די קנאה, פאַרוואָס יענע ראַטעווען זיך שוין אַרויס, און „מיר מוזן בלייבן", ווער ווייסט, ביז ווען. אַלע, אַלע פּליטים, אָן אונטערשייד פון ריכטונגען, פּאַרטייען, שאַטירונגען האָבן אָנגעהויבן זוכן וועגן און געלעגנהייטן, ווי זוכה צו זיין אַ סערטיפיקאַט. ס'האָט זיך פונאַנדערגעשפּילט צווישן דעם עולם ממש אַ וועט־געיעג: ווער וועט דער ערשטער צוקומען צו דער מעטע — צום סערטיפיקאַט. האָט מען גענומען אַרויסליינען די איינענע זכיות פאַרן ציוניזם, געשלעפּט פונעם אַרכיוו, ווו נאָר עפּעס אַ חסדל, אָן אויפטועלע... פאַר ארץ ישראל. אומ־פּאַרטייאישע, ווידער, האָבן זיך באַמיט באַווייזן, אַז זייערע סימפּאַטיעס צו ארץ ישראל שטאַמען נאָך פון אַלטע „פאַר־מלחמה צייטן"... געווען אַזעלכע, וואָס האָבן אויפגעוויזן, אַז כאָטש זיי זענען נישט געווען קיין ציוניסטן, האָבן זיי אָבער שוין אַ 3—4 יאָר געצאָלט רעגלמעסיק פאַרן קרן קימת און קרן היסוד. קומט זיי, הייסט עס, על פי דין אַ סערטיפיקאַט.

אָבער אויך מענטשן, וואָס זענען געווען פון שטענדיק דערצידירטע, אַנטשידענע ק ע ג נ ע ר פון ארץ ישראל, פאַר וועמען אַזאַ לאַנד האָט אַפילו אויף דער מאַפּע אינגאַנצן נישט עקזיסטירט און וואָס האָבן אויפ־געצאָרנט מיט גיפט און גאַל בלויז ביים נאָמען ארץ ישראל — אויך זיי האָבן אַצינד געזוכט אַ זכות צו קריגן אַ סערטיפיקאַט...

פון אָט דער לעצטער קאַטעגאָריע האָט זיך יעדער איינער געשעמט

פאר זיין איינענעם חבר. שטילערהייט, בסוד סודות האט יעדער אפגע־ ראמט דעם וועג פאר זיך, אזוי אז קיינער זאל זיך נישט דערוויסן, ביז מ׳וועט זיין אינגאנצן זיכער. מ׳זאל נישט קאליע מאכן. האט יעדער פון זיי געטענהט:

—ווי גליקלעך וואלט איך געווען, ווען איך קריג זיך איצט אריין אין ארץ ישראל. פארפאלן, איך וואלט אפילו אויפגעגעבן מיין פאליטישע פארטיי־ארבעט, געווען צופרידן אויסלעבן זיך דארט פשוט מענטש־ לעך, ווי א יידישער מענטש. עווענטועל האב איך דאך פאך־קענטע־ נישן. איך וועל ארבעטן, ווי אלע און אזוי ארום ברענגען א נוצן אויך דעם יידישן ישוב. אויב נישט אין שטאט, בין איך גרייט צו גיין אין דארף; אפילו אין א קיבוץ.

איך האב געשטוינט, צוזעענדיק וואס די משונהדיקע אומשטענדן האבן געמאכט פונעם מענטש. א שרעק איז מיך באפאלן, ווען כ׳האב געזען, ווי אלעם האט זיך אפגערוקט אן א זייט, אויפן לעצטן ארט: פאר־ טייאישע איבערגעגעבנקייט, הויכע אידעאלן, ליבע צו א פרוי — אלעם האט זיך אפגערוקט פארשעמט אין הינטער־גרונט. געבליבן איז בלויז דער הארבער, שלעכטער, שטרענגער היינט און דער נאענטסטער מארגן. זיי האבן דיקטירט, באפוילן: ראטעוועט דאס לעבן!

פון אלעמענס מיילער און אויגן האט זיך געהערט איין רוף: —איך וויל לעבן, עקזיסטירן! ביי די קאנקרעטע באדינגונגען האט דאס געהייסן: אנטלויפן פון ווילנע, אין וועלכער מען האט זיך געפילט, ווי אויף א פאר־ לאזענער שיף אינמיטן ים, א שיף, וואס ווארט אויף א גרויסן שטורעם...

און וווהין נאך זענען געווען אויסזיכטן צו לויפן, אז נישט קיין ארץ ישראל?!

צו אונדזער קרייז פליטים האט געהערט א קריסטין מיט איר טעכ־ טערל — א פרוי פון א הויכן פוילישן אפיציר, פון א הויך־מלוכהשער פאמיליע. אין ווילנע האט זי זיך געפונען אין די ערגסטע באדינגונגען. דער יידישער פליטים־פאראיין האט איר געהאלפן מיט געלט און מלבו־ שים — און זי האט נאכאנאנד פארקערט צווישן אונדז. אפט פלעגט זי מיט מיר רעדן און זאגן דערביי: —מיין מאן און מיין ברודער וועל איך דאך געוויס מער נישט זען. זיי זענען דאך זיכער שוין טויט. מיין פאטער־

לאנד — דאָס זעלבע: טויט. איך האָב נישט. נאָך וואָס צוריקצופאָרן. איך וואָלט זיך געפילט גוט דווקא אין ייִדישן ארץ ישראל. איך האָב ליב ערד, איך וואָלט זיך פארשאפט א שטיקל ערד, באארבעט זי צוזאמען מיט מיין טאָכטער, איינגעלעבט זיך מיט אייך אלעמען און געוויס צוריקבאקומען מיין רו.

אויך איר, דער קריסטין, האָט זיך געחלומט א... סערטיפיקאט.

דער סערטיפיקאט איז געוואָרן דער טרוים, וועלכן אלע פליטים האָבן אפילו אויף דער וואָר געחלומט.

ראטעווען זיך, אנטלויפן, ארבעטן, נוצלעך זיין — א סערטיפיקאט קיין ארץ ישראל! פליטים איז עס געוואָרן אזא איינפאכע, נאטירלעכע פאָרמולע.

איך האָב זיך געפרייט, שטאָלצירט מיט ארץ ישראל, וועלכע איז אזוי מיטאמאָל דערהויבן געוואָרן אפילו אין די אויגן פון פארביסנסטע קעגנער; און איך האָב זיך געשעמט, טיף געשעמט פארן מענטש, וואָס איז אזוי גיך געפאלן און געזונקען...

אָבער ניין, נישט צווישן אלע פליטים האָט עס אזוי אויסגעזען בנוגע ארץ ישראל. אין א חנוכה־אָוונט בין איך געווען ביי די חלוצים וואָס האָבן זיך פארזאמלט אין זייער לאָקאל אויף סובאטש. דער לאָקאל איז געווען אויסגערעכנט אויף א קליינער גרופע. איצטער האָבן זיך דאָרט געפונען הונדערטער חלוצים־פליטים: זיי זענען אהערגעקומען נאקעטע, אָפּגעריסענע פון אלע ווינקלעך פוילן: פון נאצי־פוילן און פון כיבוש־רוסלאנד. דאָ, אין דער חלוצים סביבה האָט געשטראָמט מיט חברישקייט, וואַרעמקייט, היימלעכקייט. ענג איז געווען. א מיטאָג האָט געדויערט שעהן לאנג. מען איז געצוואונגען צו זיצן ממש איינער אויפן צווייטן, זענען די באוועגונגען דערפאר פאראליזירט, קוים וואָס מען גיט א ריר די האנט. און הונדערטער אנדערע חלוצים ווארטן שעהן לאנג אין דער ריי, ביז זיי וועלן קאָנען צוקומען צום טיש. זיי קאָכן, פארשטענדלעך, אליין דאָס מיטאָג און שלעפּן אין די שטארקע, ברענענדע פרעסט אליין דאָס וואסער אויפן דריטן שטאָק.

און דאָך האָט זיך ביי זיי נישט געפילט קיין פארצווייפלונג. כאָטש זיי האָבן געלעבט אפשר אין א סך שווערערע באדינגונגען ווי די אנדערע

פליטים — זענען זיי געווען צופרידענע, פול מיט איניציאטיוו, פארקאכט אין ארבעט.

אצינד, ווען דער פליטים־פאראיין האט פארגרעסערט און פארבע־סערט די קיך, זיי זאלן קענען באקוועמער קאכן, האבן זיי איינגעאָרדנט א חנוכה־אָוונט מיט א פראָגראם און אפילו איינגעלאדן געסט.

אויף אלע אומבאקוועמלעכקייטן האבן זיי געקוקט, ווי אויף פאסי־רונגען, וועלכע וועלן שנעל אדורך: עס לוינט זיך אפילו נישט וועגן דעם צו רעדן, עס ווארט דאך דער גוטער מאָרגן! און אין זייער ווארטן האט זיך באמת געגלויבט; מען האט געפילט און געזען דעם אידעאל, וועלכער האט זיי פאראייניקט און געגעבן מוט איבערצווארטן...

אויך זיי האבן געווארט אויפן סערטיפיקאט. פאר זיי איז עס אבער אין אמתן געווען א ריין טעכנישער מאָמענט. זיי האבן אויך ביז דאן געלעבט און געאָטעמט מיט ארץ ישראל... נישט קיין פליטים פון נאצי־גיהנום, נאר חלוצים קיין ארץ ישראל זענען זיי. נישט היטלער האט זיי געטריבן אהין. פארקערט, ער האט זיי געשטערט זיך צוגרייטן ווי געהעריק צום נייעם לעבן...

זייער שטימונג האט מיך דערהויבן, ארייגעגאָסן נייעם מוט אין די אָדערן און כ׳בין פון זיי צוריקגעפאָרן אן אנדערע, א שענערע, א מער גלויביקע. —

ס׳איז געווען אָוונט. דער פראָסט איז שטארק. די געגנט ארום — א פוסטע. אלץ איז ווי פארוויקלט אין טיפן שניי. די קלויסטערס, וואָס שטייען הויך ארום, קוקן ארויס פון אומעטום, און כ׳וואָלט שווערן, פאָרן מיר נאָך פון אלע זייטן. די גאנצע שטאָט זעט אויס ווי זילבערנע בערג, טאָלן פארטיפט אין אייביקן שניי. די איינציקע מענטשן, וואָס מען טרעפט, זעען אויס, ווי זקנים, צוליב די לאנגע, צוגעטשעפעטע וויעס, ברע־מען פון אייז אויף זייערע פנימער. קינדער טאנצן אויף גליטשערס, שלי־טנס קלינגען פריילעך, הויך צום טאקט און גאנץ ווילנע זעט מער אויס, ווי א ווינטערדיקע צויבער־מעשהלע פאר קינדער.

רעד איך וועגן ווילנע, מוז איך זיך דערמאָנען די פועלי־ציון־חברים.

איך האָב זיי געטראָפן אין נאצי־פוילן און שפעטער — אין דעם דורך די סאָוויעטן פארנומענעם שטח. ערשט עטלעכע טעג צוריק האָב איך

אויף זיי געקוקט מיט רחמנות, און מיר האָט זיך געדוכט, אַז זייער נרע־נעצלאָזע איינזאַמקייט, זייער שטענדיקער אומעט וועט זיך שוין קיינמאָל נישט אויסשעפּן.

ווי אַנדערש זענען זיי איצטער אויס! באַלד ווי אייניקע פון זיי איז געלונגען צו שוואַרצן די גרענעץ און אַריינבאַקומען זיך אין ווילנע, האָבן זיי זיך קודם כל גענומען אויפזוכן, צוזאַמען ברענגען די איבעריקע חברים־פּליטים, וועלכע מען האָט ביז דאַן גאָרנישט געזען, ווייל זיי האָבן זיך אויסגעמישט מיט די אַלע אַנדערע פּליטים און אויפגעהערט עקזיסטירן אַלס חברים, אַלס מיטגלידער פון אַ קאָלעקטיוו.

איצטער האָבן אַ פּאָר חברים גענומען אָרגאַניזירן פאַר זיך, מיט דער הילף פון פּליטים־פאַראיין, אַן אייגענע היים. זענען זיי שוין אַלע צו־זאַמען. מען פילט זיך גאַנץ אַנדערש: — שטאַרקער, פעסטער, חשובדיקער.

איך קוק אויף זיי און דערקען זיי נישט. זענען עס דאָך די זעלבע מענטשן, וועלכע איך האָב געזען איינגאַנצן מיט געציילטע טעג צוריק — אומגליקלעכע, איינזאַמע, פאַרצערטע. און דאָך זענען זיי אַנדערע. געפונען דעם וועג צו זיך, צו זייער חברה. אַלעמענס פּנימער שיינען צוריק, עפּעס אַ פרייד שטראַלט פון זיי. און אפילו — אַ גליק. יאָ, אַ גליק — פון שאַפן אַ היים... פון זיין צוזאַמען. מיר דוכט, אַז ווער עס האָט נישט געזען אין יענעם טאָג דעם חבר זויערער אין דער ניי געשאַפענער חברים־היים, דער האָט קיינמאָל קיין גליק פון דער נאָענט נישט אָנגעקוקט. יעדער טריט פון זיינע גרויסע פיס האָט דערציילט וועגן פרייד, צופרידנקייט, גליק. נאָכאַנאַנד האָט ער באַוואונדערט דעם אַרום; די טישן, בעטן, קיך, און זיינע בליקן האָבן גערעדט: — נו, איז דאָ נאָך וואו אַנדערש אַזאַ שיינקייט?

קוקנדיק אויף אים איז אַלעמען וואַרעם און היימיש געוואָרן. און אַזוי האָבן זיך טאַקע דאָרט אַלע חברים געפילט.

איך דערמאָן זיך דעם לעצטן אָוונט אין ווילנע. די חברים פּועלי ציון האָבן איינגעאָרדנט אין זייער „היים" אַ געזעגן־אָוונט פאַר אַ פּאָר חברים, וואָס פאָרן אין צוויי שעה אַרום אַוועק פון ווילנע אין ארץ ישראל, — איך בין צווישן זיי.

ביי די באַשיידענע, אָבער שיין געדעקטע טישן זיצן חברים און געסט, וואָס זענען געקומען אונדז געזעגענען. טראָץ דעם, וואָס אַ סך פון

זיי האָבן אונדז מקנא געווען, צוליב אונדזער אַפּפּאַר, האָבן זיי זיך אָבער ריכטיק נעפרייט, וואָס מיר געלינגט עס א ה י י מ צ ו ק ר י ג ן זיך. איך קוק אויף זיי אין פארלעגנהייט: די אלע האָב איך אזויפיל מאָל אין משך פון יאָרן און יאָרן געזען פארזאמלטע, פאראייניקטע מיט איין און דעם זעלבן אידעאַל־ציל, פארטון אין אקציעס און האנדלונגען פאר ארץ ישראל; איז געקומען א ווינט און זיי צעטריבן, צעיאָגט! געמאכט א תל פון דער ווירקלעכקייט. דאָ אין ווילנע האָבן זיי קוים באוויזן צוזאמענקלייבן אויפ־סניי אייניקע קערנער און ס'ווארעמט זיך אויף ווידער דער אידעאַל, וואָס איז זיך צעפאלן אויף אזא מוראדיקן, אומברחמנותדיקן אופן. פיל איך זיך, ווי אין א פארלעגנהייט, ווי שולדיק פאר זיי. — איך, וועלכע האָט גאָרנישט געטון פאר ארץ ישראל, פאָר זיך איצט אהין — און זיי אלע בלייבן דאָ. די איינציקע טרייסט איז געווען, וואָס זיי זענען צוזאמען.

און איצט, זיצנדיק שוין ביי זיך אין ארץ ישראל, ווי אָפט טראכט איך פון זיי מיט אומרו, וועגן די אלע נאָענטע, פריינט און חברים, אָפּגע־ריסענע פון זייערע משפחות, אָן שום זיכערקייט בנוגע דעם נאָענטסטן מאָרגן. צי איז זיי כאָטש געלונגען ווייטער פארבלייבן צוזאמען אין זייער גליקלעכער „היים"?...

XVII

כ'פארלאָז ווילנע

נאָך טעג ליגן קראנק קום איך ארויף אין פליטים־היים. עס איז מיט־טאָג צייט. די טישן זענען געדעקט מיט ווייסע טישטעכער. אין לייען־זאל זענען אויף די טישן אָנגעהויפט צייטונגען, דער ראדיאָ שפילט, פון אויוון שפּארט א היץ, ארום זיצן חברה און שמועסן שטיל.

אזא היימישקייט האָט מיר א שלאָג געטון פון ארום, אז איך בין אויף דער שוועל שטיין געבליבן פארגליווערט אין אנטציקונג: צייטונגען, ראדיאָ, ווארעמקייט, אינטימקייט!...

ניין! אזוינס קאָן נאָר א פליט פארשטיין!... דער וואָס איז נישט געזעסן וואָכן־לאנג אין נאצי־פוילן אָן א ראדיאָ, א צייטונג און אפילו אין

דוסישן שטח אָן אַ צייטונג מיט אויסלענדישע ידיעות — דער קען נישט פאַרשטיין די פרייד, וואָס עס פאַרשאַפט אַ געדרוקט וואָרט, אָן אויסלענדישע ידיעה, אַ ראַדיאָ...

לאַנגע, לאַנגע חדשים האָב איך זיך נישט געקענט צוגעוווינען קוקן אויף דעם אָן באַוווּנדערונג און פרייד, ווי אַ פּלוצימדיקער בלינדער, וועלכער איז צוריק זעענדיק געוואָרן.

חברה ליטעראַטן דערפרייען זיך מיט מיר און זאָגן מיר, איך זאָל תיכף פאָרן קיין קאָוונע: דאָס מאָל זענען פאַראַן ערנסטע רייזע־אויסזיכטן.

מיט מיר פאָרן נאָך אַ פּאָר מענטשן. צווישן זיי אַ געוועזענער וואַרשעווער רייכער ייִד. ס'איז אַ פּרעכטיקער טיפּ פון אַ פּאָלקס־מענטש. אין זיין שטוב האָט זיך געפונען אַ רייכע גאַלעריע בילדער פון גרויסע קינסטלער. צווישן זיי — אויך אַ סך יידישע קונסט־בילדער. ער פלעגט שטענדיק געבן מיט אַ ברייטער האַנט פאַר קולטורעלע און סאָציאַלע צוועקן. תמיד אויסגעהאָלפן די יונגע יידישע ליטעראַטן אַרויסגעבן זייערע ביכער. איצט געפינט ער זיך מיט זיין משפּחה אין ווילנע אַלס פּליט. און אויך אין זיין איצטיקער אָרימער שטוב געפינט מען אַן עצה, אַ טובה, אַ וואַרעמע היימישקייט. ער מיט זיין משפּחה לעבן אין שווערע, שלעכטע באַדינגונגען — פונדעסטוועגן וויל ער נישט געניסן פון דער פילאַנטראָפּישער הילף און באַמיט זיך אַדורכצושטופּן ווי עס איז, אָן אַ זייטיקער געזעלשאַפטלעכער שטיצע.

קאָוונע איז פול מיט מענטשן, וואָס זענען געקומען מאַכן איינקויפונגען אויף ניי־יאָר ימים־טובים, אָדער גאָר דאָרט פאַרברענגען.

די האָטעלן זענען געפּאַקט, אַלץ קאָסט טאָפּלט — און מיין מיטפאָרער, דעם הער איקס פעלט אויס געלט. מיר ווייסן, אַז די קאָוונער קהילה גיט אונטערשטיצונג פּליטים, וועלכע געפינען זיך דאָרט צוליב רייזע אָנגעלעגנהייטן. אָבער דער הער איקס זאָגט זיך אָפּ אויך פון דעם.

מיר אַלע קומען אַריין אין פּאַל־אמט. אין דעם זעלבן לאָקאַל געפינט זיך אויך דער „דזשאָינט". מיר פאַלט פּלוצים איין אַ משונהדיקער געדאַנק, און נישט פרעגנדיק דעם הער איקס, ווענד איך זיך צום דאָרטיקן דירעקטאָר, שטעל אים פאָר די לאַגע פונעם הער איקס און בעט פאַר אים אַ בכבודיקע אונטערשטיצונג, וועלכע ער איז אַוודאי ווערט. דער סימפּאַ־

טישער דירעקטאָר איז שטאַרק גערירט, שרייבט שנעל אָן א בריוו אין דער קהילה, טעלעפאָנירט דאָרט אָן, בעט מען זאָל דעם הער איקס נישט לאָזן שטיין אין דער ריי, און גיבן אים אָן איינמאָליקע, ווי ווייט מעגלעך גרע־סערע אונטערשטיצונג.

א צופרידענע שטעל איך דעם הער איקס פאַר א פאַקט. קוים מיר פועלן ביי אים, ער זאָל גיין אין דער קהילה.

צו אונדזער איבערראַשונג בלייבן מיר דאָרט וואַרטן א האַלבן טאָג, עס געפינען זיך דאָרט בסך הכל צוויי־דריי פּליטים־קליענטן. אָבער דעם בריוו פון דעם דירעקטאָר נעמט קיינער נישט אָן. די צוויי באַאמטע לאָזן צו זיך נישט רעדן. די דאָזיקע צוויי בחורים, וואָס דעצידירן וועגן דער שטיצע אין דער קאָוונער קהילה, זענען אויך געוועזענע פּליטים — פון טשעכיע. לויט זייערע בליקן זעען זיי גאָר אויס ווי געשטאַפּאָ־לייט.

זייער באַציאונג צו די פּליטים איז א גראָבע, פון אויבן אַראָפּ... קוים זיי באַווייזן ענדלעך אויפצונעמען דעם הער איקס. דעם בריוו פונעם דירעקטאָר פון „דזשאָינט" לייגן זיי אוועק אין א זייט נישט איבערליי־ענענדיק אים (זיי קענען נישט לייענען קיין יידיש) און אין א גראָבער פאָרם וואַרפן זיי, יאָ בפירוש — זיי וואַרפן צו דעם הער — א נישטיקע סומע, וועלכע עס באַקומט יעדער פּליט, וואָס באַמיט זיך פון זיי גאָר אַרויס־צובאַקומען. דער הער איז געווען רויט, טרערן האָבן זיך אים געשטעלט אין די אויגן. געבעטן צוריק דעם בריוו פונעם „דזשאָינט"־דירעקטאָר, צע־ריסן אים, זאָגנדיק דערביי: איך צערייס דעם בריוו, עס זאָל נישט בלייבן קיין זכר, אַז איך האָב געבעטן הילף. איך אַליין האָב שווערע טויזנטער געגעבן צדקה פון מיין אייגענער קאַסע, אָבער קיינמאָל נישט אַזוי גראָב, באַליידיקנדיק, ווי איר, צוויי, דאָ...

א פאַרשעמטער איז ער פון דאָרט אַנטלאָפן. און איך האָב אים גע־טראָפן ווידער ערשט מיט טעג שפּעטער אין ווילנע.

ווי אָפט פלעגן מיר, ווילנער פּליטים, באַוואונדערן דאָס שטאָלצע האַלטן זיך פון דעם שטילן מענטשן, וועלכער האָט אפילו אין די אומ־געלומפּערטסטע באַדינגונגען זיך נישט פאַרלוירן. לײדער האָט דער פּלי־טים־פאַראיין פאַר אַזעלכע מענטשן גאָרנישט נישט געקאָנט טון, און אַזעל־כע האָב איך דאָך געטראָפן נישט איינעם...

איך האָב געטראָפן אין ווילנע צווישן די פליטים אונדזערס אַן אַלטן שטוב־פריינט, א נישט־יונגער, אַלטער בחור, סאַלעק האַבשטיין. ער איז תמיד געווען מאַטעריעל גוט סיטואירט, זייער שיין איינגעאָרדנט. א גרויסער מעלאַמאַן און נאָך א גרעסערער פעדאַנט, א צוכט ביז קרענקלעכקייט. ווען מען פלעגט אים מכבד זיין מיט טיי, פלעגט ער אומטאַקטיש אויפהייבן דאָס גלאָז און קוקן, צי עס איז אים גענוג ריין... די לעצטע יאָרן האָט ער א סך געקרענקט, אָבער פון זיינע יונגע אויגן און פרישן פנים איז קיינמאָל זיין קינדיש געלעכטער נישט אראָפּ. ערשט מיט א חודש צוריק בין איך געווען פארבעטן צו אים אין שטוב אין ווארשע אויף א גלעזל טיי. ער איז אָבער שווער קראַנק געוואָרן, און ווען איך בין ארויפגעקומען אין זיין שיינער דירה, האָב איך אים פשוט נישט דערקענט, אזוי פארענדערט איז ער געווען פון וויטיק. ער ליגט אויף זיין רייכן בעט, ארום איז וואַרעם, ליכטיק. זיין חברטע בעט אים, ער זאָל טרינקען כאָטש צוויי לעפעלעך טיי.

—גוט, זאָגט ער, אָבער דו וועסט פאר מיר און פאר דעם גאַסט שפּילן...

זיין חברטע איז א גוטע פיאַניסטקע. זי עפנט דעם פיאַנאָ, עס הערן זיך די ערשטע קלאַנגען פון שאָפּענס סאָנאַטע. דאָס פארענדערטע פנים פון מיין באַקאַנטן באַקומט צוריק זיין שטענדיקן אויסזען — דאָס פארשעמטע קינדישע שמייכל.

דאָס איז געווען אינגאַנצן מיט א חודש צוריק, ווען ער איז נאָך נישט געווען קיין פליט. איצט איז ער מסוכן קראַנק. פאר מיין פארלאָזן ווילנע גיי איך זיך מיט אים געזעגענען. איך שטיי אין טויער, לויטן אָנגעוויזענעם אדרעס, אויך מיר גלויבט זיך נישט, אז דאָ טאַקע זאָל ע ר זיך געפינען. שוין פון דערווייטנס דערגייט צו מיר א שרעקלעכער, עיפּושדיקער ריח, א ריח, וועלכער פילט זיך אויפן ווארשעווער יידישן בית עולם אין מתים־שטיבל, אָדער אין די שטאָטישע אינסטיטוציעס, ווו עס געפינען זיך א סך מענטשן. דאָס איז באַשטימט דער ריח פון דער איינפאַכער, ביליקער דעזאינפעקציע, רעכן איך, וואָס שמעקט מיט אַלטקייט, שימל, טויט...

קוים איך דערפרעג צו אים. איך קום אריין מיט נאָך א באַקאַנטער

נ ע ו נ ד

אין א גאנץ קליין, ענג אָנגעשטעלט צימערל, מיין באקאנטע זעצט זיך אויף א שטול. איך מוז זיך צוזעצן אויפן טיש. מער קיין פּלאץ איז נישטאָ. דאָס גאנצע שטיבל און מיין באקאנטער אויפן בעט מיט דעם אלטן רויטן און געל־ווייסן בעטגעוואנט גיסט זיך צוזאמען אין אַן אָפּגעלאָזענער קאמער פאר אלטווארג, וואָס מען ווארפט צונויף און מען קוקט זיך אויף דעם נישט אום. מיין באקאנטער ליגט פארדעקט ביז צום מויל. איך פרעג אים, צי אים איז קאלט.

—ניין, זאָגט ער א שטארק פארשעמטער. איך האָב אוועקגעגעבן וואשן מיין איינציק נאכטהעמד.

אויך ער איז נישט נעגאנגען בעטן קיין שטיצע...

ס'איז ענדע יאָר 1939. די נאכט פון „סילוועסטער". איך קום נאָר וואָס צוריק פון קאָוונע, אַן אויפגערעגטע, צעקילטע און איך זע, אז מיין גאנצע צוריקרייזע קיין ארץ ישראל שטייט אונטער א פראגע־צייכן. ס'איז פארנאכט, אין מיין צימער איז אזוי קאלט, אז איך קען בפירוש נישט האלטן די פיס אויפן דיל. איך ליג זיך אין בעט. אָבער אין שטוב איז אזוי פראָסטיק פון די פאָר טעג, וואָס מען האָט נישט געהייצט, אז דאָס פּנים פרירט מיר, ווי אין גאס. דאָס ערשטע מאָל האָב איך אזא געפיל, זייענדיק אין א צימער אין בעט אונטער א קאָלדרע. איך טו זיך צוריק אָן און גיי צו מיינע פריינט, וואָס וווינען דאָ נישט ווייט. איך בלייב דאָרט שלאָפן.

די פריינט וווינען ביי אינטעליגענטע קריסטן. די באלעבאטים לאָדן אונדז אלעמען איין צו דער ניי־יאָר סעודה, כדי צוזאמען באגעגענען דאָס נייע יאָר. מיר זאָגן זיך אָפּ, עסן פאר זיך אָוונט־ברויט און לייגן זיך שלאָפן. ביי די קריסטן אין זייער שיינעם סאלאָן איז געגרייט יום־טובדיק דער גרויסער טיש מיט ווייַנען, בראָנפנס און פארשידענע עסנווארג. מיין בעט שטייט נאָענט ביי זייער טיר. חברה עסט, טרינקט, וויצלט זיך. נישט ווילנדיק הער איך יעדן ריר.

אָט האלט דער יונגער פוילישער פאָלקאָווניק א טאָסט וועגן פוילנס פאלן און ווינטשט אלעמען דערלעבן דעם טאָג פון זיין פאָטערלאנדס אויפלעבן — א נייע, פרייע אויף שטענדיק.

דער פּאטעפאָן שפּילט איצט א טאנגאָ, און פיס שארן זיך צום טאקט. שטילע, לאנגזאמע, איינגעהאלטענע טריט.

דער זייגער שלאָגט 12. אַלע שטעלן זיך אויף, און אַלע צוזאַמען זינגען דעם פּוילישן הימן „יעשטשע פּאָלסקאַ ניע זגינעלאַ". נאָך אַ פּאָר מינוטן, און עס ווערט שטיל. אַלע זענען זיך צעגאַנגען.

זייער ניי־יאָר סעודה האָט אויף מיר געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ טרינקען נאָך אַ לויה, ווען מען קומט צוריק פון בית עולם... אין אָט דער נאַכט איז פאַר מיר נאָך בולטער געוואָרן פּוילנס טראַגעדיע.

דער געוועזענער פּוילישער פּולקאָווניק מיט זיין איצטיקער צעלאָזענער זעלנערישער קאַפּאָטע אָן דעם זעלנערישן גאַרטל איז פאַר מיר אויפגעקומען ווי אַ סימבאָל פון פּוילנס צעבראָסטעטקייט, צעריסנקייט, אומאָרדענונג. דאָס האָט זיך ביי מיר אין יענער נאַכט פאַראייניקט מיט אונדזער יידישן אומגליק און אויך מיט מיין פּערזענלעכן אומגליק.

איך בין די נאַכט נישט געשלאָפן און האַרציק געוויינט.

XVIII

איך פאָר

קאָוונע, די ביז איצטיקע הויפּטשטאָט פון ליטע, געפינט זיך אַ קנאַפּע 3 שעה פאָרן פון ווילנע. און דאָך זענען די צוויי שטעט גאַנץ פאַרשידענע. נישט נאָר לויט זייער רום, אויסזען, נאָר אפילו לויט די יידן, וועלכע זענען אין די צוויי שטעט גאָר אַנדערשדיקע.

ווילנע איז מאַלעריש שיין, יעדער ווינקל דערמאָנט אַלטע צייטן, איינגעטונקט אין פאַרגאַנגענהייט. קאָוונע מאַכט אַ מער אייראָפּעאישן איינדרוק, לויט אירע מאָדערנע הייזער און געשעפטן. איך שעם זיך צו דערציילן, אָבער אפילו די איינגאַרטיקע שיינקייט פון ווילנע האָט מיר נישט געלאָזט זען אַנדערש די דאָרטיקע יידן, ווי פאַרדאַגהטע, אָפּגעלאָזענע, פאַרחושכטע און פאַרצאַגטע. און אַזוי זעען אויך אויס זייערע הייזער. עס קאָן זיין, אַז דאָס איז מחמת דער שטענדיקער אָרימקייט, אין וועלכער די ווילנער יידן האָבן געלעבט נאָך פאַר דער מלחמה. און אפשר האָט דערצו גורם געווען די שטענדיקע שרעק פאַר פּאָגראָמען? און אפשר גאָר איז דאָס געווען מחמת צוקוקן זיך פון דער נאָענט צו די צרות פון די פּליטים?...

נ ע ו ג ד

די קאָוונער יידן זעען אויס נעזונטע, שטאַרקע און גוט געקליידטע. זייערע ווייבער זענען ס׳רוב שווער לייביקע, פעטע, עלעגאַנט געקליידטע, דעקאָלטירטע און געשמינקטע.

די קאָוונער יידן גיבן א סך געלט פאַר די פליטים, וואָס געפינען זיך אין ליטע. די אָרטיקע צייטונגען לאָזן נישט אָן זיי פאַרגעסן און דער־מאָנען טאָג־טעגלעך דורך גרויסע צייטונגס־קעפּ וועגן דעם חוב צו די פאַרטריבענע ברידער.

קאָוונע זאָרגט באַזונדערס פאַר דעם יידישן קינסטלער־פּליט. יעדער אָנגעזעענער קאָוונער תושב וואָלט גערן אויסגעהאַלטן, און דווקא ביי זיך אין שטוב עפּעס א באַרימטע פּערזענלעכקייט, א שרייבער וכדומה. זיצן טאַקע עטלעכע שרייבער פּליטים אין קאָוונע אין די רייכע הייזער זינט זיי זענען געקומען קיין ליטע. די „עמך״־פּליטים געפינען זיך כמעט אַלע אין ווילנע. אין קאָוונע געפינט זיך בלויז א קליינע צאָל און נאָר אַזעלכע, וואָס קענען זיך אליין אויסהאַלטן.

עס גייען אוועק טעג און וואָכן. נאָך עטלעכע באַזוכן אין קאָוונער פּאַלעסטינע־אַמט האָב איך ווידער אויפגעהערט גלויבן אין מיין צוריק־פאָרן אהיים. ערשט איינמאָל, אין א פּראָסטיקן נאָכמיטאָג, ווען איך בין געלעגן קראַנק שוין א פּאָר וואָכן אין בעט, דערגייען צו מיר פּלוצים קלאַנ־גען, אז די טעג פאָרן אַרויס פון ליטע מיט דער הילף פון קאָוונער פּאַ־לעסטינע־אַמט א פּאָר פּליטים קיין ארץ ישראל.

מיך הייבט עס פון אָרט. כאָטש מיינע באַקאַנטע פאַרזיכערן מיך, אז זיי דערמאָנען וועגן מיר אין פּאַלעסטינע־אַמט נאָכאַנאַנד, בין איך אומרואיק און מיר דוכט, אז אויב איך וועל נישט פאָרן מיט דער ערשטער גרופּע, וועט זיך ווידער וואָס ענדערן אין דער פּאָליטיק און איך וועל פאַר־לירן די מעגלעכקייט אויף שטענדיק. זאָג איך קיינעם נישט קיין וואָרט, און מיט 38 היץ פאָר איך אין א שטאַרקן פראָסטיקן פאַרטאָג אין קאָוונע.

אין פּאַלעסטינע־אַמט נעמט מען מיך אויף:

—א, גוט, וואָס איר זענט געקומען. מאָרגן פרי פאָרט איר אָפּ מיט נאָך א פּאָר מענטשן. מיר דאַרפן אייער פּאַס, פאָטאָגראַפיעס.

איך קוק זיך אום, צי מען שפּאַסט נישט פון מיר. אָבער ניין, דאָס איז ערנסט. א פאַקט: מאָרגן פרי פאָר איך!

די ידיעה האָט מיך ווי צעטומלט. איך לויף ארויס גלייך צו דער באַן צוריק קיין ווילנע — איך מוז דאָך באַווייזן זיך געזעגענען מיט מיין חברה. פון דער אומדערוואַרטער כוואַליע גליק, וואָס האָט זיך צעשפּילט אין מיר, ווייס איך נישט, וואָס עס טוט זיך מיט מיר. דער קאָפּ דרייט זיך. די פיס ציטערן. צי איז דאָס נישט צוליב מיין געהעכערטער טעמפּעראַטור? נאָר גיי, ווייס, וועלכע טעמפּעראַטור איז איצט שטאַרקער און העכער!

איך קום אין ווילנע, און מיך נעמט ארום א מורא, א בושה, און איך ווייס נישט, ווי איבערגעבן די בשורה מיין חברה, מיר דוכט, אז איך גנבע זיך ארויס פון א סכנה, כ׳דעזערטיר פונעם פּליטים־פראָנט, און כ׳לאָז די אומבאַשיצטע אליין, אויף אייגענעם באַראָט. אָבער ס׳איז נישטאָ קיין צייט פאַר סענטימענטן, צערעמאָניעס. איך האָב צייט בלויז פון איין באַן צו דער צווייטער — דאָס הייסט: א דריי שעה. איך לויף אין ליטעראַטן־היים זיך געזעגענען. יעדער זאָגט מיר אָן עפּעס וועגן זיך — און נישט־איבער גרוסן קיין ארץ ישראל. אָבער מיינע פריינט לאָזן מיך נישט, און מיר טרעפן זיך באַלד ביי דעם חבר מאָזעס צום לעצטן מאָל. דאָרט געפינט זיך א גרופּע מענטשן — פּליטים, מיט וועלכע איך האָב דורכגעמאַכט מיין גאַנץ לעבן, חברטעס פון קינדער־יאָרן, מענטשן פון איין לאַנד, שטאָט, סביבה.

מיר האָבן דאָך אין וואַרשע שטענדיק זיך צוזאַמען געפרייט און געטרויערט, באַגעגנט זיך אויף שמחות און לויות, און ערשט דאָ, אין ווילנע, ווען מיר האָבן זיך ווידער געטראָפן, אמת, אלס פּליטים, אין די ווילדע, משונהדיקע אומשטענדן, האָט זיך אונדזער קרובהשאַפט נאָך מער פארשטאַרקט, פאַרבונדן. און איצטער, ווען איינער פון אונדז פאָרט אוועק, הייבט זיך אָן, ווי נאָכאמאָל צעפאַלן די משפחה. ווערט אומהיימלעכער, אומעטיקער, און מיר דוכט, אז דאָס פאַרלאָז איך נישט ווילנע, נאָר — א צווייט מאָל — וואַרשע: און איך ווייס, אז דאָסמאָל — שוין אויף שטענדיק, שטענדיק.

מיר צעקושן זיך און אלע וויינען...

נ ע ו נ ד

XIX

אין ריגע

מיר קומען אָן אין ריגע פֿאַרנאַכט, אויף דעם באַן־הויף וואַרט אונדז אָפּ א דעלעגאַציע פֿון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, קהילה און באַקאַנטע זשורנאַליסטן. באַלד פֿירט מען אונדז אַריין אין א גאַנץ אָנשטענדיקן האָטעל און מען גיט מיר איבער מיין צימער; באַשלים איך ביי זיך, נישט צו גיין זען די שטאָט, נאָר טאַקע באַלד זיך לייגן אין בעט, אויסרוען. איך פֿיל זיך נישט גוט, מיד. מיין פּלוצימדיקער אַהיימפֿאָר, דער געדאַנק וועגן פֿליען צום ערשטן מאָל מיטן עראָפּלאַן און די פּערספּעקטיוו צו זען סקאַנדינאַווישע לענדער — דאָס אַלעס צוזאַמען האָט מיך ווי אַרויסגעשטויסן פֿון די רעלסן, און כ'בין ווי צעטרייסלט פֿיזיש און פּסיכיש. וויל איך זיך גוט אויסרוען צו דעם מאָרגנדיקן פֿלי קיין שטאָקהאָלם.

אָבער מען קלאַפּט אין טיר. די דעלעגאַציע בעט, מיר זאָלן זיך מיט איר אומבאַדינגט טרעפֿן. זיי ווילן זיך מיט אונדז באַקענען, פֿאַרברענגען דעם אָוונט! מילא, באַשערט אָנקוקן ריגע! מיר גייען אַרויס אין גאַס, — שוין פֿון דער ווייטנס שיינט אונדז אַנטקעגן דער העל באַלויכטענער ריגער טורעם. אָבער אַרום איז כמעט פֿינסטער. צוליב מאַנגל אין ברען־קוילן ברענען אַפילו נישט קיין נעאָנען ליכט, אין גאַס און די קאַפֿע־הייזער זעט מען ווייניק מענטשן. מיר גייען אַרויף אין שטוב צו דעם סימפּאַטישן ד"ר ל. און דאָרט, אין זיין נעטן בודואַר, פֿאַרברענגען מיר ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין.

מיר האָבן דאָרט נישט געטאַנצט, נישט געוויילט זיך, נאָר געזעסן און די גאַנצע צייט ערנסט געשמועסט. זיי אַליין, די ריגער, זענען געווען גאַנץ אומרואיק; דאָס האָט זיך געפֿילט אין זייער יעדן וואָרט, אין די פֿראַגעס, וואָס זיי האָבן געשטעלט. טאַקטיש, מיט אויפֿריכטיקן נייגיר און צאַרטן געפֿיל — האָבן זיי נאָכאַנאַנד אויסגעפֿרעגט, ווי עס לעבן די יידן ביי די נאַציס, ביי די סאָוויעטן, וואָס עס הערט זיך ביי די פּליטים אין ליטע. זיי, די ריגער, זענען געווען שטאַרק באַזאָרגט מיט זייער אייגענער

אומזיכערער לאגע. פון איין זייט דאָס שכנות מיט די נאציס, פון דער צווייטער — די רוסן. האָבן זיי געקוקט אומזיכער אין דער צוקונפט, זיי האָבן שוין דעמאָלט פאָראויסגעזען, אז דאָרט מוז זיך עפּעס ענדערן, אז לאטוויע וועט נישט בלייבן זעלבסטשטענדיק. אָט דער אומזיכערער „מאָרגן" האָט טאקע ארויסגעקוקט פון זייערע אמת יידישע אויגן.

ס'איז שוין שפּעט. מיר געזעגענען זיך הארציק — און בעטן גאָט, דאָס וועטער זאָל זיין שלעכט, און דער עראָפּלאן זאָל זיך פארהאלטן און מיר זאָלן נאָך בלייבן אין ריגע.

צו מאָרגנס גאנץ פרי זענען די ריגער נייע פריינט שוין ביי אונדז אין האָטעל. דאָס וועטער איז גוט. זיי באגלייטן אונדז צום עראָדראָם און מיר אלע געזעגענען זיך, ווי גוטע אלטע פריינט.

איך גיי אריין אין עראָפּלאן און איידער איך באוויז זיך אומקוקן, זיך באקוועם זעצן, רירן מיר פון אָרט. מיר ווערט ענג, דושנע. אפשר איז דאָס מיין אונטערבאוווסטע אינסטינקטיווע מורא, אָדער אפשר איז גאָר טאקע דאָס אומאנגענעמע געפיל ביים אויפהייבן זיך פון דער ערד. א רגע דויערט עס, איך באהערש זיך, דריק זיך צו צו דעם פענסטער מיטן קאָפּ און קוק איינדרויסן. פון מינוט צו מינוט פארקלענערט זיך אלץ, אזוי ווי איך וואָלט אָנגעשטעלט די פארקלענער־זייטן פון א לאָרנעטע. לויט איצט, זעט אלץ ארום אויס, ווי אויסגעשטעלט פון קינדער־קלעצלעך. אָט א הויז — זעט גאָר אויס, ווי א בודע פאר א הונט. די פארגרינטע סביבה — ווי קליינע גרינע העלצלעך. אָט אזעלכע הייזער, גאָרטנס און שיפלעך שטעלן דאָך ביי אונדז אין תל אביב אויף קינדער, שפּילנדיק זיך ביים ים מיט זאמד און וואסער.

XX

שטאָקהאָלם

דער עראָפּלאן לאָזט זיך פּלוצים האסטיק אראָפּ, קרייזט א רגע אין דער נידער איבער דער פלאך, שניידט זיך שטארק איין אין דער ערד און בלייבט שטיין. מיר גייען ארויס — מיר געפינען זיך אויפן עראָ־

דראָם פון שטאָקהאָלם. צו אונדזער איבערראַשונג וואַרט אונדז דאָ קיינער־נישט אָפּ. קוים וואָס מיר קלינגען זיך צונויף מיט דעם דאָרטיקן קהילה־פאָרזיצער, דעם גוט־באַקאַנטן ראַבינער פּראָפ. עהרענפּרייז. ס׳דויערט נישט לאַנג, קומט צו אונדז דער וואַרשעווער זשורנאַליסט ח. וויטאַל, וועמען עס איז געלונגען, אַגב אורחא, אַרויס פון וואַרשע, בשעת דער באָמבאַרדירונג, מיט דער הילף פון דער שוועדישער אַמבאַסאַדע. מען פירט אונדז איבער אין אויטאָס אין דעם גאָר עלעגאַנטן האָטעל „קלאַראַ־לאַרסען", אינעם שענסטן שטאָט־צענטער. איך באַקום אַ באַקוועם, אויסערסט עלעגאַנט צימער. איך בלייב אַליין, וואַש זיך אַרום, טו זיך איבער און איך פיל, ווי מיין הויט הייבט זיך אָן שיילן; אָט קריכט זי פון מיר אַראָפּ און כ׳באַקום אַן אַנדערע אָנשטאָט איר; אָט־אָט, און איך בין אויס „ווילנער פּליט". אויף איין מאָמענט פאַרגעס איך מיין לאַגע און איך פיל זיך צוריק איך: אַ פרייע, אומאָפּהענגיקע פון מענטשנס הילף. איך גלייך זיך אויס, ציִ אויס די גלידער. מיר דוכט, אַז איך בין פּלוצים העכער געוואָרן... איך גיי צו צום פענסטער, קוק אַרויס אינדרויסן אויף די שטאַרק פאַרשנייטע ווייסע וועגן, אויף דער רוישיקער באַוועגונג פון מענטשן, טראַמווייען, אויטאָס, און מיך נעמט ווידער אַרום אַן אומעט, אַ געפיל פון איינזאַמקייט; מיר דאַכט, איך הער אַ געלעכטער איבער זיך. ס׳איז די איראָניע פון גורל — אַזוי לאַכט דאָס לעבן אויס דעם מענטשן.

אָט געפין איך זיך אין שטאָקהאָלם; באַלד וועל איך זיין אין קאָפּענהאַגען — די שענסטע סקאַנדינאַווישע שטעט; זיי צו זען איז פון שטענדיק געווען מיין חלום. זיין אין די לענדער פון סעלמאַ לאַגערלעף, סטרינדבערג. נו, האָט זיך טאַקע מיין חלום פאַרווירקלעכט. אָבער ווען? און אין וואָס פאַר אַן אומשטענדן? איך אַליין בין נע ונד, אַלס פּליט... אין צייטן פון מלחמה און פאַרוויסטונג.

מען קלאַפּט אין טיר. דאָס פאַרבעט מען מיך אויף מיטאָג. אַ גאַנץ עלעגאַנטער און נעט־היימישער עס־סאַלאָן, דער טיש איז שיין סערווירט, באַצירט מיט לעבעדיקע טוליפּאַנען. די וויַיבלעכע דינערשאַפט פירט זיך אויף שטיל, רואיק, מיט פיינע מאַנירן...

מיר פאַרגעסן שנעל אונדזער מידקייט, און גייען זען די שטאָט; מעגלעך, אַז מאָרגן־איבערמאָרגן פאָרן מיר ווייטער. איך ווער פאַרכאַפּט

פון דער מאָסע ליכט, ברייטקייט פון די גאַסן, גרויסער באַוועגונג. מײַנע באַגלייטער זאָגן מיר: דאָס הייסט ליכט?! איר האָט דאָ באַדאַרפט זײַן מיט עטלעכע וואָכן צוריק. איצטער, צוליב מאַנגל אין ברען־שטאָפן, איז באַדייטנד פאַרקלענערט די צאָל נעאָנען ליכט און די אַלגעמיינע באַלייכטונג פון דער שטאָט. מיר גייען דורך די פילע בריקן. אַלעס איז געפרוירן, אָנשטאָט וואַסער זעט מען נאָר אײַז, שניי. אויף אים שטייען ממש ווי צוגעקלעפּטע הונדערטער מעוועס און ווילדע קאַטשקעס; זיי וואַרטן אַזוי געדולדיק דעם גאַנצן ווינטער אָן וואַסער באַוועגונג, אויפן פרילינג; דורכגייער און קינדער וואַרפן זיי עסן, און דעמאָלט ערשט רירן זיי זיך פון די ערטער.

דער פראָסט איז שטאַרק, מיר מוזן זיך אָנוואַרעמען, און מיר גייען אַרײַן אין אַ קאַפע, וואָס ציט אונדזער אויפמערקזאַמקייט שוין פון דרויסן, צוליב זײַן שויפענסטער. דאָרט שטייט אַ גרויסע גיפּסענע מאַדאָנע, וואָס דערלאַנגט ביז דער העלפט פונעם שויפענסטער. אין ביידע זײַטן ברענען גאַנץ גרויסע דיקע וואַקסענע ליכט, אַרום שטייען אָן אַ צאָל לעבעדיקע, געזונטע בלומען, רויטע טוליפּאַנען און געלע היאַצינטן. מיר עפענען די טיר און בלייבן אַ רגע שטיין פאַרגאַפט פון אַנטציקונג. דאָ ברענען בלויז וואַקסענע ליכט, נאַקעטע אָדער אין לאַמטערנעס, אַלע ווענט באַהאָנגען מיט גאַנץ אַלטע האָלענדישע בילדער, און וווּ דו קערסט זיך — בלומען... דאָס גאַנצע קאַפע־הויז איז אָן אמת קונסט־שטיק. יעדעס ווינקל — קליין, אינטים, שטיל. שטיל אין ליכט, אין בילד, אין באַנעמען זיך פון די געסט און פרויען־באַדינונג. דאָס קאַפע „ברען די טונטי" געדענקען מיר אַלע פּליטים גוט; אין זײַן אמת קינסטלערישער אַטמאָספער האָבן מיר פאַרבראַכט אונדזערע שווערע און גוטע שעהן, וואָס מיר זענען געווען אין שטאָקהאָלם.

אונדזער גרופּע פון זעקס מאַן איז אײַנגעלאַדן אויף פּרייטיק צו דער נאַכט־סעודה צום פּראָפ. עהרענפּרייז. מיר באַמיען זיך צו זײַן פּינקטלעך. אויפן וועג שמועסן צווישן זיך אייניקע, אַז זיי ווייסן נישט, וואָס צו מאַכן: ווי וועלן זיי זיך קענען געפינען אין אַזאַ פרומער אַטמאָספער, ביי אַ ראַבינער? באַלד ביים אַרײַנקומען העלפט אונדז דאָס שטוב־מיידל אַראָפּנעמען די פאַרשנייטע מאַנטלען און באָטעס. מען פירט אונדז אַרײַן

אין עס־צימער — דער טיש איז עלעגאנט געדעקט. דער ראַבינער מאַכט קידוש. יעדער באַקומט ווײַן. מײַנע באַגלייטער טוען צוריק אויס זייערע היטלען און זעצן זיך צום טיש. דער טיש ווערט געהאַלטן אין אַ שטרענגן נוסח. מען פילט אין דער שטוב, אין דער פירונג, אײַנגעוואָרצלטע טראַדיציע פֿון דורות. אַלעס איז אויסגעהאַלטן, אָבער נישט שטײַף, נישט געקינצלט; דערפֿאַר דענערווירט עס קיינעם נישט. אדרבא — עס איז אָנגענעם צו האַלטן זיך אין אַ געוויסער ראַם. נאָכן עסן גייען מיר איבער אין דער ביבליאָטעק. דער סימפּאַטישער אינטעליגענטער פּראָפעסאָר דערציילט האַרציק, פּשוט געשעענישן פֿון פֿאַרשײדענע צײַטן. וועגן זײַנע באַגעגענישן מיט הערצלען. דער געשפּרעך איז אַ פֿרײַער, אָנגענעמער, נישט אָנגעצויגענער. איך באַקום דאָרט אַ פּעקל לעצטע צײַטונגען פֿון ארץ ישראל און שלינג אפילו די פֿאַרעלטערטע ידיעות. די פֿרויען גייען איבער אין אַ נעבן־סאַלאָן. פֿול איז דאָס צימער מיט פֿאַרשײדענע קלייניקייטן, פֿאָטאָגראַפֿיעס, אַלבאָמען. אויפֿן פּאָרטעפּיאַן, אויף די אַרומיקע טישלעך. בײַ איין וואַנט שטייט אַן אַלטער, שיינער פּאָטעל, און נעבן אים אויף דער ערד — אַ פֿוס בענקעלע באַדעקט מיט אַ זייער שיינעם גאָבעלין־צודעק. דאָס האָבן געשענקט די קינדער דער פֿרוי עהרענפּרייז אַ מתנה, איר זאָל זײַן אָנגענעם און שיין צו זיצן אין איר פּאָטעל. בײַ קאַווע מיט פֿרוכטן זיצן מיר און פֿאַרברענגען אינטערעסאַנט דעם ערשטן פֿרײַטיק אין שטאָקהאָלם.

ווען מיר האָבן פֿאַרלאָזט קאָוונע, האָט מען אונדז אין דאָרטיקן פּאַלעסטינע־אַמט געזאָגט:

—זייט וויסן, אַז אײַער רייזע אין ארץ ישראל איז נישט קיין זיכערע. ווען איר וועט נישט באַקומען פֿונעם פֿראַנצויזישן קאָנסול אין שטאָקהאָלם די דורכפֿאָר־וויזעס קיין איטאַליע, וועט איר זײַן געצוווּנגען אָדער פֿאַרבלײַבן אין שטאָקהאָלם, אָדער צוריקקומען אַהער.

און דאָך, קומענדיק אין שטאָקהאָלם, האָבן מיר זיך דערפֿילט ווי זיכערער, פֿעסטער בײַ זיך; מיר האָבן נישט געצווייפֿלט, אַז מיר וועלן באַקומען די נויטיקע וויזע.

לײדער! איינער פֿון אונדזער גרופּע, וועלכער איז געגאַנגען צום קאָנסול אין נאָמען פֿון אונדז אַלעמען, איז אונדז מודיע, אַז קודם כּל וויל דער

קאָנסול זען אליין יעדן פון אונדז, רעדן מיט יעדן איינעם באזונדער. דער־נאָך וועט מען זען...

גייען מיר די גאנצע גרופּע צוזאמען, הגם אריינגיין גייט יעדער אריין צום קאָנסול באזונדער; אָבער ארויסקומען, קומען ארויס פון דאָרט אַלע דענערווירטע, יעדער האָט דעם זעלבן אויסדרוק: „ס'איז ביטער!"

די ריי קומט אויף מיר. איך גיי, ווי צום ערשטן עקזאמען — נישט זיכער און אומרואיק. דער קאָנסול נעמט מיין פּאס, פּאָרשט די פאָטאָגראַפיע נאָכאמאָל און ווידעראמאָל. וואַרט איך נישט, ביז ע ר וועט אָנהייבן רעדן, און זאָג אים:

—אָט זעסטו, אז איך בין געקומען אין ווארשע צוויי וואָכן פארן קריג; אין תל אָביב האָב איך געלאָזט מיין מאן מיט קינדער. איך האָב איבערגעלעבט אין ווארשע די שרעקלעכע באָמבארדירונג, געגנבעט גרע־נעצן. איך בין טויט מיד פון שלעפן זיך און זיין אָן א היים. איך בעט דיך, העלף מיר אהיימפאָרן.

ער קוקט מיך שטרענג אָן, מאכט מיט דער האנט א באוועגונג פון אָנמאכט, זאָגנדיק דערביי:

—עס ווענדט זיך נאָר אין גאָט.

—וואָס, זאָג איך אים, אזוי גאָר?! נישט צוליב דעם בין איך דאָך צו ד י ר אהערגעקומען. אויף דער ע ר ד ה א ָ ס ט ו דאָך מאכט, און נאָר ד ו איינער קאָנסט מיר העלפן. בעט איך דיך, טו מיר דאָס, טו דאָס פאר א מ ו ט ע ר!

דער קאָנסול נעמט דעם פּאס, קוקט זיך ווייטער איין אין די פאָטאָ־גראפיעס, וואָס איך האָב אים געוויזן פון מיין מאן און קינדער, לייגט אַלץ אוועק אָן א זייט. ער זאָגט מיר:

—אַלס ארץ ישראל איינוווינערין געהערסטו צו א באזונדער קאַ־טעגאָריע. וועלן מיר זען.

איך גיב איבער אונדזער גרופּע מיין געשפּרעך מיטן קאָנסול. עס הייבט זיך אָן וועקן ביי אונדז א שרעק, אז יענע וועלן אפשר די וויזע נישט באקומען. זיי פאָרן דאָך צום ערשטן מאָל אַלס עולים.

מיר זענען דענערווירט. אָבער אייניקע פון דער גרופּע בארואיקן דעם עולם:

—אייגנטלעך, מיט וואָס זענען מיר דאָ אין ערגערע באַדינגונגען ווי אין ווילנע? און אויב שוין יאָ זיין אַ פּליט, איז דאָך גלייכער איבער־וואַרטן די צייט אין שטאָקהאָלם, ווי אין ווילנע.

אונדזער גרופּע גייט יעדן טאָג צום פראַנצויזישן קאָנסול, בעטן די וויזע. איך וויל זיך מיט אַ כיוון נישט אויסשיילן און גיי נישט אליין. איך בין געקומען מיט אַ גרופּע און איך וויל צוזאַמען מיט זיי אַלע דורכמאַכן אַלעס.

נאָך אַ פּאָר טעג לויפעניש און השתדלותן פון אָנגעזעענע דאַרטיקע מענטשן דאַרפן מיר ענדלעך באַקומען די נויטיקע פּאַפּירן. אָבער גראָד דעם זעלבן טאָג קומט פון ליטע אַ פרישע גרעסערע גרופּע. דער קאָנסול ווערט געוואָר, אַז אָט קומט ווידער נאָך אַ גרעסערע גרופּע. אויב אַזוי, זאָגט ער, מוז ער די זאַך דערליידיקן אַנדערש: צוזאַמען פאַר אַ ל ע מיט־אַמאָל. דאָס הייסט, מיר מוזן ווייטער וואַרטן אַ פּאָר טעג.

די צאָל פּליטים וואַקסט כסדר. עס הייבן אָן קומען מענטשן נישט נאָר דורכן פּאַלעסטינע־אַמט. פאַראַן אויך אַזעלכע יידישע פּליטים, וואָס זענען איבער נאַכט מגולגל געוואָרן אין קריסטן — פּראַוואָסלאַוונע. גע־קומען אַהער זענען זיי אויף אייגענעם חשבון; אָבער דאָ, אויפן אָרט, גע־ניסן זיי פון יידישער שטיצע, ווי מיר אַלע. האָט מען אונדז, די ערשטע „יחסנים", אַרויסגענומען פונעם שיינעם האָטעל און אַריבערגעפירט אין פּריוואַטע קליינע פּענסיאָנאַטן. אַ סימן, אַז מיר וועלן דאָ „ווינטערן".

מען פירט מיך אַריין אין אַ צימער, וואָס איז שוין פאַרנומען פון אַ מוטער מיט אַ טעכטערל — אויך פּליטים פון ליטע. מיר בלייבן זאַלבע־דריט אינעם צימער. די שטימונג ביי אונדז ענדערט זיך, און אַלע סימנים זאָגן, אַז מיר ווערן צוריק אמתע „פּליטים", און ווער ווייס — אויף ווי לאַנג?

די ערשטע פּאָר טעג בין איך נאָכאַנאַנד געגאַנגען איבער דער שטאָט און זי באַוואונדערט, געזען געגנטן, באַזוכט קירכעס, מוזעאומס, בריקן, געשעפטן. איצטער האָט זיך די שטימונג געבראָכן. איך פיל זיך צוריק שלעכט, ליג אין בעט, קאָנטראָליר די טעמפּעראַטור. כ׳דענערוויר זיך, ווען איך זע, אַז אַלע פאַרנאַכט האָב איך שטאַרקע היץ. כ׳שלאָף נישט, הוסט כסדר, און מיינע צימער־שכנים האָבן מורא צו זיצן נעבן מיר. זיי זענען

חושד, אַז איך בין אַ לונגען־קראַנקע. גייט ווידער אַוועק אַ וואָך און צוויי. עס קומען־צו פּליטים, און עס הייבט זיך אָן שאַפן אַ נייע משפּחה. ווידער אַ ניי פּליטים־לעבן — אין שטאָקהאָלם.

אין דער שטאָט ווערט דערווייל די לאַגע אַ געשפּאַנטע, נערוועזע. דער רוסיש־פינישער קריג שפּיגלט זיך דאָ אָפּ אין אַלעם. יונגע שוועדקעס שטייען נאָכאַנאַנד אין די גרויסע פּרעסט און פאַרקויפן פּראָ־פינישע זשע־טאָנען. דאָס זעלבע — אין די טראַמווייען. איבעראַל האָט מען געמאָנט „מס פינלאַנד". די טראַמווייען און שויפענסטער האָבן דערמאָנט מיט גרוי־סע פּלאַקאַטן וועגן פינלאַנד, און גערופן צו אונטערשטיצונג... די קאָמו־ניסטן, וועלכע האָבן פאַרמאָגט גרויסע שיינע קלובן, זענען געווען באַי־קאָטירט. די יידן, וועלכע זענען דאָרט געווען איינגעאָרדנט מאַטעריעל, און זיך געפילט גוט, האָבן פּלוצים אויך זיך אָנגעהויבן ברעכן, און דאָ האָבן זיי — נאָך אָן עול פון פּליטים. שטאָקהאָלם אַליין האָט אויסגע־האַלטן זינט אַ פּאָר יאָר פּליטים פון דייטשלאַנד, און אויב איך האָב קיין טעות נישט — אַ צוויי טויזנט יוגנט פּליטים פון דאָרט. איצטער איז ביי זיי גופא די שטימונג אַ שרעקלעכע — מען ווייס נישט, וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען.

ענדלעך, נאָך וואָכן זיצן אין שטאָקהאָלם, נאָך שתדלנות און בעט־לעניש, איז דער פראַנצויזישער קאָנסול מסכים אונדז צו געבן די וויזע, אָבער מיטן תנאי, אַז מיר פאָרן אַלע פּליטים צוזאַמען מיט איין פראַנצוי־זישער שיף דורך מאַרסעיל, און דאָס אויך — ערשט, ווען עס וועט קומען פון פּאַריז אַ ספּעציעלע באַגלייבטע פערזאָן — נאַטירלעך אַ פראַנצויזי־שער בירגער, צו אונדז, באַגלייטן און זיין פאַר אונדז פאַראַנטוואָרטלעך; ס'איז קריג, און מיר, הייסט עס, וועלן מוזן אַזוי אַרום פאָרן לענגאויס פראַנקרייך מיט דער באַן פון שטאָקהאָלם ביז מאַרסעיל. אין פּאַריז טאָרן מיר זיך נישט פאַרהאַלטן, אונדזער פוס טאָר נישט שטיין אויף פראַנצוי־זישן באָדן, אונדזער אויג טאָר נישט קוקן; בלויז דורכפאָרן. עס הייבט אָן קאָכן צווישן אונדז. אַלע זענען געווען צוגעגרייט פאָרן דורך איטאַליע. דאָרט געפינט זיך דאָך די ציוניסטישע ביוראָ, וועלכע דאַרף פאַר אונדז אַלץ דערליידיקן, געבן שיפס־קאַרטן — טאָ וואָס זאָלן מיר מאַכן?

א פרישע געשיכטע: ווו קריגט מען געלט פאַר אַלע? אויב

פֿאָרן דורך פראנקרייך, הייסט עס, אז מען דארף שוין איינצאָלן באַנעלט, און שיפֿס־קארטן פאר אלעמען, די שוועדישע יידישע קהילה איז נישט צוגעגרייט צו אזא הוצאה.

נאָך א גאנצן חודש זיצן אין שטאָקהאָלם, דארפֿן מיר מאָרגן פֿאָרן פון שטאָקהאָלם קיין מאַלמע, די גרענעץ־שטאָט צווישן שוועדן און דענע־מארק, און פון דאָרט פֿליען קיין קאָפּענהאגען, און פון קאָפּענהאגען פֿליען ווייטער קיין אמסטערדאם. פון אמסטערדאם וועלן מיר פֿאָרן מיט דער באן דורך בעלגיע, גאנץ פראנקרייך ביז צו מארסעיל.

היינט דארפֿן מיר זיך אלע טרעפֿן אין דער קהילה; דאָרט וועט אויך זיין אונדזער רייזע־באגלייטער, געשיקט ספּעציעל פון פּאריז.

צו אונדזער איבערראשונג שטייט פאר אונדז נישט קיין ייד, נישט קיין מאַן, נאָר נאָר א קריסטלעכע דאמע, א האָלענדערין מיטן נאָמען ווייסמיללער.

ווער איז די דאָזיקע פרוי ווייסמיללער? — איר נאָמען איז פּאָפּולער אין גאנץ אייראָפּע, אין קאָנסולאטן, אין רייזע ביוראָס, אויף שיפֿן, אין באנען. זי באשעפֿטיקט זיך מיט איבערפירן יידישע קינדער פון נאצי־לאנד קיין ארץ ישראל; אָט דעם ציל האָט זי זיך געשטעלט, און מיט דעם באַשעפֿטיקט זי זיך די לעצטע פֿאָר יאָר. אונטער איר אויפזיכט לאָזט אונדז ענדלעך די פראנצויזישע מאכט דורכפֿאָרן פראנקרייך.

פרוי ווייסמיללער באקענט זיך מיט אונדז. פארן פֿאָרן האלט זי צו אונדז א רעדע, אין וועלכער זי אינפֿאָרמירט, אז מיר טאָרן נישט מאכן קיין פּאָטאָגראפֿישע אויפֿנאמעס איבערן וועג, נישט פירן קיין ליטעראטור, דער עיקר, מיר מוזן זי הערן, ווייל זי איז פֿאַראַנטוואָרטלעך פאר יעדן אונדזער שריט.

צוזאמען מיט אונדז פֿליט אויך א גרופּע יידישע פליכטלינגס־קינדער קיין ארץ ישראל. אויך אין קאָפּענהאגען ווארט א גרופּע פון דער „יוגנט־עליה" אין אמסטערדאם. פרוי ווייסמיללער וועט זיי אלעמען אויפֿנעמען און מיר וועלן פֿאָרן מיט איין שיף. אזוי איז עס טאַקע געווען. מיר זיצן אין דער באן. פרוי ווייסמיללער מיט די קינדער פארנעמען ספּעציעלע קופּעס; צו אונדז קומט זי נאָר פאר דער בילעטן־קאָנטראָל. מיר האָבן

נישט קיין בילעטן, און ווען דער קאָנטראָלער פרעגט אויף בילעטן, דאַרפן מיר בלויז זאָגן: פרוי ווייסמיללער. און אלץ איז אין אָרדענונג.

XXI

מאלמע

אויפן שטאָקהאָלמער באנהויף טרעפן מיר א גרויסע גרופּע פון דער „יוגנט־עליה", וועלכע פאָרט צוזאמען מיט אונדז קיין ארץ ישראל. מיר טרעפן אויך א גאנץ גרויסע גרופּע יידישע פּליטים, פּאסאזשירן, וועלכע זענען געקומען אהער נישט דורך דעם פּאלעסטינע־אמט. די אלע, וואָס האָבן זיך באמיט צו פאָרן קיין ארץ ישראל, האָט דער פראנצויזישער קאָנסול אין שטאָקהאָלם צוזאמענגענומען און שיקט זיי אלעמען מיט איין פראנצויזישער שיף. כאָטש אונדזערע ערטער אויף דער שיף זענען שוין באצאָלט, ווייסן מיר אפילו נישט דעם נאָמען פון דער שיף, מיט וועלכער מיר דאַרפן פאָרן: אזוי פאָדערט די פאָרזיכטיקייט בשעת מלחמה.

מיר פאָרן פון שטאָקהאָלם קיין מאלמע א גאנצע נאכט. מאלמע — דאָס איז די גרענעץ־שטאָט פון שוועדן; פון דאנען וועלן מיר פליען אינגאנצן 15 מינוט קיין קאָפּענהאגען. מיר קומען אָן אין מאלמע גאנץ פרי. אלע זענען מיד פון דעם פאָרן א גאנצע נאכט, און אָט פאָרט שוין דער עראָפּלאן אויף אונדז. ווי גרויס איז מיין פארוואונדערונג, ווען מ׳פירט אונדז אריין אין בופעט, די טישן זענען שוין פאר אונדז געדעקט צו א שיינעם פרישטיק. און א סך באדינער איילן זיך אונדז באדינען, מיר זאָלן נישט פארשפּעטיקן דעם עראָפּלאן. דאָס האָט די שטאָקהאָלמער קהילה געגעבן צו וויסן דעם דאָרטיקן ביסל יידן, אז מיר פאָרן־דורך און א דע־לעגאציע האָט אונדז אָפּגעוואַרט מיט א פרישטיק, געווונטשן א וווילטער־דיקע גליקלעכע רייזע.

XXII

קאָפּענהאגען

פון מאַלמע קומען מיר צו פליען קיין קאָפּענהאגען. אויך דאָ וועלן מיר דארפןווארטן אויפן אעראָדראָם א וואָסערע 15 מינוט און באַלד פליען קיין אמסטערדאַם. צו אונדזער פארצווייפלונג זאָגט מען אונדז אָן א בשורה, אז מיר מוזן צוריקפליען קיין מאַלמע, ווייל דאָס וועטער איז שלעכט, און אָט איז שוין געשען אָן אומגליק מיט אן עראָפּלאַן. צוויי פּאַסאַזשירן זענען שווער פארוואונדעט. אזוי ווי מיר האָבן נישט קיין דער־לויבעניש זיך אויפצוהאלטן אין דענעמארק, טאָרן מיר דאָך נישט אונדזער פוס שטעלן אויף דער דאָזיקער ערד. דער עראָפּלאַן וועט זיך אין משך פון טאָג אויסבעסערן, און מיר? מיר מוזן לײדער צוריק אין מאַלמע שוין אויפן חשבון פון דער היגער פּלי־געזעלשאַפט.

די ידיעה האָט אונדז אַלעמען ממש דערשיטערט: אזא אומגליק! קוים מיר האָבן זיך שוין יאָ געריררט פון אָרט — נאָך אזוי פיל פּיין, השתדלות, ארבעטן, און מיר פליען צוריק?! ניין, דאָס טוען מיר נישט! — ווער ווייס, וואָס מאָרגן וועט זיין? מיר טאָרן נישט גיין צ ו ר י ק, נאָר באַמיען זיך מיט אַלע כוחות, רוקן זיך פאָראויס. מיר טענהן איין מיטן דאָרטיקן דירעקטאָר, אז אזוי ווי די שולד איז דאָך נישט אונדזערע, טאָר ער אונדז נישט צוריקשיקן. אין ערגסטן פאַל בלייבן מיר דאָ, אויפן אעראָ־דראָם דעם גאנצן טאָג, און אפילו די נאַכט, אבי נישט פליען צוריק. מיר רעדן מיט גוטן, מיט בייזן — דער דירעקטאָר גייט זיך בּאראטן מיטן שעף פון דער פּאָליציי.

מיר אַלע זיצן מידע, אומגליקלעכע, דערשלאָגענע. דער אעראָדראָם איז א גרויסער, שיין איינגעאָרדנטער. מיר זיצן אויף די שיינע בענק ביי די באקוועמע טישן און טראַכטן וואָס צו טון. ביים איינזעצן אין די אעראָפּלאַנען האָט זיך אונדזער גרופּע צעוואָרפן, און דערהערנדיק די בשורה וועגן דער קאַטאַסטראָפע, ווערן מיר אומרואיק: ווער איז געווען צווישן די געשעדיקטע אין דעם עראָפּלאַן, וואָס איז אראָפּגעפאלן? אפשר ווער פון אונדזער גרופּע? און ווער קען דאָס זיין? פּלוצים פאַלט אונדז

איין: געווים זענען דאָך אויך דאָ פאַראַן יידן. א יידישע קהילה. מיר פּרו־בירן זיך צונויפקלינגען.ביים בופעט שטייט א גאַנץ יונגער אייגנטימער, ער העלפט אונדז זיך צונויפקלינגען אויף שוועדיש. לאַנג דויערט דער גע־שפּרעך. אין דער קהילה איז נישטאָ קיינער פון די פאַרוואַלטער. דאָך גע־פינט זיך בלויז א באַאַמטער און ער ווייסט נישט, וואָס צו מאַכן. נאָך לאַנגע קלינגעניש האָט מען זיך קוים, אויף פאַרשידענע שפּראַכן, צונויפ־גערעדט און מען הייסט אונדז וואַרטן. דער אַראַדראָם געפינט זיך ווייט פון שטאָט, און ביז דער קהילה־באַאַמטער וועט געבן צו וויסן דער פאַר־וואַלטונג, און ביז אירע פאָרשטייער וועלן קומען, מוז נאָך דויערן — זיי מוזן דאָך קודם כל פועלן ביי דער פּאָליציי אזא דערלויבעניש, כדי אריינ־לאָזן אונדז אין שטאָט.

עס גייט דורך א האַלבע שעה, א שעה און דריי — די דירעקציע ווייסט שוין, אז מיר האָבן זיך צונויפגערעדט מיט דער קהילה, און וואַרט נעדולדיק. אונדזער חברה איז מיד. א ייִנגעלע פון מיין חברטע איז הונ־געריק. מיר האָבן אָבער נישט קיין דענישע וואַליוטע. איך גיי־צו צום בופעט און וויל איינהאַנדלען ביי דעם סימפּאַטישן בופעטשיק כאָטש א שטיקל ווייסברויט פאַר שוועדיש קליינגעלט.

איך נעם א שטיקל זעמל און פרעג, וויפל איך דאַרף באַצאָלן, זאָגט ער מיר, אז דאָס קאָסט גאָרנישט, ברויט באַקומט מען אָן געלט. איך קוק אים אָן. ער לאָזט אַראָפּ די אויגן. איך ווייס נישט, וואָס דאָ איז געשען, נעם דאָס שטיקל ברויט, באַדאַנק אים און גיב עס אַוועק דעם קינד. אין פינף מינוט שפּעטער קומט ער צו צו אונדזער טיש און זאָגט גאַנץ שטיל א פאַרשעמטער:

—אין נאָמען פון אַן אומבאַקאַנטער פּערזאָן, וואָס וויל נישט אָנגעבן איר נאָמען, זענט איר אַלע געבעטן טרינקען קאַפע מיט קוכן. די פּערזאָן בעט, איר נישט אָפּזאָגן.

און שוין שטייט די פיינע קאַפע מיט קוכן אויפן טיש. חברה נעמט זיך טרינקען, עסן. פּלוצים ברעכט אויס מיין יונגער חבר לעווס זון, ישראל, אין א געוויין, זאָגנדיק:

—אזוי איז עס שוין דערגאַנגען, אז פרעמדע מענטשן האָבן אויף אונדז רחמנות? פאַרוואָס האָט איר גענומען די קאַפע?

נעבן אונדז זיצט איינער פון אונדזערע מיטרייזער, אן עלטערער, שטילער פּאַסאַזשיר. נישט איין טאָג האָט ער אין שטאָקהאָלם געהונגערט צוליב נישט כשרות. אויך איצט איז ער הונגעריק. אים האָט פאַרקלעמט ביים האַרצן. דערזעענדיק די קאַפּע מיט קוכן — אויך ער פּלאַצט אויס אין א געוויין. דערווייל ווערט פולער די אעראָדראָם סטאַציע, אָט באַווייזן זיך פינלענדישע פּליטים, וואָס האָבן שוין נישט קיין היימען — אונדזערע ברידער אין צער. פרויען מיט קליינע קינדער. אויך זיי זעען אויס נישט בעסער ווי מיר. זיי זיצן אויף דער ערד, די קינדער לויפן ארום, שפּרינגען, זינגען. דער איידעלער בופעטשיק קוקט אויף אונדז אלעמען נאָכאַנאַנד מיט רחמנות־אויגן. אָט צעטיילט ער גרויסע טאָוולען שאָקאָלאַד אלע קינדער.

גייט דורך נאָך א שעה און נאָך א שעה. מיר זענען דאָ אהערגעקומען 9 אינדערפרי — ס׳איז שוין 3 נאָכמיטאָג און מיר זיצן נאָך אלץ אויפן אעראָדראָם און ווייסן נישט, וואָס צו טון. ווען עס דויערט אזוי לאַנג, איז עס דאָך א שלעכטער סימן, א סימן, אז די קהילה באַקומט נישט פאַר אונדז קיין דערלויבעניש איבערצונעכטיקן אין דענעמאַרק.

ענדלעך, ענדלעך קומט אַ מענטש פון דער קהילה, אַ מאַן פון איבער דרייסיק, און מען פירט אונדז אלעמען איבער מיט אויטאָס אין דעם אלטן, שיינעם קינג־פרידריך־האָטעל. אויך דאָ באַקומט יעדער פון אונדז אַ באַזונדער צימער. איך וואַש זיך ארום, גיי צו צום פענסטער, באַוואונדער די גוואַלדיק גרויסע ציקליסטן־באַוועגונג; קינד און קייט, אלעם אויף ראָווערן. מען רופט אונדז אויף אָוונט־ברויט אונטן אין דעם שיינעם עס־זאַל.

נאָך דעם טאָג דענערווירן זיך, בין איך טויט מיד און פריי זיך מיט מיין צימער און באַקוועמען בעט: ענדלעך וועל איך אָפּרוען, ווידער אליין אין א צימער. אָבער ניין — דער ד״ר איקס, וואָס האָט אונדז אָפּגענומען פון אעראָדראָם, לאָזט נישט. ווי הייסט, איר גערינט זיך —זאָגט ער— אין אונדזער הערלעך שיינעם קאָפּנהאַגען, מאָרגן פליט איר אָפּ — וועט איר גאָרנישט זען?! ניין! איר מוזט מיט מיר גיין כאָטש אויף איין שעה, איר מוזט וואָס זען!

מיר שעמען זיך אָפּזאָגן. א טייל פון אונדז איז גאָר בייז אויף דעם אַנטשעפעניש, אָבער עס פּאַסט נישט און מיר גייען. אונדזער וועג־ווייזער

איילט זיך. ס'איז שוין פארנאכט. אָט ווערט פינסטער, און ער וויל, מיר זאָלן באַווייזן אין דער קורצער שעה וואָס מער צו זען. ער לויפט, מיר — נאָך אים. גייענדיק רעדט ער אויפן קול, אָנווייזנדיק אויף די גאסן כאַראַקטעריסטישע פונקטן. ס'איז אַ פארנעפּלטער פארנאכט. ס'פאלט אַ דראָבנער קאַלטער רעגן. אָבער אונדזער באַגלייטער אַרט דאָס נישט; ער אַנטציקט זיך נאָכאַנאַנד מיט דער שטאָט, ווי מען וואָלט זי גאָר אים געוויזן. אָט איז די גרויסע מאָנומענטאַלע סטאַטוע פונעם גרינדער פון דער שטאָט, וועלכע עקזיסטירט זינט יאָר 1167. דאָס איז דער קייסער אבסאַלון אויף זיין פערד. אָט איז די קירכע מיט אַ כאַראַקטעריסטישער אויסגעקריצטער העברעאישער אויפשריפט פון מעש אויף דער פאַסאַדע. אָט איז די באַרימטע דענעמאַרקער גליפּטאָטעקע — די גאַלעריע פון סטאַטועס, שניצעריי, פון שטיין אויסאַרבעטונג. כאָטש ס'איז כמורנע־נעפּלדיק, שיינט אָבער די איצט געשלאָסענע גאַלעריע. פאַר איר הויז שטייען הערלעך שיינע פיגורן אין נאַטירלעכער גרויס פון אַ מענטשן, געמאַכט פון גרינעם שטיין. דעם אָריגינעלן מוזעאום האָט געגרינדעט אַ בירגער, אַ ברויעריי־אינהאַבער יאַקאָבסען אין 1892 יאָר. אַך, ווי אונדזער וועגווייזער באַדויערט, וואָס מיר קענען נישט זען די קונסט־גאַלעריע. עס הייבט אָן שטאַרקער רעגענען. מיר ווילן צוריק אין האָטעל. אָבער ניין, נאָך איין אָרט מוזט איר זען — איך בעט אייך — לאָזט אונדז נישט אָפּ דער דאָקטאָר איקס. אָט־אָ דאָ וועט איר זען אונדזער נייעסטע פּאָליציי־סטאַציע.

לויט דעם קורצן שפּאַציר זע איך, אַז אונדזער באַגלייטער ווייסט, ווו צו פירן און אַז אין משך פון דער איינער שעה האָב איך געזען מער, ווי אַן אַנדערש מאָל זיצנדיק וואָכן אין אַ שטאָט. פונדעסטוועגן, דאָך, וואָס הייסט, ער גייט אונדז ווייזן אַ פּאָליציי־אָפּטיילונג?! וואָס קען מען שוין דאָרט טרעפן שיינעס? איך באַוואונדער די ליבע פון דעם מענטשן צו דער שטאָט, צו דעם לאַנד. ער דערציילט מיר, אַז ער איז דאָ אַהערגעקומען מיט זיינע עלטערן נאָכן קישינעווער פּאָגראָם, ער איז אַלט געווען 2 יאָר. איך אַליין, זאָגט ער מיר, אַרבעט פאַרן ציוניזם, באַמי זיך צו שיקן אונדזער יוגנט אַהין. אָבער איך וואָלט ליידער אין קיין אַנדער לאַנד נישט געקענט לעבן.

מיר קומען אריין אין הויז און איך בלייב שטיין. דאָ אויף די טרעפּ־ זעט־אויס, ווי אַן אַריינגאַנג אין אַ גאַלעריע. גאָר ברייטע מאַרמאָרנע טרעפּ, אין די ווינקלען הענגען גרויסע, שוואַרצע אייזערנע לאַמטערנעס און פון מיטן הויף קוקט אַריין אַ ריזיקער מאָנומענט — וואָס זאָל סימבאָליזירן די גערעכטיקייט, — אַ רייטער אויף אַ פערד, אין האַנט אַ שווערד, מיט וועלכער ער גיט איבערן קאָפּ דער שלאַנג; אונטן שטייט אויפגעשריבן: די גערעכטיקייט. אין דער צווייטער זייט — נאָך אַ הויף. אין דער פאָרם פון אַן אַמפיטעאַטער אַרומגענומען מיט קאָלומנעס. איך פאַרגעס מיין מידקייט. עס ווערט פינסטער. אויך די שטאָט איז לעצטנס גאַנץ ווייניק באַלויכטן. ס'איז שוין שווער וואָס צו זען, אָבער די גרינע דעכער שאַפן אַ מערקווירדיקע גרינע פאַן פאַר אַלץ, וואָס מיר טרעפן, און איך בין אַנטציקט. אונדזער חברה איז מיד. אַ טייל גייט צוריק אין האָטעל, זיך אויסרוען. מיר, די איבערגעבליבענע, גייען אַרויף זען די חלוצים־אָרגאַניזאַציע.

מיר טרעפן אַ פּאָר חלוצים. זיי דערציילן אונדז וועגן זייער אַרבעט דאָ, וועגן דער דייטשער יוגנט, וואָס געפינט זיך דאָ אויף הכשרה, וועגן די, וואָס זענען אַהערגעקומען, אַנטלויפנדיק פון דייטשלאַנד נאָך היטלערס אויפקומען. זיי דערציילן וועגן דעם, אַז די חלוצים מאַכן דורך זייער הכשרה אין די דענישע דערפער ביי פּריוואַטע לאַנדווירטן. דער דענישער פּויער ווייסט נישט פון אַנטיסעמיטיזם. מען שטעלט מיר פאָר אַ חברטע. זי גיט מיר אַ בראָשור, וועלכע איז איצט אַרויסגעגעבן געוואָרן צוליב ציוניסטישער אַגיטאַציע צווישן די פּויערים — דאָס איז די בראָשור וועגן חלוץ. חברה רעדט מיט אונדז העברעאיש, רעדט מיט באַגייסטערונג און מיט פרייד וועגן ארץ ישראל.

מיר זענען צוריק אין האָטעל. ס'איז שוין גרייט פאַר אונדז אַ ספּע־ציעל גרויס צימער. ס'האָט זיך פאַרזאַמלט אַ גאַנץ היבשער עולם פון דער אָרטיקער יידישער באַפעלקערונג, פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. מען איז געקומען זיך מיט אונדז באַקענען און פאַרברענגען און ווינטשן אַ גליקלעכע ווייטערדיקע רייזע. עס הייבט זיך אָן דער אַזוי גערופענער באַנקעט. ווי גרויס איז מיין פאַרוווּנדערונג, ווען דער פאָרזיצער הייבט אָן זיין רעדע אין אַ פיינעם, ריינעם פאָלקסטימלעכן יידיש. אַזוי דער

צווייטער רעדנער, דער דריטער. א קאָמישער פאקט: איינער פון אונדזערע פּליטים האָט זיך אויף דעם פּלי־פּלאַץ פּרובירט דורכרעדן טעלעפאָניש מיט דער קהילה. האָט ער פּרובירט אין אַלע שפּראַכן — ווייל ער קען נישט קיין דעניש,— און נאָר יידיש, האָט ער פארגעסן. א שאָד, געקענט זיך און אונדז איינברענגען צייט און דענערווירונג.

צום באנקעט איז געקומען אויך דער דאָרטיקער ראבינער. איך באַ־גענגן א באקאנטע ווארשעווער משפחה, סרעברניק, יונגע מענטשן, וועלכע עס איז געלונגען זיך דאָ אהערקריגן ביים אָנהיים קריג. זיי דערציילן מיר, ווי זיי זענען געלאָפן דורך די באָמבארדירטע וועגן, ווי זייערע צוויי קליינע קינדער זענען פארלוירן געגאנגען. אוי, קלאָגן זיי זיך, ווי מיר זענען מיד, און ווי שלעכט ס'איז צו זיין פּליטים — עס בענקט זיך נאָך אן אייגענער היים!... ווער ווייסט ווי לאנג די מאכט וועט אונדז דערלויבן דאָ צו בלייבן. וואָס וועלן מיר ווייטער טון?...

מען האלט באנקעט־רעדעס. מען פארברענגט ביז שפּעט אין דער נאכט. צומאָרגנס פרי עסן מיר פרישטיק. די דעלעגאציע קומט זיך מיט אונדז געזעגענען. אויף אונדז ווארט דער אעראָפּלאַן.

מיר פליען קיין אמסטערדאם.

XXIII

אמסטערדאם

זינט מיר האָבן פארלאָזן ווילנע, האָבן אונדז אין אַלע שטעט, וווּ נאָר מיר זענען דורכגעפאָרן, אָפּגעווארט יידישע דעלעגאציעס; זיי האָבן אונדז באגריסט און ווארעם געזאָרגט פאר אונדז, ביז מיר זענען אָפּגע־פאָרן ווייטער. אזוי איז געווען אין ריגע, שטאָקהאָלם, מאלמע, קאָפּענ־האגען. איצטער געפינען מיר זיך אויסשליסלעך אונטער דער אויפזיכט פון פרוי וויסמיללער. זי דעצידירט פאר אונדז און דערלײדיקט פאר אונדז אלעס. אָנהייבנדיק פונעם האָטעל ביז באן־בילעטן. פרוי וויסמיללער האָט שטארק ליב „אירע" (ווי זי רופט זיי) קינדער. אָבער אויף אונדז, דער־

װאַקסענע, לײגט זי װײניק אַכט און באַציט זיך צו אונדז, װי אַ שטיפמוטער.

אין אַמסטערדאַם װאַרט איצט אונדז קײנער נישט אָפּ. מיר זענען איצטער אַ גאַנץ היפּשע גרופּע. צוזאַמען מיט די „עליה״־קינדער — אַ פּאָר הונדערט נפשות. מען פירט אונדז אַרײַן אין אַ פּאָר האָטעלן. איך װיל זען די שטאָט, װעגן װעלכער איך האָב זיך אַזױ אָנגעהערט. ס׳איז אָװנט, די שטאָט איז אױך דאָ גאָר קנאַפּ באַלױכטן; עס רעגנט, און איך האָב דאָ קײנעם נישט, װער עס זאָל מיר װאָס װײַזן. דער האָטעל, אין װעלכן איך געפין זיך צוזאַמען מיט אַ גרופּע פּליטים, איז, װי איך מײן, דער ערגסטער אין זײַן מין. און אײניקע פון אונדז — די, װאָס װױנען אױף דעם העכערן שטאָק, באַקלאָגן זיך, אַז עס רעגנט זײ אַרײַן אין די בעטן. די צימערלעך זענען אַזױ קלײן, אַז עס שטײען אױף זײ ענג, אײנס אױפן אַנדערן — דאָס בעט און דער קלײנער װאַש־טישל. נאָך די שײנע האָטעלן אין ריגע, שטאָקהאָלם, קאָפּענהאַגען, פילן מיר זיך דאָ, װי באַלײדיקט. מיך פאַרדריסט, װאָס איך װעל נישט זען די שטאָט. אָבער נישטאָ קײן ברירה. איך שפּאַציר אַביסל איבער די אַמסטערדאַמער גאַסן, לײג זיך שלאָפן. צומאָרגנס פרי פאָרן מיר װײַטער.

איך קוק דורכן װאַגאָן־פענסטער אױף די האָלענדישע הײַזלעך, װעלכע באַגלײטן אונדז לענג־אױס דער באַן־ליניע. די הײַזלעך מיט די גלאַנציקע שױבן, מיט די װײַסע גאַרדינען און בלומען־טעפּ זעען אױס אַזױ רואיק, זאָרגלאָז, באַשיצט און אידיליש, אַז איך בין מקנא די מענטשן דאָרט אינעװײניק.

אַזױ פאָרן מיר אַרײַן אין בעלגיע. אױף אַלע װײַטערדיקע סטאַציעס, װוּ מיר פאָרן נאָר דורך, װאַרטן אונדז אָפּ ייִדן, קוקן אױף אונדז מיט רחמנות, און װײנען אױף אונדזער ביטערן גורל, װאָס מיר מוזן אױפּסנײ זוכן פאַר זיך הײמען. די אַלע האָבן דעמאָלס נאָך נישט געװוּסט, נישט געחלומט, אַז מיט אַ חודש שפּעטער װעלן אױך זײ פאַרװאָגלט און פאַריאָגט װערן פון זײערע הײמען, און אױסזיכט אױף אַ נײער, אמתער הײם.

XXIV

בריסל

אונדזער באַן קומט אָן אין בריסל אין מיטן טאָג, און בלייבט דאָ שטיין א 20 מינוט. אונדז איז פארבאָטן צו פארלאָזן די באַן. צו אונדזערע וואַגאָנען קומען צו האַנטוועגעלעך געפּאַקט מיט שפּייז, שאָקאָלאַד פאר די „עליה"־קינדער — א מתנה פון די דאָרטיקע „וויצאָ"־פרויען. און אַט באַוויזן זיך צענדליקער מענטשן, וואָס האָבן זיך דערוווּסט, אַז מיר פאָרן דורך. אַט איז דער טונקעלער; ער לויפט לענג־אויס דער באַן, זוכט קאָלעגן, באַקאַנטע. ער קושט זיך און פרייט זיך מיט אונדז, זיינע באַקאַנטע נאָך פון ווארשע. ער אליין האָט זיך פריער אַהער ארויסגעראַטעוועט. דאַן — נאָך נישט געוווּסט, אַז באַלד וועט ער ווייטער דארפן לויפן און זיך ווידער ראַטעווען... צו דער דורכפאָרנדיקער יוגנט קומען קרובים, עטלעכע געפינען זיך דאָ אין בעלגיע אויך אַלס פּליטים. ס'האַרץ טוט ווי קוקנדיק ווי זיי וויינען, קושנדיק זיך ביים געזעגענען. אַט קומט צו לויפן א גאַנץ יונג מיידל. זי איז געקומען זיך זען מיט איר ברודער, וועלכער פאָרט מיט דער יוגנט. זיי שטייען ביידע ענג ארומגענומען — רעדן נישט קיין וואָרט, נאָר וויינען שטאַרק. די באַן פייפט און אָן איין וואָרט לויפט דער בחור אין וואַגאָן אריין. פון אומעטום באַגריסט מען אונדז מיט פארוויינטע אויגן.

צו אונדז זענען געקומען חברים פּועלי ציון, זיי ברענגען מיט זיך שאָקאָלאַד, לימאָנאַד, פרעגן פארזאָרגט, מיט וואָס זיי קענען אונדז העלפן: אפשר מיט געלט? זיי טאַקע גיבן צו וויסן פון זיך צו מיינע חברים און פריינט אין פּאריז וועגן מיין קומען. ווייל מיר פּליטים האָבן נישט געטאָרט פון דאָ טעלעגראַפירן. זיי זענען דערשלאָגן מיט אונדזער אַלעמענס אומגליק. מיר באַווייזן זיך נישט דורכצורעדן, געזעגענען — און די באַן דירט פון אָרט. — מיר פאָרן ווייטער צו דער פראַנצויזיש־בעלגישער גרענעץ. אויף אַלע סטאַציעס — דאָס זעלבע בילד, עס קומען קרובים און באַקאַנטע באַגריסן די דורכפאָרנדיקע, אָפּנעמען און איבערגעבן גרוסן. מען וויינט, פאָכעט מיט די נאָזטיכלעך און מ'שאָקלט צו מיט די קעפּ,

קוקנדיק אויף אונדז — די אומגליקלעכע־גליקלעכע, וועלכע האָבן שוין גישט קיין היימען — אָבער פאָרן דערפאַר צו זיך אין ארץ ישראל.

XXV

פאַריז

מיר ווייסן, אז אין פאריז טאָרן מיר זיך נישט אויפהאלטן אפילו איין טאָג, און אונדזער פוס טאָר נישט שטיין אויף דער פראנצויזישער ערד. מיר ווייסן, אז מיר וועלן אָנקומען אינמיטן דער נאכט און צומאָרגנס גאנץ פרי פאָרן מיר ווייטער. מיר אלע האָבן גאנץ שווער איבערגעלעבט אָט די גזירה. יעדערער פון אונדז האָט דאָרט אין פאריז אייגענע, נאָענטע, חברים. מיך פאַרדריסט, וואָס איך וועל נישט זען זיך מיט מיין משפחה, טייערע פריינט; איך וואָלט זיי געוואָלט איבערגעבן גרוסן פון זייערע קרובים, וועלכע איך האָב געטראָפן אין פארשידענע ערטער, בפרט אין פוילן. אָבער באפעל — איז באפעל. א ברירה האָבן מיר?

מיר זענען אָנגעקומען אין פאריז קעגן האלבער נאכט. ארום און ארום איז פינסטער, מ׳דערלויבט אונדז נישט אויסשטייגן. ביז ס׳קומט ענדלעך אָן א גרופע פראנצויזישע געהיים־אגענטן מיט זייער אָנפירער. ערשט איצט הייסט מען אויסשטייגן און מיטנעמען מיט זיך אונדזערע וואליזעס. אין דער באן איז פינסטער, מיר געפינען נישט אונדזער געפעק — עס ווערט א מוראדיקע פאניק. עס רוקט זיך אָן א סדרה רעוויזיעס, א פערזענלעכע רעוויזיע, א רעוויזיע פון די זאכן, און אלעם ווערט געמאכט נערוועז, אָן א וואָסער אָרדענונג. לסוף פירט מען אונדז אין האָטעל. ביים סאמע ארויסגאנג צינדט זיך אָן א גאנץ קליין עלעקטריש ליכט, מיר זאָלן זען דעם וועג, ריכטיקער — מען זאָל אונדז זען.

מען שטעלט אונדז אוים צו פיר, און גרופנווייז פירט מען אונדז איבער אונטער דער אויפזיכט פון די פּאָליציאנטן אין דעם האָטעל, וואָס געפינט זיך א פּאָר טריט פונעם באן־הויף. איך בין איבערראשט פון אזא אומדערוואַרטער אויפנאמע. איך קוק אויף דער ערשטער גרופע, וועלכע גייט פאר מיר, ווי אמתע ארעסטאנטן־פארברעכער. אין דער פינסטער דוכט

מיר, אז ביי דער אייזערנער צוים שטייען צוגעקלעפּטע פּנימער פון אַפּ־וואַרטערס, און צווישן זיי — פּנימער פון חברים, פריינט. עמיצער פון אונדז רופט אויס דעם נאָמען פון האָטעל, וווהין מיר דאַרפן גיין.

—פאָרווערטס! אויך מיין גרופּע גייט פאַראויס. איך קוק זיך אום ביים ארויסגיין פון פאַריזער וואָקזאַל — מיין איבערראַשונג האָט קיין גרענעץ נישט. איז דאָס פּאַריז?! ניין, איז דאָס באמת פּאַריז, ווו איך האָב ערשט מיט דריי יאָר צוריק זיך אַנטציקט מיט דער פּרעכטיקער גרינקייט פון די אַלטע הויכע פאַריזער ביימער און דעם נאַכט־ליכט פון די עלעק־טרישע לאַמטערנעס, וועלכע זענען ווי ארויסגעוואַקסענע צווישן זיי?

איצט — אַרום איז אַלץ פינסטער, טויט. ערשט דאָ האָב איך וויי־דער דערשפּירט מלחמה, און זיך שוין נישט געוואונדערט און מער נישט בייז געווען אויף דער שטרענגער השגחה איבער אונדז, דורכפאָרער. ערשט איצט האָב איך פאַרשטאַנען, פאַרוואָס דער פראַנצויזישער קאָנסול האָט זיך נאָך אין שטאָקהאָלם פאַרזיכערט, אַז מיר וועלן זיין דווקא אין האָטעל „קאָנטינענטאַל", וואָס געפינט זיך ענג ביים באַן־הויף. אַזוי אַרום וועלן טאַקע אונדזערע פיס אויסמיידן מאַכן איבעריקע טריט איבער די פאַריזער גאַסן.

צו מיין אַנגענעמער איבערראַשונג געפין איך שוין אין האָטעל א קליינע גרופּע חברים, קרובים און פריינט. די מיט וועלכע איך האָב ערשט מיט דריי יאָר צוריק אַזוי זיך געפרייט און פאַרבראַכט צוזאַמען דעם גאַנצן ווינטער אין פּאַריז.

זיי ווילן אַראָפּגיין אין גאַס, עפּעס פאַר אונדז ברענגען, אָבער די טיר פון האָטעל איז שוין שטרענג געשלאָסן, מען לאָזט קיינעם נישט ארויס: דער טעלעפאָן אָפּגעשטעלט. זיצן מיר אַזוי די גאַנצע נאַכט צוזאַמען, זיי קוקן אויף אונדז, פּליטים, און דערציילן וועגן זייער שרעק, אַפּוואַרטן, פרעגן מיך, די דערפאַרענע, ווי זיך צו שיצן בשעת א באָמבאַרדירונג. פון זייערע אויגן קוקט ארויס שרעק, פּחד.

די חברים ווייזן מיר זייערע מאָביליזיר־קאַרטן. חבר שוואַרץ דער־ציילט מיר, אַז זיינע פיר ברידער זענען שוין אויפן פראָנט. ער גייט אויך א ליאַדע טאָג, און לאָזט מיר איבער א צוואה.

ווי שרעקלעך, גרויזאם איז מיין באגעגעניש מיט מיינע פריינט אין פּאריז!

א גאנצע נאכט אין דעם האָטעל־צימערל, נאָך מער דערנענטערט דורכן אלגעמיינעם אומגליק, ווארטנדיק אויף דאָס אומבאקאנטע. אזוי האָט אונדז געטראָפן דער פייכטער, נאסער פּאריזער פרימאָרגן.

פּאָליציאנטן רעווידירן די פּאריזער, יעדערן באזונדער, צי האָבן מיר זיי, חלילה, עפּעס נישט איבערגעגעבן.

זיי לאָזט מען ארויס די ערשטע.

אונדז שטעלט מען ווידער אויס גרופּנווייז, און כאָטש ס׳איז ערשט פּארטאָג, די טראמווייען גייען נאָך נישט, שטייען שוין צוגעגרייט פאר אונדז פארן האָטעל שטאָטישע טראָמווייען. מען זעצט אונדז גאנץ שנעל אריין און מען פירט אונדז צו דער באן. די איינצלנע פּאריזער דורכגייער קוקן זיך צו צו אונדז, די פארדעכטיקע רייזנדע — אָבער פּאָליציאנטן היטן אונדז שטרענג, צעטרייבן די אָבסערוואטאָרס — קיינער טאָר זיך נישט דערנענטערן צו אונדז.

אויף דער באן־סטאציע שטייען מיינע באקאנטע, מען לאָזט זיי נישט צו זיך געזעגענען. מיר באווייזן קוים געבן א דרוק די האנט, זאָגן פון דערווייטנס צום „ווידערזען" און מען שטופּט זיי אוועק.

איך זיץ אין באן, אונדזער רייזע איז אן אומעטיקע, א לאנגע. די באן איז קנאַפּ באלויכטן. אין די קאָרידאָרן פינסטער, די פענסטער שטרענג פארהאָנגען. מיר פאָרן קיין מארסעיל צו דער שיף, וועלכע דארף מיך פירן אהיים.

XXVI

מאַרסעיל

ענדלעך קומען מיר אָן אין מארסעיל. ווייזט זיך ארויס, אז מיר דארפן ווארטן אויף דער שיף צוויי טעג. נאָך שטאָקהאָלם, קאָפּענהאגען מאכט אויף מיר מאַרסעיל א שטארק אומאָנגענעמען איינדרוק. דאָ, אין אָט דער אלטער פּאָרט־שטאָט, קאָכט, רוישט און ברויזט ארום. אויך דאָ

לאָזט מען אונדז נישט אליין. מיר זענען אונטער דער אויפזיכט פון צוויי פראנצויזישע געהיים־אגענטן, און נאָר אונטער זייער השגחה מעגן מיר ארויס אין גאס. זיי קומען צו אונדז צוויי מאָל אין טאָג, גייען מיט אונדז שפּאצירן, באגלייטן אונדז ביי אונדזערע איינקויפונגען.

ס׳איז א שיינער פרימאָרגן. אונדזערע צוויי היטערס פּראָפּאָנירן אונדז א שפּאציר, מיר זאָלן זען מארסעיל. מיר באוואונדערן טאקע אַן אמאָליקן פּאלאַץ, וועלכן עס האָט מיט 400 יאָר צוריק אויפגעשטעלט פאר זיך זעלבסט א דעמאָלסדיקער גביר. מיר באוואונדערן דעם אמאָליקן פאר־נעם פון בויען פאר זיך א פּאלאַץ. בלויז איין גיפּסענער פערד, וואָס באַ־שיינט די געביידע, איז שוין אזוי גרויס, ווי א מאָדערנע שטוב אין א תל אָביבער דירה; היינט דער פּאַרק ארום.

צום גליק זענען אונדזערע שומרים צו אונדז נישט זייער שטרענג. זיי דערלויבן מיר ארויס אין גאס און הייסן מיר זיך באמיען מיט זיי נישט צו טרעפן: „ווייל מיר טאָרן דיך נישט זען אין גאס!" האָב איך טאקע אזוי געטון. געזען דעם פּ אָ ל ק ס - פּ ל אַ ץ און באוואונדערט די זאָרגלאָזיקייט פונעם פראנצויזישן פאָלקס־מענטש אויף די פארשידענע רווישנדיקע קארוזעלעס, איצטער — אין צייט פון מלחמה. אויך דאָ איז מיין האָטעל א שלעכטער. א גאנצע נאכט שלעפּן זיך שיכורע מאטראָסן ביי מיין טיר. דאָס עסן אין דעם כשרן האָטעל איז נישט איבעריק געשמאק. איך בין גליקלעך, אז די שעה האָט געשלאָגן און מיר פאָרן צום פּאָרט; דאָרט וואַרט שוין די שיף, וועלכע וועט מיך פירן ק י י ן א ר ץ י ש ר א ל.

ענדלעך! ענדלעך בין איך אין פּאָרט. איך גלויב נישט מיינע איי־גענע אויגן. קוק זיך גוט איין — יאָ, אַן אמת: א שיף!

אלע שטופּן זיך. איך זע, אז אויפן דעק געפינט זיך שוין די פרוי ווייסמיללער מיט די קינדער. מיר דערוואקסענע פּליטים שטייען און וואַרטן, מען זאָל אונדז ארויפלאָזן. דאָס איז א פּאסאַזשיר־שיף. אָבער איצט, אין מלחמה־צייט, פירט מען אויף איר איבער מיליטער אויפן מזרח צוזאמען מיט פערד און דעם גאנצן מיליטערישן אפּאראַט. צום ערשט לאָזט מען ארויף אָפיצירן, זעלנער מיט פּאסאַזשירן זענען אויפן לעצטן פּלאַץ. מיר דענערווירן זיך, יעדער האָט מורא, אז פאר אים וועט קיין פּלאַץ נישט זיין. פון אונדזער גרופּע לויפן פאָראויס מענטשן, זיי ווייזן זייערע דאָקו־

מענטן —אט איז ער, דער באוווסטער מענטש— אים באדארף מען דעם ערשטן ארויפלאזן. מען האט מורא: אפשר וועלן נישט אלע אריין. ציטערט יעדער, אז דווקא ער וועט ב ל י י ב ן.

אלע זענען מיר שוין פארזאמלט. באלד רירן מיר פון ברעג. דאס איז דאס איינציקע ארט, ווו קיינער געזעגנט אונדז נישט, קיינעמס היי־מישער בליק קוקט אונדז נישט נאך. עס הערן זיך קלאנגען פון שפילן און זינגען די „הוירא". דאס טאנצט די יוגנט־עליה, וואס די פרוי ווייס־מיללער האט צוזאמענגענומען, פארנדיק מיט אונדז אין שוועדן, האלאנד, בעלגיע, פראנקרייך. איצט טאנצט זי מיט זיי די לעצטע הוירא. זיי געזעגענען זיך מיט איר — דאנקען פאר איר מוטערלעכער באציאונג און בעטן, זי זאל זיי באזוכן אין ארץ ישראל.

—א, נאך נישט איצט, זאגט זי, — לויט מיין פלאן, וואס איך האב זיך געשטעלט, וועל איך ערשט פריי זיין, ווען די גאנצע יוגנט פון דייטש־לאנד וועט איבערגעשיקט ווערן. ס'מיינט ביז יאר 1944. דעמאלט ערשט וועל איך צו אייך קומען אין ארץ ישראל. דעמאלט וועל איך שוין רואיק, זארגלאז אפעטעמען, גליקלעך, אז איך האב מיין זאך געטון.

זי קושט זיך מיט די יידישע קינדער, גייט אראפ פון שיף, באגלייט מיט הויכע אויסגעשרייען: „זאל לעבן אונדזער פרוי ווייסמיללער!"

זי בלייבט שטיין אונטן, פאר דער שיף, ביז די שיף רירט, דערוויי־טערט זיך.

די קינדער שפילן אויף הארמאשקעס ארץ ישראל־לידער, אויסרו־פנדיק נאכאנאנד: „זאל לעבן פרוי ווייסמיללער!"

מאדנע, דווקא דא, אין פראנקרייך, באגלייט אונדז קיינער נישט.

זי, די פרוי ווייסמיללער, איז געווען טאקע דער איינציקער מענטש, וואס האט אונדז דא געזעגנט. זי, די נישט־יידישקע, איז געשטאנען ביז די שיף האט זיך דערווייטערט מיט די יידן קיין ארץ ישראל; זי האט לאנג נישט אוועקגענומען איר ווייס טיכעלע פון אירע אויגן.

ענדלעך בין איך אויך אויפן דעק. איך באקום א קאבינע, באשטימט פאר דריי פרויען. איך טרעף דארט צוויי אראבקעס. איינע א יונגע, עלע־גאנטע דאמע, וואס רעדט ענגליש, פראנצויזיש; די צווייטע — אן אלטע, שמוציקע. איך האב באוואונדערט די געדולד פון דער עלעגאנטער אראבקע

לגבי דער שמוציקער אלטיטשקער, און נאָך מער דעמאָלט, ווען עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אז זי איז גאָר אַן אַלטע יידישע מזרח־פרוי.

זיי זענען צופעליק געפאָרן צוזאמען און אוים רחמנות האָט זיך די יונגע אראַבקע מיט איר אזוי פארנומען.

מיר געפינען זיך שוין אויף דער שיף א פּאָר שעה און איך באוונ־דער נאָכאנאַנד דעם פראַנצויזישן מענטשן. צוזאמען מיט אונדז פאָרן הונדערטער פראַנצויזישע זעלנער — און ווי האלטן זיי זיך?!... די גאנצע צייט האָט נישט פאסירט, א זעלנער זאָל ווענען באליידיקן אָדער האלטן זיך נישט פיין. און היינט, ווען כ׳לייען וועגן דער אנטי־יידן־העצע אין פראנקרייך, איז מיר אפילו שווער צו באגרייפן, און זען די פראַנצויזן ביים אויספירן די דאָזיקע געזעצן (כאָטש איך ווייס, אז קיין אנטיסעמי־טיזם האָט אויך דאָרט נישט געפעלט).

די גאנצע צייט איז פינסטער אויף דער שיף. ארום זעט מען נישט קיין שיפן. אונדזער שיף שלעפּט זיך איבערן וואסער לאנגזאם, אומעטיק, אָנגעלאָדן מיט קוילן, וואָס ווארט אויפן שונא. א פּאָר מאָל האָבן מיר אפילו געמוזט אָנטון די רעטונגס־גארטלען און מאכן איבונגען. דאָס הייסט: עס זענען געווען אויסזיכטן, מיר זאָלן זיך ראטעווען אויפן וואסער.

XXVII

דער סוף פון דער וואנדערונג

אונדז זאָגט מען נישט, ווי לאנג מיר וועלן זיין אויף דער שיף. אומאָפיציעל דערוויסן מיר זיך, אז מיר וועלן גאָר לאנדן אין ביירוט און פון דאָרט ערשט מוזן פאָרן מיט באנען, אויטאָבוסן קיין ארץ ישראל. מיר נעמען־אויף די בשורה גאנץ רואיק. אמת איז, אז מיר זענען דאָ א פּאָר הונדערט מענטשן — און אַן עלט. אָבער, נישקשה! זאָל נאָר אונדזער שיף אָנקומען בשלום צו א יבשה, און אלעם וועט זיך געווים איינאָרדענען. נישט בחינם איז דאָס יידישע פאָלק „צעזייט און צעשפּרייט" איבער דער גאָרער וועלט... זיכער וועלן זיך אויך אין ביירוט געפינען יידן, וואָס וועלן פאר אונדז זאָרגן, ווי ביז איצט, אין ס׳רוב דורכפאָר לענדער.

אין אָט דער זיכערקייט אונדזערער איז געווען אַזויפיל אוממיטלבאַרע שיינקייט, דערהויבנקייט, אַז איך האָב זיך פּלוצים, און צום ערשטן מאָל אין לעבן דערפילט שטאָלץ, וואָס איך געהער צו אָט דעם פאָלק.

אונדזער שיף איז נישט פאַרפאָרן קיין ביירוט, נאָר זיך אָפּגעשטעלט גלייך אין חיפה. איך בין אין ארץ ישראל. די פּאַסאַזשירן גייען איבער אין קוואַראַנטין. מיך, אַלס שטענדיקע איינוווינערין, לאָזט מען גלייך אַראָפּ. מען האָט נישט געוווסט, ווען איך קום, און קיינער וואַרט מיך נישט אָפּ. איך בין אַליין. דאָס האַרץ קלאַפּט נערוועז, שנעל. דער קאָפּ דרייט זיך. מיט ציטער און נייגער קוק איך אויף דער שטאָט. מענטשן, געשעפטן, און גלויב נישט מיינע אייגענע אויגן: מענטשן איילן צו זייער באַשעפטיקונג, אין די שויפענסטער — אמתע צוקער, ברויט, שיך... הייסט עס, אַז מען מוז נישט הונגערן אין לאַנד, אַז מען מוז נישט גיין אָפּגעריסן און באָרוועס, ווי מען האָט גערעדט און געטראַכט אין אויסלאַנד?

מיר פאָרן מיטן אויטאָ קיין תל אָביב. מיר פאָרן פאַרביי אַראַבישע דערפער, און קיינער שטערט נישט, אַראַבישע קינדער וואַרפן נישט קיין שטיינער; זיי באַגריסן מיך גאָר מיט זייערע שמוציקע הענטלעך. די „אומרוען" — אויך זיי זענען נישט קיין „מוז", ווי מען האָט געוואָלט דאָ איינשמועסן...

און אָט בין איך אין תל אָביב. א שולדיקע, פאַרשעמטע און צעטומלטע קלינג איך אין מיין טיר...

— מיין וואַנדערן האָט זיך געענדיקט!

XXVIII

סך־הכל

דאָס וואָרט „תפוצות ישראל" האָט אין מיין אויסטייטשונג תמיד פאַרקערפּערט אין זיך: גלות, געפאַלנקייט, אונטערדריקונג, בזיונות. און איצטער, ווען איך האָב געזען די טויזנטער יידישע פּליטים, וועלכע ס'איז דאָך געלונגען צו אַנטלויפן פונעם תלין און אָנקומען אין די פאַרשידנסטע

לענדער, און דאָס — נאָר א דאנק דער ברידערלעכער הילף פון די נאָך פון פריער פונאנדערגעבלאָזענע יידן איבער דער וועלט, דוכט מיר, אז דער גורל האָט ווי פאַראויסגעזען, וואָס עס דערוואַרט דעם יידישן פאָלק אין משך פון לאַנגע דורות, און דערפאַר צוגעגרייט אָט די יידישע „ערשטע הילף־סטאַציעס" אין אַלע וועלט־ווינקעלעך.

כאָטש מיר גייען־נאָך און באַגלייטן נאָכאַנאַנד פראַגמענטן פון די גרויזאַמע איבערלעבונגען, וועלכע וועקן ביי מיר כסדר שרעק־אַסאָציאַ־ציעס און לאָזן נישט וועגן זיך פארגעסן, באַדויער איך נישט מיין פּליטים־רייזע. פאַרקערט: אין דעם, וואָס איך האָב צוזאַמען מיט די צענדליקער טויזנטער אייגענע מיטגעמאַכט דאָס אַלץ, איז פאַראַן — אָן גוזמא — א מין גליק. כ'בין געוואָרן אייגענער מיט אייגענע און אויך היימישער אין דער היים...

איך שרייב די דאָזיקע לעצטע שורות נאָכדעם, ווי כ'בין צוריקגע־קומען פון א באַזוך אין די ווייטסטע פונקטן דאָ ביי אונדז אין לאַנד. כ'האָב זיך צוגעקוקט צו דער פיבער־שנעלער און טרייער ארבעט פון די עלטערע אין כפר גלעדי און פון די יונגע אין דפנה און פון די גאָר יונגע אין חולתא, געזען זייערע גליקלעכע פּנימער — דערביי האָב איך דערפילט, אז כ'היב אָן ענדלעך פארלירן די אינערלעכע אומרו פון א פּליט, א נע־ונד; ס'וואַקסט ביי מיר די זיכערקייט, אַז אָט די סטאַ־ציע וועט געוויס זיין די ייִם בעסטן צוגעגרייטע ענד־סטאַציע. נישט נאָר פאַר זיך, נאָר פאַר די אַלע, וואָס וואַרטן „ערגעץ ווו" דאָרט, אין דער הרובער וועלט, אויפן גליקלעכן מאָמענט דאָ אהער צו קומען.

פּרעסע שטימען וועגן:

דאָס פּוילישע יידנטום

ביכער־סעריע פון דעם צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן אין אַרגענטינע

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

יעקב לעשטשינסקי שרייבט וועגן „טלאָמאַצקע 13" אין זיין ארטיקל א.נ. „דאָס בוך פון דעם פּאָעט ז. סעגאַלאָוויטש וועגן דער אונטערגעגאַנגענער יידישער שרייבער־וועלט אין פּוילן" („פאָרווערטס", ניו־יאָרק, 23טער פעברואַר 1947):

ארגענטינע האָט אונדז ווידער געבראַכט א שיינע מתנה — א טרויעריקע ביז טרערן, א האַרץ־רייסנדיקע, א מוח־שפּאַלטנדיקע, אָבער דאָך זייער אַן אָנגעלייגטע מתנה.

דער פּאָעט, ז. סעגאַלאָוויטש, וועלכער האָט אין זיינע פּאָעמעס געשטעלט די העכסטע און הייליקסטע מצבה דעם אומגעבראַכטן פּוילישן יידנטום, איז דער אויטאָר פון א נייעם בוך, וואָס דער ארגענטינער פּאַרלאַג „דאָס פּוילישע יידנטום" האָט נאָר וואָס ארויסגעגעבן. 255 זייטן — דאָס איז א קדיש, איין לאַנגער קדיש נאָך הונדערטע יידישע שרייבער, דיכטער, זשורנאַליסטן, עסייאיסטן, מוזיקער, שוישפּילער, קינסטלער פארשידענע. א קדיש נאָך יענער גייסטיקער וועלט, וואָס האָט אזוי האַרציק, אזוי זעעליש פארשטאַנען צו שאַפן דעם בריק צווישן דעם אַלטן און נייעם יידנטום, וואָס האָט דעם דאָזיקן בריק געבויט פון די נערוון און נשמות פון א גאַנצן דור יידישע שאַפער.

אין קיין שום לאַנד אין דער וועלט שטעלן דאָך יידן מיט זיך נישט פאָר אייגנטלעך קיין פאָלק אין נאָרמאַלן זין פון וואָרט. די אסימילירטע טיילן פון די מאַטעריעלע און גייסטיקע שפּיצן פון יעדער יידנשאַפט שניידן ווי אָפּ דעם קאָפּ פונעם קיבוץ. די שפּראַך־אסימילאַציע פון דער מאַסע ווישט אָפּ דעם יידישן פּנים פונעם קיבוץ. געווים, געווים, בלייבן נאָך גענוג ירושה־סימנים פון אַנדערש זיין, אָבער קיין גאַנצקייט, קיין גאַנץ בילד פון א פאָלק באַקומט זיך נישט. גאָר אַנדערש איז געווען די לאַגע אין פּוילן. דאָ האָט מען געטראָפן אפילו א מיליאָנער אין דער לאַנגער שוואַרצער קאַפּאָטע, אינעם פּירעקעכיקן קאַשקעטל אויפן קאָפּ און מיט דער לאַנגער באָרד. און זיינע מיליאָנען האָבן אים נישט געשטערט צו פאָרן צום רבין עטלעכע מאָל אין יאָר, פּראַווען שלש סעודות אין די שטיבלעך מיט דער כאַפּטע אָרימע חסידים. אויך אין פּוילן איז געווען אַן אסימילירטע יידישע בורזשואַזיע, אָבער זי איז געווען אָפּגעטיילט און אָפּגעריסן פונעם קיבוץ. זי האָט זיך נישט געמישט אין יידישע ענינים. זי האָט דעריבער ווייניק געשטערט דער גאַנצקייט פּור־

נעם בילד. דערפאר אָבער זענען אויך געווען גענוג רייכע יידן אויף צו שאפן דעם שפּיץ פון א נאציאָנאלן קיבוץ, פון א פאָלק, וואָס גייט נישט ארום אָן דעם גבירישן קאָפּ.

און דאָס זעלבע קען מען זאָגן וועגן דעם גייסטיקן קאָפּ. אין ערגעץ איז נישט געווען אזא ברייטער שטח יידישע אינטעליגענץ פון אלע מאסשטאבן און פון אלע סאָרטן, ווי אין פוילן. ווידער אמאָל דאָס אייגענע — ס׳איז געווען אַן אסימילירטע אינטעליגענץ, וועלכע איז געשטאנען מיט אלע אירע איברים אין דער פרעמדער וועלט. ס׳איז אָבער געווען גענוג אייגענע, וואָרצלדיקע, אייגנארטיקע און באָדנדיקע אינטעליגענץ, וועלכע האָט געמאכט נישט פילן דעם לאָך פון דער אוועקגעגאנגענער.

און אויך די אונטערשטע עטאַזשן זענען ביים פוילישן יידנטום געווען ברייטער און טיפער, ווי ביי וועלכן ס׳נישט איז אנדערן יידנטום — אין ערגעץ זענען נישט געווען ביי יידן אזוי פיל טרעגער, בעלי־עגלות, שווארץ־ארבעטער, שווער־ארבעטער, ווי בויער און מוליערס, ווי אין פוילן. און אָט דער דאָזיקער ברייטער עולם האָט אויך געלייענט א צייטונג, געווען אָרגאניזירט אין פאראיינען, גענומען אנטייל אין פּאָליטישע דעמאָנסטראציעס און האָט אויך געהאט זיינע באליבטע דיכטער און שרייבער.

און נאָך איין זאך — די פרומסטע יידן אין פוילן האָבן געלייענט א צייטונג און געווען פארבונדן מיט א צייטונג, פּסיכיש, גייסטיק, אינטים. און מען דארף געדענקען, אז דאָס איז געווען אַן אָרטאָדאָקסיש יידנטום, וואָס האָט נישט יוצא געווען מיטן דאווענען פון רב און מיטן היטן כשרות פון רב, ווי דאָס טרעפט אזוי אָפט אין אָרטאָדאָקסישע קהילות אין אמעריקע.

און דער גאנצער ארום האָט געפילט, אז דאָ לעבט נישט קיין שפּליטער פון א פאָלק, נישט קיין רעשטן, נישט קיין ירושה, וואָס צאנקט און גוססט, נאָר א פאָלק, וואָס האלט אין וואקסן, אין שאפן, אין פארברייטערן און פארטיפערן זיינע קולטור־ווערטן, זיינע אייגענע, פון טאַטעס און זיידעס און עלטער־זיידעס איבערגענומענע, באנייטע און אָפּגעפרישטע, אָבער נישט פארפלייצטע פון פרעמדע אינהאלטן און פרעמדע פאָרמען.

לאָמיר שוין אויסזאָגן דעם לייענער דעם נאָמען פון סעגאלאָווישעס בוך, וואָס האָט אונדז אזוי פארכאפּט. דאָס בוך הייסט „טלאָמאצקע 13״. דאָס איז געווען דער אדרעס פון יידישן ליטעראטן פאראיין אין ווארשע, ריכטיקער דער אדרעס און די היים פון דער יידישער גייסטיקער וועלט פון פוילן און ממילא אין א גאָר גרויסער מאָס פונעם וועלט־יידנטום. ווייל פון דאָרטן האָט מען זיך געשיידט און געפאָרן אין אלע עקן וועלט, צעפירט די קולטור־ווערטן פון די יידישע מאסן אין אלע עק־וועלטן, אויך קיין ארץ ישראל. און איז א יידישער שרייבער אָדער דיכטער פון ערגעץ־ווו געפאָרן קיין אייראָפּע, איז אויב נישט די ערשטע, איז די וויכטיקסטע סטאציע געווען אין „טלאָמאצקע 13״, ביי די יידישע שרייבער און דיכטער פון פוילן. דער יחוס פון דאָזיקן פלאץ איז נישט באשטאנען אין דעם, וואָס דאָרטן האָבן זיך קאָנצענטרירט די גרעסטע יידישע טאלאנטן אָדער די עלטסטע יידישע שרייבער. דער יחוס איז באשטאנען אין דעם, וואָס די שרייבער און דיכטער האָבן געהאט הינטער זיך א פאָלק, א לייענער, וואָס האָט ארויסגעקוקט אויף יעדעס ניי ווערק, אויף יעדן נייעם שיר, אויף יעדן נייעם געדאנק, אויף יעדן געזעלשאפטלעכן לאָזונג. דער יחוס איז באשטאנען אין דעם, וואָס די שרייבער און דיכטער פון דעם פלאץ זענען געוואקסן פון דער ערד,

פון וואָרצלען און נישט פון אימיגראציע און נישט פון גרייטער ירושה־קעשענע; וואָס אויף יעדע צוויי גרויע קעפּ האָבן זיי געהאט דריי שווארצע קעפּ, ווען אין די אימיגראציע לענדער זעט מען נאָר גרויע קעפּ צווישן די יידישע שרייבער.

און סעגאלאָוויטש האָט דעם גרויסן פארדינסט, וואָס ער האָט אזוי מייסטעריש דאָס אלץ ארויסגעבראכט און מיט אזא הארץ־ווייטיק און מיט אזא צעבראָכענער נשמה אָפּגעזאָגט קדיש נאָך דער דאָזיקער מחנה יידישע שאפער. יאָ, א גאנצע מחנה — דער פאראיין האָט געהאט העכער דריי הונדערט מיטגלידער, אָבער אין דער אמתן האָבן דאָרטן פארבראכט און געאָטעמט, מיט דער לופט פונעם פּוילישן יידנטומס גייסטיקן הונגער און זיין בענקשאפּט נאָך פרייהייט און שווונג, טויזנטע און טויזנטע.

סעגאלאָוויטש האָט נישט געשריבן אין דאָזיקן בוך די געשיכטע פונעם פאראיין אָדער די ביאָגראפיע פון איינצלנע מיטגלידער זיינע, כאָטש אין אלגעמיינעם באקומען מיר די דאָזיקע ביידע זאכן. ער האָט זיך אָבער נישט פארגעבן מיט אזעלכע צילן — דאָס וואָלט געווען אפשר גאָר נישט אזוי אינטערעסאנט. — סעגאלאָוויטש האָט געטון א וויכטיקערע און אינטערעסאנטערע ארבעט. אויפן פּאָן פון טלאָמאצקע 13 האָט ער אונדז געגעבן די נשמה פונעם ווארשעווער יידנטום, פון זיין לויפן, פון זיין עקשנות, פון זיין קאָנסערוואטיזם, פון זיין טרייקייט צו זיך און צו ירושה, צו זיין פאראכטונג צו אלע מינים אנטלויפער פון דער יידישער גאס. אויפן פּאָן פון טלאָמאצקע 13 האָט ער אונדז געגעבן די פּויליש־יידישע פּראָווינץ מיט איר נאאיווקייט, הייליקער נאאיווקייט — נאאיווקייט, וואָס האָט אזוי געגלויבט אין מענטשן, אין קולטור, אין פּראָגרעס, אין דער געזאלבטקייט פון יעדן קולטור־שאפער. אויפן פּאָן פון טלאָמאצקע 13 האָט סעגאלאָוויטש אונדז געוויזן די צוגעבונדנקייט פונעם פּוילישן יידן צו זיין צייטונג, צו זיין פּארטיי, צו זיין באליבטן דיכטער. און דאָס אלץ איז

געגעבן בילדלעך, לעבעדיק, און דערביי מיט אזא ווייטיק, מיט אזא צער, אז ס'פּארקלעמט דאָס הארץ.

פון די פענסטער פון טלאָמאצקע 13 האָט מען געזען דעם פּשעיאזד — דאָס איז געווען א קורץ און שמאָל געסל, ווו מען האָט זיך ממש אָפּגעריבן די זייטן. דאָ האָט מען זעלטן געטראָפן א גוי, ווייל זיי, די באלעבאטים פון לאנד, האָבן אויסגעמיטן זיך צו שטופּן צווישן די קאפּאָטעס, און קאפּאָטעס זענען דאָ געווען לאנגע און שווארצע און אין די טויזנטער, ווי די פרומע וואָלטן זיך צונויפגערעדט צו גיין אלע דורך דעם דאָזיקן שמאָלן וועג, כדי וואָס מער זיין צוזאמען, וואָס מער צו דעמאָנסטרירן דעם אייגנעם פּנים, די אייגנע ארט, די אנדערשקייט פון דעם פרעמדן ארום און אפשר טאקע אויך כדי זיך צו פילן זיכע־

רער און באַוואָרנטער פון יענע באַלעבאַטים, וואָס די קאַפּאָטע האָט אין זיי אָנגעצונדן דעם עשו.

סעגאַלאָוויטש שטעלט זיך אָפּ אויף די דאָזיקע ימים קאַפּאָטעס, וואָס האָבן 18 אָדער 19 שעה אין מעת לעת דעמאָנסטרירט זייער צוגעהעריקייט צום אייגענעם פאָלק, זייער עקשנות זיך צו האַלטן באַזונדער, איזאָלירט פונעם גוי — און סעגאַלאָוויטש פרעגט מיט רעכט: וואָס איז דאָס געווען? טפּשות? בלויז פאַנאַטיזם? און ער ענטפערט מיט רעכט: זענען דאָך געווען צווישן די דאָזיקע קאַפּאָטע־יידן חכמים און קענער, וועלכע האָבן געקאָנט פאַרשטעקן אין גאַרטל א צענדליק מאָדערנע אַסימילירטע יידן, שוין אָפּגערעדט פון חכמים מיט גוי׳אישע קעפּ. און פאַנאַטיזם? זענען דען נאָר אַלטע יידן געווען גרייט זיך מקריב צו זיין פאַר דער קאַפּאָטע און פאַרן קאַשקעטל? זענען דאָך געווען צווישן די יונגע קאַפּאָטע־יידן אַזעלכע, וועלכע האָבן געלייענט ספּינאָזען און האָבן געקאָנט גוט פויליש און אַמאָל נאָך א פרעמדע שפּראַך און געווען בקי אין די מאָדערנסטע געדאַנקען־שטרעמונגען.

ווייזט אויס, אַז דאָ האָט געשטעקט א טיפערער געפיל — דער רצון צו זיין אַנדערש, צו זיין אָפּגעטיילט, זיך נישט אויסצומישן, נישט בטל ווערן אין דער אַרומיקער באַפעלקערונג אפילו נאָר אויסערלעך.

ביי א נאָרמאַל פאָלק איז דאָס נישט נויטיק — דאָס לאַנד, די מלוכה איזאָלירט און שאַפט יענע אומבאַדינגט נויטיקע איזאָלירטקייט, אָן וועלכער ס׳איז נישט מעגלעך קיין אייגענע נאַציאָנאַלע לעבנס־פאָרם, קיין אייגענע נאַציאָנאַלע קולטור. ביי א מינדערהייט און נאָך ביי א לאַנדלאָזער מינדערהייט מוז די איזאָלירטקייט געשאַפן ווערן באַוווּסטזיניק, און זי מוז באַטאָנט ווערן און זי מוז מאַניפעסטירט ווערן. דאָס האָט געפילט אינסטינקטיוו די פויליש־יידישע מאַסע מיט איר געזונטן נאַציאָנאַלן חוש. און ווייל די מאַסע האָט אַזוי געפילט און געלעבט, האָט אויך דער שרייבער דאָרטן זיך בעסער און געזונטער געפילט. מען האָט געהונגערט, מען האָט געליטן דלות ווי אין קיין שום לאַנד אין דער וועלט, חוץ די קאַרפּאַטאָ־רוסישע יידן, ווי אָבער ס׳איז נישט געווען קיין מאָדערן יידיש לעבן. דער פיזישער הונגער איז אָבער קאָמפּענסירט געוואָרן מיט דער גייסטיקער זאַטקייט. ניין, דאָס איז נישט דאָס פּאַסיקע וואָרט. דער פיזישער הונגער איז געשטילט געוואָרן דורך דעם גייסטיקן הונגער. דאָס איז אָן צווייפל.

די זייטלעך, אויף וועלכע סעגאַלאָוויטש באַשרייבט אָט די קאַפּאָטע־יידן אויף דעם פּשעיאַזד, אָט דעם געדיכטן ים יידן, וואָס מען האָט געקאָנט מיינען, אַז קיין שום רוצח און קיין שום מערדער וועט נישט קאָנען זיי אומברענגען — אָט די דאָזיקע זייטן זענען ממש קלאַסיש. יעדער קומענדער היסטאָריקער, וועלכער וועט וועלן כאַפּן דעם נשמה־ריטם פונעם פּוילישן יידנטום ערב דער גרויסער קאַטאַסטראָפע, וועט מוזן אָנקומען צו סעגאַלאָוויטשעס בוך.

און נישט ווייניקער מייסטעריש איז געגעבן די פּראָווינץ מיט אירע רעפּעראַטן, מיט איר דורשט צו זען און צו הערן א יידישן שרייבער, מיט איר אַרומרינגלען דעם גאַסט — דעם רעפערענט — מיט ליבע און צערטלעכקייט, ווי ביי קיין שום פאָלק אין דער וועלט. ער דערציילט זייער אַן אינטערעסאַנטע געשיכטע, ווי אין א שטעטל האָט אים דער פּוילישער קאָמיסאַר גערופן, ער זאָל געבן א דערקלערונג וועגן וואָס ער וועט לייענען. ער האָט אים דערקלערט, אַז ער וועט רעדן וועגן דער יידישער ליטעראַטור. האָט זיך דער

קאָמיסאַר געוווּנדערט פאַרוואָס די פּוילישע יוגנט רופט נישט קיין פּוילישע שרייבער אויף רעפעראַטן. די דערקלערונג, וואָס דער לעקטאָר האָט געגעבן, איז געווען גאָר אַ פּשוטע — די פּוילישע יוגנט פאַרברענגט אין שענק און די יידישע אין ביבליאָטעק. און ער האָט דעם קאָמיסאַר דערציילט, אַז אויך אַ פּוילישער יונגער מענטש, וואָס וויל אין דער פּראָווינץ אַ בוך, קומט אָן צו דער יידישער ביבליאָטעק, וועלכע פעלט נישט אין קיין שום שטעטל, און ווו עס זענען אויך פאַראַן גענוג פּוילישע ביכער. דער קאָמיסאַר איז געוואָרן ווייך, געגעבן די דערלויבעניש אויף דער לעקציע און אַליין געקומען אין לייען־זאַל כאַפּן אַ קוק אויף דער הונגעריקער יידישער יוגנט, וועלכע קוקט מיט ברענענדיקע אויגן אויפן לעקטאָר און הערט אים מיט האַרץ־קלאַפּעניש.

מיר האָבן קוים זיך צוגערירט צום רייכן מאַטעריאַל פון דעם נייעם בוך פון דעם פאַרלאַג „דאָס פּוילישע יידנטום". דאָרטן זענען דאָך פאַראַן גלענצנדע כאַראַקטעריסטיקעס פון אַ פּאָר הונדערט יידישע קינסטלער פון אַלע מינים — כאַראַקטעריסטיקעס דורך אַ בליץ־בילד, דורך אַ בליץ־פּראַזע. און מיר זעען ווי אַ לעבעדיקן אָט נאָמבערגן. און אָט גאָטליבן, און אָט ווייסענבערגן, און אָט גאָר יאַנקעלע דאַנציגער, דעם קוים גראַמאַטנעם אימפּרעסאַריאָ, וואָס לעבט אין ליטעראַטן פאַראיין און איז איינגעליבט אין אַלע שרייבער, אָבער פיל מער אין די יידישע שוישפּילער. דאָס בוך מוז געלייענט און געלייענט ווערן.

ווענן אַלע ענינים, וואָס האָבן אַ שייכות מיט דער ביכער־סעריע „דאָס פּוילישע יידנטום" זיך ווענדן:

Unión Central Israelita Polaca en la Argentina

Pueyrredón 667 Buenos Aires

דאָס בוך האָט זיך געענדיקט דרוקן דעם
21סטן יוני 1947 אין דער דרוקעריי
„ה יי מ א ן" — פאסטעור 333
טעלעפאָן 47־7752 - בוענאָס איירעס

Este libro terminóse de imprimir
el día 21 de Junio de 1947 en los
Talleres Gráficos H E U M A N,
Pasteur 333. Tel. 47-7752 - Bs. Aires